STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02190

ANAYE SHAS THINE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אנייע

ש״ס תחנה

פיר און אכציג

פערשידענע נייטיגע תחנות פיר אגאנץ יאהר פון גרויסע גאונים און פון נשים צדקניות און יעדע פרויא קאן זיך אלע איהרע בקשות פון דיא תחנות ארויס נעמען :

מיט גרוסע ווערטער

און

אלעם בסדר

ווילנא

לוח המפתחות

דאס זיינען דיא תְּחִנוֹת וָואס גיפינֶען זיך אין דיא נַייֶע ש״ם תְּחִנָּה

א) תְּחִנָּה מַה טובו 5
ב) תְּחִנָּה נָאךְ מַה טובו —
ג) תְּחִנָּה מוֹדֶה אֲנִי 6
ד) תְּחִנָּה עֶרֶב וָבוֹקֶר 11
ה) תְּחִנָּה קְלֵיין קְרִיאַת שְׁמַע —
ו) תְּחִנָּה כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ 12
ז) תְּחִנָּה שִׂים שָׁלוֹם 13
ח) תְּחִנָּה יְרוּשָׁלַיִם פַּארִין דַאוְוֶנֶען 14
ט) תְּחִנָּה נָאכִין דַאוְוֶנֶען 15
י) תְּפִלַּת הַחַיִּים פוּן יֶעדִין טָאג 17
יא) תְּחִנָּה שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת 19
יב) תְּחִנָּה שַׁעֲרֵי רַחֲמִים 25
יג) תְּחִנָּה פוּן רְפוּאָה 26
יד) תְּחִנָּה פוּן לִיכְט צִינְדִין 27
טו) דִּינִים פוּן לִיכְט צִינְדִין 28
טז) תְּחִנָּה פוּן שַׁבָּת פְּרִיא —
יז) תְּחִנָּה נָאךְ מִזְמוֹר אֱלֹהִים יְחָנֵּנוּ 30
יח) תְּחִנָּה בִּרְכַּת קוֹדֶשׁ 31
יט) תְּחִנָּה שְׁלשָׁה שְׁעָרִים 33
כ) דִּינִים פוּן נִדָּה 35
כא) דִּינִים פוּן חַלָּה —
כב) תְּחִנָּה פוּן חַלָּה נֶעמֶען 36
כג) מוּסָר פַאר וַוייבֶּער —
כד) תְּחִנָּה פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בֶּענְטְשִׁן 38
כה) תְּחִנָּה עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ 42
כו) תְּחִנָּה מִקְרָא קוֹדֶשׁ 43
כז תְּחִנָּה וּמוֹלָדוֹת לְחוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן און וֶוען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז 46
כח) ״ ״ לְחוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו 47
כט) ״ ״ לְחוֹדֶשׁ טֵבֵת 49
ל) ״ ״ לְחוֹדֶשׁ שְׁבָט 50
לא) ״ ״ לְחוֹדֶשׁ אֲדָר וַאֲדָר 51
לב) ״ ״ לְחוֹדֶשׁ נִיסָן 53
לג) ״ ״ לְחוֹדֶשׁ אִיָּיר 55
לד) ״ ״ לְחוֹדֶשׁ סִיוָן 56
לה) ״ ״ לְחוֹדֶשׁ תַּמּוּז 57
לו) ״ ״ לְחוֹדֶשׁ אָב 58
לז) ״ ״ לְחוֹדֶשׁ אֱלוּל 59
לח) תְּחִנָּה שַׁעֲרֵי רַחֲמִים לְשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב 61
לט) תְּחִנָּה אִמָּהוֹת לר״ח אֱלוּל 62
מ) תְּחִנָּה שְׁלשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת צוּם אוֹיס נֶעמֶען לְרֹאשׁ הַשָּׁנָה 68
מא) תְּחִנָּה פַאר שׁוֹפָר בְּלָאזִין 70
מב) סֵדֶר תְּקִיעוֹת 71
מג) תְּחִנָּה צוּם אוֹיס נֶעמֶען פַאר יו״כ 73
מד) תְּחִנָּה סְלִיחוֹת פַאר ר״ה 75
מה) תְּחִנָּה פוּן שׁוֹפָר בְּלָאזִין אֱלוּל וְרֹאשׁ הַשָּׁנָה 80
מו) תְּחִנָּה פוּן אוֹיס נֶעמֶען דִי ס״ת 81
מז) תְּחִנָּה שַׁעֲרֵי שָׁלוֹם 83
מח) לְדָוִד מִזְמוֹר ר״ה נָאךְ מַעֲרִיב 84

לוח המפתחות

מט) שיר המעלות וואס מען זאגט ר"ה ויום כפור נאך ישתבח 84
נ) תחנה פאר הזכרת נשמות 85
נא) סדר הזכרת נשמות 88
נב) תחנה נאך הזכרת נשמות 91
נג) תחנה הזכרת נשמות לאבל וליאר צייט 92
נד) תחנה פר אכלה פר דער חופה 94
נה) תחנה ששה סדרים 95
נו) תחנה לר"ה אין דער פריא 97
נז) תחנה להושענא רבה פר הלל 100
נח) תחנה פאר ברכת כהנים 103
נט) סדר ברכת כהנים 104
ס) תחנה לשמחת תורה 105
סא) תחנה פארן ארויס גיין פון שול 106
סב) איין גיבעט אויף ר"ה 107
סג) תחנה לראש השנה נאך ליכט בענטשין 112
סד) סדר תשליך 115
סה) אנייע תחנה צו תשליך 117
סו) תחנה עשרת ימי תשובה 122
סז) סדר כפרות 124
סח) תחנה נאך כפרות שלאגין 125
סט) תחנה חדשה לערב יום כפור צו ליכט בענטשין 128
ע) תחנה לערב יום כפור נאך ליכט בענטשין —
עא) תחנה פון נאך תפלת נעילה 132
עב) תפלה ליום כפור פאר מנחה 136
עג) תחנה צום אויס נעמען למנחה יום כפור 137
עד) תחנה פון סוכות צוא ליכט בענטשין 139
עה) תחנה נאך אתרוג בענטשין 141
עו) אנייע תחנה להושענא רבה פאר הושענות 143
עז) תחנה לשמיני עצרת ולשמחת תורה 144
עח) איין ליד פון שמחת תורה 145
עט) תחנה לחג הפסח צוא ליכט בענטשין 150
פ) תחנה לחג השבועות צוא ליכט בענטשין 153
פא) שיר אנעים זמירות 155
פב) אל מלא רחמים לבי מין 158
פג) תחנה לתשעה באב —

תחנה מה טובו

מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל: ואני ברוב חסדך אבא ביתך בזכות אברהם שנקרא איש החסד: אשתחוה אל היכל קדשך בזכות יצחק שנעקד על גבי המזבח במקום קדוש: ביראתך בזכות יעקב שאמר מה נורא המקום הזה:

רבונו של עולם בזכות שלשת אבות אלו אבוא לבית הכנסת להתפלל לפניך ובזכותם תעלה תפלתי תפלת האביון לרחמים ולרצון לפני כסא כבודך ותעלה ותתנשא לכתר על ראשך על ידי מטטרון שר הפנים אמן סלה: אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה: סעפים שנאתי ותורתך אהבתי: יי אהבתי מעון ביתך ומקום משכן כבודך: ואני אשתחוה ואכרעה אברכה לפני ה׳ עושי: ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון אלהים ברב חסדך ענני באמת ישעך:

מה טובו וויא גוט איז דיין גיצעלט יעקב און דאס רוואונג פון די ישראל דס איז דער היילגער בית הכנסת און איך קום מיט דיין גרוים גנאד אין דיין שול בזכות אברהם וואס ער איז גערופן איש חסד איך טוא מיך בוקין צום היכל בזכות יצחק וואס ער איז גיבונדן גיווארן אויף דעם מזבח און בזכות יעקב וואס ער האט גיזאגט וואס פאר איין פארכטיג ארט דס איז:

רבש״ע אין דם זכות פון די דריי אבות קום איך אין דיין היילגער שול אריין תפלה טאן פאר דיר מיך צו דער בארימען און באוויליגין פאר דיין כבוד אז עס זאל אויפגיין מיין תפלה און זאל זיין איין קרוין אויף דיין קאפ דורך דעם מלאך שר הפנים. גאט איך האב ליב די וואונג פון דיין הויז און דאס ארט פון דיין רוואונג איך טוא מיך בוקן און לויבן פאר גאט מיין בשעפר און טו בעטן צו דיר מיט באוויליגקייט גאט מיט דיין גנאד זאלסטו מיר ענטפערן מיט ווארהייט דיינע הילף:

דיא תחנה זאל מען זאגין אבינד און מארגען נאך מה טובו:

מי אנכי ווער בין איך דאס איך זאל זוכה זיין תפלה צו טאן פאר אזו איין פארכטיגן גרויסן קיניג דר דא איז איין קיניג איבער אלע קיניגן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא גלויבט און גהייליגט איז דיין נאמען איך בין איטיל בלוט און פלייש איך בין ניט ווערט דס איך זאל גדיינקן דיין נאמען און מכל שכן דאס איך זאל פאר אים תפלה טאן און זאל גדיינקן זיין נאמן וויא זאל איך אויף הייבן מיין פנים פאר אזו איין פארכטיגן קיניג דער דא איז איין קיניג איבער אלע קיניגן גלויבט און גהיילגט איז זיין נאמן. ער איז דערהויכט איבר אלע גיוועלטיר נייערט

וֶועגִין זַיין נִינָאד אוּן וֶועגִין זַיין גְרוֹיס דֶרבַּארִימְקַייט דָס עֶר דֶרבַּארִימְט זִיךְ אִיבֶּר דֶער גַאנְצֶר וֶועלְט אוּן בַּאנֶערְט דִיא תְּפִלָּה אוּן בַּקָּשָׁה פוּן זַיינֶע קֶנֶעכְט וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (קָרוֹב ה׳ לְכָל קוֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאוּהוּ בֶאֱמֶת) דָאס אִיז טַייטְשׁ גָאט אִיז נָאהֶענְט צוּ דִי וָואס רוּפִין אִים מִיט וָואר זַייט אוּן מַיין גֶעשְׁרֵיי טוּט עֶר הֶערְן אוּן פַר נֶעמְט דִי תְּפִלּוֹת פוּן אַלֶע קְרַייטֶר דִיא וָואס טוּעֶן דִיךְ אָן רוּפֶען אָמֵן:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּא הֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אִיךְ וֵויים גַאנְץ וואוֹ אַז אִיךְ בִּין אַיין אָרִימֶער זִינְדִיגֶער מֶענְשׁ אַז אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְט צוּ שְׁטֵיין אוּן תְּפִלָּה צוּ טָאן פַאר דַיין גְרוֹיסֶן גֶעאַכְפֶּערְטְן נָאמֶען אוּן צוּ זַיין גְרוֹיס הֶערְלִיכְקַייט אוּן גְרוֹיס אַכְפֶּערְקַייט הָאט קַיין שִׁיעוּר נִיט אוּן קַיין עֶרֶךְ נִיט דָאס זַיין גְדוּלָה אוּן גְבוּרָה אִיז נִיט מֶעגְלִיךְ צוּ דֶערְצֵיילִין אוּן אִיךְ בִּין אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער זִינְדִיגֶער מֶענְשׁ אוּן זָאל שְׁטֵיין פַאר אַזוֹי אַיין לֶעבֶּעדִיגֶען אַלְמֶעכְטִיגֶען הֶערְן תְּפִלָּה צוּ טָאן אוּן אִיךְ פַארשְׁטֵיי אוֹיךְ נִיט פִיל וָואס אִיךְ טוּ תְּפִלָּה נַייעֶרְט דֶען דוּא בִּיסְט אַיין גְרוֹיסֶער רַחֲמָן אוּן בִּיסְט דֶעמוּטִיג אוּן בַּאנֶערְסְט דִיא תְּפִלָּה פוּן דֶעם וָואס טוּט דִיךְ אָן רוּפֶן מִיטְן גַאנְצֶען הַארְצֶען אוּן דוּא גָאט פַאר שֶׁעמְסְט נִיט זַייעֶר תְּפִלָּה דַרוּם הָאב אִיךְ מִיךְ דֶר וואגִין צוּ בֶּעטֶען דִיךְ בַּארִימְהֶערְצִיגֶער פָאטֶער מִיט אַיין דֶעמוּטִיג הַארְץ אוּן מִיט וֵוייכֶע רֵייד אוּן הָאב חֲרָטָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאב גֶעטָאן פוּן מַיין יוּגֶענְט אָן בִּיז אַהֶער. אִין דֶעם הַיינְטִיגֶען טָאג. אוּן דוּ זָאלְסְט מִיר שִׁיקֶען דִיא מַלְאָכִים וָואס זֵיי זַיינֶען נֶעזֶעצְט אִיבֶּער דִיא תְּפִלּוֹת פוּן דִיא יִשְׂרָאֵל אַז אוּנְזֶער תְּפִלָּה זָאל אוֹיךְ אָן גֶענוּמֶען וֶוערִין אָמֵן סֶלָה:

תחנה מודה אני

מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ גָאט מַיין גָאט אוּן גָאט מַיינֶע עֶלְטֶערְין אִיךְ שְׁטֵיי פַאר דִיר אָרִימֶע פְרוֹי מִיט אַיין גִיבּוּקְטֶין קָאפּ מִיט אַיין צוּ בְּרָאכֶען הַארְץ. מַיין לֶעבִּין אִיז אִין דַיין הַאנְד אוּן מַיין טוֹיט אִיז אוֹיךְ אִין דַיין הַאנְד אִיךְ שְׁטֵיי פַאר דִיר מִיט לוֹיטֶער צִיטֶערְנִישׁ אִיךְ בֶּגֶער פוּן דִיר אַז דוּא זָאלְסְט מִיר מוֹ..ל זַיין מַיינֶע זִינְד וָואס אִיךְ הָאב גֶעזִינְדִיגְט אוּן גֶעשׁוּלְדִיגְט פוּן דֶם טָאג מַיין גֶעבָּארֶן בִּיז הַיינְטִיגֶן טָאג אוּן אוֹיבּ אִיךְ הָאב גֶעזִינְדִיגְט פוּן דִיא דְרַיי מִצְוֹת וָואס דוּ אוּנְז וַוייבֶּער הָאסְט גֶעבָּאטֶען חַלָּה נִדָּה הַדְלָקַת הַנֵר בֶּעט אִיךְ דִיךְ אַז דוּא זָאלְסְט מִיר הַיינְט דָאס נִיט גֶעדֵיינְקֶען אוּן נִיט חָלִילָה כָּרֵת דִי יָאר אָפּ צוּ שְׁנַיידֶן נַייעֶרְט אִיךְ בֶּעט דִיךְ זָאלְסְט מִיךְ נָאךְ לָאזֶען לֶעבִּין בִּיז אִיךְ וֶועל מִצְוֹת מְקַיֵּם זַיין וָואס אִין דַיין תּוֹרָה שְׁטֵייט.

ווען מיין צייט וועט קומען צו שטארבען זאל דיא מיתה זיין איין כפרה אויף מיינע זינד און מיין נשמה זאל אויסגיין וויא איך האב דאס ניט פערדינט ביי דיין ליבען נאמען בעט איך דיך במתנת חנם דוא הערסט דאס געבעט פון אלע מענשען זאלסטו דערהערן מיין געבעט אויך אמן כן יהי רצון:

אנא השם איך בעט דיך גאט און גאט פון מיינע עלטערן איך האב געזינדיגט און גמיסטייט פון דעם טאג אז איך בין געבארען געווארען ביז אין דעם היינטיגען טאג איצונד האט מיך דערהויבען מיין הארץ און בעווילינגט צו מיין גאט צו ווידער קערן מיט ווארהייט מיט מיין גאנצען הארצען און מיטין גאנצען גוטס און דס וואס איך האב געזינדיגט באקען איך דרויף און וויל ווייטער פערלאזן. און וויל שוין ניט טאן דיא זינד איך וויל שוין ניט טאן קיין זינד איך וויל מיר היינט אין מיין הארץ נעמען ווייטער ריין צו בלייבען פון זינד וויא אקליין קינד וואס ווערט ערשט געבארען. גאט אלמעכטיגער איך איבער ענטפער מיין נשמה אין דיין האנד דיין היילגען נאמען מיין דעה איז מיר נאך ניט אזוי לויטער געוועזען ווייל איך לעב אצונד בעט איך אז השם יתברך זאל איין עדות זיין און אלע ספרי תורות דיא אין היכל און דיא עדה הקדושה וויא דא שטיין באקען איך אז גאט איז יחיד ומיוחד און קיינער מער איך האף צו השם יתברך אז מיר מיין נשמה זאל איבער הונדערט יאר אויסגיין מיט דיא ווערטער שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד דער ווארטען אז איך באגער אז מיין נשמה זאל קענען אויף דעם ארט וואו מען זיא גענומען געווארען אצונד בין איך מוסר מודעה פון היינט און ווייטער ווען דער שטן וועט קומען און וועט ב׳ לילה אנרייצען צו בייזען בעט איך השם יתברך זאל אלץ מבטל זיין און אלע דיא רייד זאלען זיין בטל ומבטל כחרס הנשבר און הקדוש ברוך הוא זאל זיין עדות און דיא ספר תורה וואס אין היכל זיינען דאס איך גלויב אין מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא יחיד ומיוהד און קיינער מער און בעט השם יתברך אז מיין נשמה זאל קומען צו שרה רבקה רחל לאה אויף דעם ארט וואס מיין באגער איז און אויב חס ושלום דער שטן וועט קומען און וועט וועלען מיך אנרייצען אז איך זאל עובר זיין אויף איין מצוה וואס דוא האסט געבאטען וואס אין דיין ליבער תורה שטייט מכל שכן אז איך וואלט חס ושלום לייקענען אין דיין היילגען נאמען דען ווען דער מענש שטארבט חס ושלום דאס וועלבינע מאל איז אפארכט און אנגסט און ציטערניש אויף דעם מענש און דס ער זיין שכל און זיין זין פערלירט ער ווייס ניט וואס

ער טוט און רעט אצונד בין איך מיט מיין שכל און פערשטאנד באקען דעם שטן עם זיי מיט מיינעם ריידען אדער מיט געדאנקען אויך פון אלץ וואס דאס מויל ריידען קען און דאס הארץ געדאנקען קען אזוי בין איך מוסר מודעה אז איך וועל חס ושלום אין דער זעלבינע צייט אומרעכטע רייד ריידען זאל אלץ זיין בטל ומבוטל כחרס הנשבר גליך וויא עס איז קיין מאל אין מיינע געדאנקען געוועזען. און איך גלויב אין גאט און דיין הייליגען נאמען אז דוא ביסט אמת און דיין תורה איז אמת און משה רבינו איז אמת און דו ביסט איינער און קיינער מער דו ביסט געוועזען און ביסט היינט און וועסט זיין איין קעניג אימער און אייביג אמן

כן יהי רצון:

שוב יום אחד לפני מיתתך דער מענש זאל תשובה טאן איין טאג פאר זיין טויט דרום בין איך היינט מוסר מודעה מיט מיין גאנצען שכל אז איך בין מאמין אין אלע דיא שלש עשרה עקרים וואס אונז האבען די חכמים מוסר געוועזן. דאס ערשטע איך בין מאמין אז גאט ברוך הוא איז אבעשעפער פון די אלע וועלטען און האט בעשאפען אלע די באשעפניש וואס די אלע וועלטן זיינען. דם אנדרע בין איך מאמין אז גאט ברוך הוא איז יחיד ומיוחד וואס איז אין ערגעץ ניט צו געפינען דעם אנדערן ער איז היה הוה ויהיה ה' אחד ושמו אחד. דאס דריטע בין איך מאמין אז גאט ברוך הוא איז ניט צו גלייכען צו איין גוף און קיינער קען זיין געשטאלט ניט גרייכען און קען ניט פינדען דען ער האט קיין התחלה און קיין סוף און קיין גרונד ניט צו זיין מחשבה. דאס פערטע איז איך בין מאמין אז גאט ברוך הוא איז קדמון לכל העולמות ער איז דם ארט פון אלע עולמות אבער דיא עולמות זיינען ניט דאס ארט פון אים ער איז ראשון לראשונים ואחרון לאחרונים. דאס פינפטע בין איך מאמין אז נאר צו דעם גאט איז ווערט מתפלל צו זיין און ניט צו קיינעם מער וויא דוד המלך עליו השלום האט געזאגט ואני תפלתי לך ה' עת רצון. דאס זעקסטע איז איך בין מאמין אז דיא נבואה פון אלע אונזערע נביאים וואס האבען אונז נבואה געזאגט גלויב איך אז דאס האט אלץ גאט געהייסען זאגען. דאס זיבעטע בין איך מאמין אז משה רבינו עליו השלום איז געוועזן אב לחכמים ואדון הנביאים דם טייטש איין פאטער איבער דיא חכמים און איין הער איבער דיא נביאים. דאס אכטע בין איך מאמין אז נאר דיא תורה הקדושה איז צו אונז געגעבען געווארען דורך משה רבינו עליו השלום. דאס נײנטע בין איך מאמין אז דיא תורה וועט ניט פערביטען ווערן צו אייביג נייערט וויא דיא תורה איז אצונד מיט אלע דיא אותיות און ווערטער אזו וועט

זיא בלייבען אימער אונ אייביג. דאס צענטע בין איך מאמין אז גאט ברוך וייס אלע מחשבות פון דיא מענשען אונ אלע פערבארגניש וויא וואול ער איז געשבפערט אונ אלע דיא וועלטען ברענעדיגע מלאכים וואס אים בדינען האבען קיין ערך נים אונ קיין מספר דאך איז ער משגיח אויף אלע מעשים אונ מחשבות פון דיא מענשען. דאס עלפטע בין איך מאמין אז גאט ברוך הוא גיט שכר טוב צו דיא וואס דינען אים מיט גאנצען הארצען. דאס צוועלפטע בין איך מאמין אז גאט ברוך הוא וועט אונז שיקען משה בן דוד אויסצולייזען פון דעם ביטערין גלות וועון ער זוימט מיט זיין קומען דאך פוי איך האפען אלע טאג אז ער וועט זיך אמאל איבער אונז דערבארימען אונ וועט אונז פירען קיין ירושלים וויא אין פסוק שטייט ובא לציון גואל. דאס דרייצענטע בין איך מאמין אין תחית המתים אז גאט ברוך הוא וועט מחיה מתים זיין ברחמים ברוך מחיה המתים אונ אלע דיא דרייצען עקרים גלויב איך מיט מיין גאנצען הארצין אונ אז עס וועט חלילה אמאל קומען אצייט אויף מיר פאר מיין טויט אז איך וועל חלילה נים זיין ביי דען גאנצען שכל אונ דער שטן וועט חלילה מיך אראפ פירען פון דעם רעכטען וועג בין איך דאס אלץ היינט מבטל כחרס הנשבר אונ נייערט וויא איך גלויב היינט מיט מיין גאנצען שכל דאס זאל איין קיום האבען לעולם ועד ולעולמי עולמים האב איך מיך מישב געוועזען וויא מיר וועלען אויף דעם עולם הבא לייט וואס שטארבען פלוצלינג אונ האבען נים צייט אפילו וידוי צו זאגען רחמנא ליצלן דרום היינט בין איך קלאר מיט גאנצין שכל היינט האב איך צייט מתודה צו זיין פאר גאט ווען איך בין איין חוטא פון מיין יוגענד אן ביז אצינד וואס איך בין נים ווערט צו דערמאנען נאמען גאטעס אונ פשיטא מתפלל צו זיין פאר אים אויף מיין נשמה דאך האב איך אבטחון אויף זיין גרויסען חסד וואס ער איז זיך מרחם על הבריות אונ איז מקבל תשובה פון אלע פושעים וואס עס קערט זיך צו אים מיט גאנצין הארצין דרום האב איך היינט חרטה אויף אלע מיינע עבירות וואס איך האב געטאן פון מיין יוגענד אן ביז אהער הן בשוגג והן במזיד הן באונס והן ברצון:

אוי לי וויי צו מיר אז איך האב נים גיטראכט אן דעם ביטערין טוידט איך וועל דאך מוזען אויף אלעם חשבון אפגעבען אונ וועל מוזען לידען עונשים קשים ויסורים היינט האב איך אויף דעם אלעם חרטה אונ בעט פון מדת הרחמים אז ער זאל מיר אלץ מוחל זיין אונ אלע דיא טעג וואס איך וועל נאך לעבען זאלסטו מיר מיין הארץ נייגן נייערט צו דינען דיך אונ נישט גבשל צו ווערען חס ושלום אין קיין שום עבירה אונ זאל

זוכה זיין מתודה צו זיין פאר מיין טוידט אז מיין נשמה זאל איינ׳ בקדושה ובטהרה און זאל ניצול ווערן מעונש הגיהנם אמן סלה׃

אב הרחמים פאטער דערבארמיגער איך בעט דיך היינט מיט דעם גאנצן

הארץ אז דוא זאלסט מיר בעשאפען איין גוט הארץ דיך צו דינען און אלע מעשים וואס איך האב געטאן פון אייביג ביז אהער זאלסט דוא לאזען פאלען און איך זאל זיין גלייך וויא איך וואלט היינט געבארען געווארען. איך זאל זיין אזוי וויא איין קינד וואס איז ריין פון עבירות דען דוא ווייסט דאך וואויל וואס איך האב געשולדיגט קעגען דיר האב איך נישט געטאן דיך צו דערצערנען רק מיין נארהייט האט וואס מיט געבראכט ווארום ווען איך וואלט מיך בדאכט וויא נאכפערט דוא ביסט נאך דעם פערשטאנד וואס אנצוזעהן איז אין דיינע באשעפעניש. דוא האסט באשאפען דיא ערד וואס איז גרויס זעקס טויזענד מייל. ארום דיא ערד האסטו ארומגערינגילט דם גרויסן ים וואס נאך אונזער פערשטאנד נאך האט ער קיין גרונד און קיין סוף ניט דאס איז אלין גערעכינט קעגן דעם הימעל וויא איין טראפין אין ים. נאך האסטו בשאפן זיבן הימלן איטליכער הימעל איז ווייט פון דעם אנדערן פינף הונדערט יאר גאנג דאס אלין איז עולם עשיה און איבער דעם איז עולם הבריאה און איבער דעם איז עולם האצילות און אלע דיא עולמות צו אנאנדער זיינען נאר קליין קעגין דיין כסא הכבוד און דער כסא הכבוד האט נאר קיין ערך ניט קעגין דיין שיינהייט און אכפערקייט און פארכצום און שטארקייט וואס דוא ביסט וואס איז נישט מעגליך אייביג דיך איין מקצת צו לויבן נו וויא בין איך נאר פארנארט געווען און האב מיך דערוואגן קעגין דיר מורד צו זיין. ניט מער איך בין אזוי איין שפל פארשטאנד אז איך האב דאס מיר ניט געטאן קעגין מיין הארצין. היינט האב איך איין בטחון אויף דיין גרויסען חסד ורחמים און דוא עפינסט דיין האנד מקבל צו זיין דיא וואס תשובה טוען מיטן גאנצען הארצען וויא דוא האסט געזאגט דורך דיינע נביאים שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם טוט תשובה מיינע קינדער וועל איך היילען אייער ווילדיקייט אזוי זאלסטו היינט פארגעסן מיין ניבעטן און מיינע טרערין וואס איך פארגיס פר דיר און זאלסט מיר געבין מיין פרנסה אז איך זאל קענען דיר דינען בשמחה און זאל זוכה זיין לחיי עולם הבא צווישען דיא צדיקים וצדקניות וואס האבען תענוג מזיו השכינה און זאלסט מיך דערנאך מאכען לעבין צו תחית המתים ווען דוא וועסט דיך דערבארמען איבער דיין פאלק ישראל במהרה בימינו

אמן סלה׃

דיא תְּחִנָּה זָאל מֶען מִתְפַּלֵּל זַיין אָבִינְד און מָארְגִין פַאר אִיטְלִיכֶער תְּפִלָּה בֶּעזוּנְדֶער זָאל מֶען דיא תְּחִנָּה זָאגֶען:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם (אַתָּה יָדַעְתָּ כִּי בָּשָׂר וָדָם אֲנַחְנוּ) דוּא הֶער פוּן דֶער גַאנְצֶר וֶועלְט דוּא בִּיסְט אַיין אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט און דוּ ווייסְט דָאךְ וואוֹל אַז מִיר זַיינֶען אַייטִיל בְּלוּט און פְלֵייש און מִיר הָאבֶען נִיט קַיין כֹּחַ דָאס מִיר זָאלֶען קֶענֶען מְכַוֵּין זַיין אָדֶער מְצָרֵף זַיין דיא הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת און אַלֶע כַּוָּנוֹת און אַלֶע תְּפִלּוֹת און אַלֶע בְּרָכוֹת וויא זֵיי זַיינֶען גֶעזֶעצְט אִין אִיטְלִיכֶער תְּפִלָּה און בְּרָכָה און וֶוען מִיר וָואלְטֶען יֶע גֶעוואוּסְט אַלֶע צֵרוּפִים און דיא שֵׁמוֹת פוּן דיא בְּרָכוֹת דָאךְ מֶעכְטֶן מִיר נִיט קֶענֶען גְרֵייכֶן צוּ דֶערְצֵיילֶען אַלֶע דַיינֶע לוֹיבּ און וואוּנְדֶער צוּ פַאר דִיר דֶען מִיר זַיינֶען נַייעֶרְט מֶענְשֶׁען אַייטֶל פְלֵייש און מִיר הָאבֶען קַיין רֶעכְט פֶערְשְׁטַאנְד גִיט דָאס מִיר ווייסֶען נִיט רֶעכְט מְכַוֵּין צוּ זַיין אָדֶער מְצָרֵף צוּ זַיין אַלֶע דיא צֵרוּפִים פוּן אַלֶע דיא הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת וָואס גֶעהֶערֶן צוּ אִיטְלִיכֶער בְּרָכָה דְרוּם זָאל זַיין דֶער ווילֶן צוּ פַאר דִיר גָאט עֶס זָאל זַיין גִירֶעכִינְט פַר דִיר מַיין תְּפִלָּה פוּן שַׁחֲרִית אָדֶער מוּסָף אָדֶער מִנְחָה אָדֶער מַעֲרִיב אִיטְלִיכֶע תְּפִלָּה בֶּעזוּנְדֶער זָאל זַיין גְלַייךְ אַז אִיךְ וָואלְט גֶעוואוּסְט צוּ מְכַוֵּין זַיין אָדֶער מְצָרֵף זַיין אַלֶע דיא כַּוָּנוֹת און צֵרוּפֵי שֵׁמוֹת דיא הֵיילִיגֶע דיא וָואס גֵייעֶן אוֹיס דֶער תְּפִלָּה פוּן שַׁחֲרִית אָדֶער מוּסָף אָדֶער מִנְחָה אָדֶער מַעֲרִיב און מַיין תְּפִלָּה זָאל אַרוֹיפְגֵיין צוּ פַאר דִיר צוּ מַאכֶען אַיין קְרוֹין אוֹיף דַיין קָאפּ מִיט דיא תְּפִלּוֹת פוּן דיא יִשְׂרָאֵל דיא דָא ווייסֶען מְכַוֵּין צוּ זַיין און מְצָרֵף צוּ זַיין מִיט כַּוָּנוֹת דיא דָא גֶעהֶערֶן צוּ אִיטְלִיכֶער בְּרָכָה און צוּ אִיטְלִיכֶער בַּקָּשָׁה דיא דָא זָאלֶען גֵיין אִין זִיבֶּעטֶן הִימֶעל אַריין אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן:

דיא תְּחִנָּה זָאל מֶען זָאגֶען אַלֶע טָאג מָארְגֶענְס פְּרִיה צוּ קְלֵיינֶער קְרִיאַת שְׁמַע נָאךְ מְקַדֵּשׁ אֶת שִׁמְךָ בָּרַבִּים:

אַתָּה קָדוֹשׁ דוּא בִּיסְט הֵיילִיג און דַיין נָאמֶען אִיז הֵיילִיג און דיא הֵיילִיגֶע יִשְׂרָאֵל טוּעֶן לוֹיבֶּען און הֵיילִיגֶען דַיין גֶעבֶּענְשְׁטֶן נָאמֶען און טוּעֶן לַיידֶען דיא אַרְבַּע מִיתוֹת בֵּית דִּין (סְקִילָה שְׂרֵיפָה הֶרֶג וְחֶנֶק) און אַלֶע שְׁוֶוערֶע הַארְבֶּע בִּיטֶערֶע פַּיין פוּן וֶועגִין דַיין הֵיילִיגִין נָאמֶן גָאט און אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין אוֹיף מִיר אַיין אַנְדֶערֶע מַחֲשָׁבָה און פֶערְזִיכֶערוּנג חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי קוּם אִיךְ דִיר צוּ בֶּעטֶען לִיבֶּער גָאט דוּ זָאלְסְט מִיךְ הֵיילִיגֶען זָאלְסְט מִיר גֶעבֶּען אִין מַיין מַחֲשָׁבָה און אִין מַיין מוֹיל דָס אִיךְ זָאל קֶענֶן הֵיילִיגֶן דַיין נָאמֶען פַאר אַלֶע לַייט אַזוֹי ווי עֶס הָאבֶּען גֶעטָאן די הֵיילִיגֶע קְדוֹשִׁים

עשרה הרוגי מלכות) און פיל ווענדערט און צעהן מאל צעהן טויזענד פון דיא היילגע ישראל און האבען איבער געענטפערט זייער לייב פון דיין היילגען נאמען וועגען. און דוא ביסט גאט מיין גאט און דוא ווייסט אלע פערבארגעניש פון מיין הארצין צו איבער ענטפערן מיין ביין און פלייש און מיינע אדערין און מיין בלוט און מיין חלב צו ליידען ארבע מיתות בית דין סקילה שריפה הרג וחנק און אלע פיין וואס אין דער וועלט איז צו געפינען פון וועגן צו איינגען דיין היילגען נאמען דען דו ביסט איין גירעכטער דין און איין ווארהאפטיגער שופט און אונזערע חכמים האבען אנגעשריבען ווען איינער ענטפערט איבער זיין לייב אום ווילן דיין היילגן נאמן מיטן גאנצען הארצן פילט ער ניט דיא יסורים. נאר טאמער וועלען דיא יסורים גרויס זיין אויף מיר דאס איך וועל ניט קענען אויסשטיין און אויסהאלטען דיא יסורים אזוי בעט איך דיין היילגען נאמען דוא זאלסט שטארקין מיך אז מיין מחשבה זאל זיין בהעפט אין דיר אלע צייט און איך זאל מיך משמח זיין אין מיין הארצע פון וועגין די יסורים און זאלסט מאכען אין מיין מויל דעם כח הדבור צו ריידען און צו היילגען דיך מיט קלוגהייט און מיט פערשטאנדיקייט און מיט וויסענשאפט פאר פיל לייט אפענהערציג אנטפלעקין און דערציילן אלע מיינע חטאים וואס איך האב געזינדיגט קענין דיין היילגען נאמען און דוא זאלסט מיר געבען איין טייל מיט דיא היילגע וואס זיי באהעפטין זיך אין דיא היליקייט און עס זאל זיין צו ווילען דיא רייד פון מיין מויל דען דו ביסט גאט מיין באשעפער און מיין דערלייזער אמן:

דיא תחנה זאל מען זאגען אבינד און מארגין אין שמונה עשרה אז מען זאגט דיא ברכה כי אתה שומע:

אנא ה׳ חטאתי עויתי פשעתי לפניך והרע בעיניך עשיתי. רבונו של עולם עשה למען שמך הגדול ותכפר לי על כל עוני וחטאי ופשעי שחטאתי ושעויתי ושפשעתי לפניך מנעורי ועד היום הזה ותמלא כל השמות שפגמתי בשמך הגדול:

אנא איך בעט דיך גאט איך האב געזינדיגט און פרקרימט און נימיסטייט פאר דיר און האב געטאן וואס ניט רעכט איז רבונו של עולם טוא אום ווילן פון דיין היילגען נאמען וועגען און פארגיב מיר אויף מיינע זינד וואס איך האב געטאן אומגערין אדער מיט נוטען ווילען און האב מורד געוועזן קעגין דיין היילגען נאמען און וואס איך האב געטאן פון מיינע יוגענד אן ביז אין דעם היינטיגן טאג אז עס זאל ווערן דרפילט אלע שמות וואס איך האב פוגם געווען דורך מיינע זינד אין דיין הילגן נאמן:

אַתָּה הוּא ה׳ הָאֱלֹהִים הַזָּן וּמְפַרְנֵס וּמְכַלְכֵּל בְּיָדְךָ לְכָל הַבְּרוּאִים מִקַּרְנֵי רְאֵמִים עַד בֵּיצֵי כִנִּים הַטְרִיפֵנִי לֶחֶם חוּקִּי וְהַמְצֵא לִי וּלְכָל בְּנֵי בֵיתִי מְזוֹנוֹתֵינוּ קוֹדֶם שֶׁאֶצְטָרֵךְ לָהֶם בְּנַחַת וְלֹא בְצַעַר בְּהֶיתֵּר וְלֹא בְאִיסּוּר לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם מִשֶּׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה וּמִשֶּׁפַע בְּרָכָה עֶלְיוֹנָה כְּדֵי שֶׁאוּכַל לַעֲשׂוֹת רְצוֹנֶךָ וְלַעֲסוֹק בְּתוֹרָתֶךָ וּלְקַיֵּם מִצְוֹתֶיךָ וְאַל תַּצְרִיכֵנִי לִידֵי מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם וְלֹא לִידֵי הַלְוָאָתָם כִּי אִם לְיָדְךָ הַמְּלֵאָה הַפְּתוּחָה הַקְּדוֹשָׁה וְהָרְחָבָה וִיקוּיַם בִּי מִקְרָא שֶׁכָּתוּב פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן:

אַתָּה דוּא בִּיסְט גָאט וָואס דוּא בִּיסְט (מְפַרְנֵס וּמְכַלְכֵּל) מִיט דַיין גְנָאד צוּ אַלֶע בַּשֶׁעפֶענִישׁ פוּן דִיא (חַיָּה) וָואס הֵייסְט וִוילְד טִיר בִּיז אַיין קְלֵיינֶעם וָוארִים וָואס הֵייסְט (בֵּיצֵי כִנִּים) זָאלְסְטוּ מִיר גֶעבֶּן מַיין גִיזֶעצְטֶע שְׁפַּייז מִיר אוּן מַיין הוֹיז גִיזִינְד אוּנְזֶר שְׁפַּייז אֵיידֶר מִיר וֶועלֶן נָאךְ דַארְפְן מִיט נַחַת אָן צַעַר מִיט הֶיתֵּר אָן אִיסּוּר צוּ לֶעבִּין אוּן פְרֵייד מִיט (בְּרָכָה וְהַצְלָחָה) וָואס קוּמְט פוּן הִימֶל דֶערְוָוארְטִין אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַיֵּם זַיין דַיינֶע מִצְוֹת מִיטְן גַאנְצִין הַארְצִין אוּן אִיךְ זָאל נִיט בַּדַרְפֶען קֵיין מֶענְשְׁנְס גָאבּ אוּן נִיט עֶפֶּעס צוּ לַייעֶן בַּיי זֵיי נֵייעֶרְט מִיט דַיין פוּל הַאנְד דִיא דָא אִיז אָפִין עֶס זָאל מְקוּיָּם וֶוערְן דֶער פָּסוּק (פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן) דָאס אִיז טַייטְשׁ דוּא עֶפִנְסְט דַיין הַאנְד אוּן זֶעטִיגְסְט אוּנְז מִיט שְׁפַּייז אַלֶע נָאךְ זֵייעֶר ווִילֶען נָאךְ (כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בְּרַחֲמִים. בָּרוּךְ אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה):

דִיא שֵׁיינֶע תְּחִנָּה זָאל מֶען זָאגִין אַלֶע טָאג וֶוען דֶער חַזָּן הַאלְט שִׂים שָׁלוֹם אָדֶער וֶוען דִיא כֹּהֲנִים דוּכְנֶען:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּא הֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אִיךְ בִּין דַיין אוּן מַיינֶע טְרוֹימֶען זַיינֶען דַיין עֶס הָאט מִיךְ גִיטְרוֹימְט אַיין טְרוֹים אוּן אִיךְ ווֵייס נִיט וָואס עֶס בַּטַייט אַזוֹי זָאל זַיין דֶער ווִילִין פַר דִיר גָאט מַיין גָאט אוּן גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִין דָאס עֶס זָאל זַיין אַלֶע מַיינֶע טְרוֹימֶען אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף כָּל יִשְׂרָאֵל צוּ גוּטִין אוּן צוּ בֶּענְשׁוּנְג. אוּן דֶער טְרוֹים וָואס מִיר הָאט גִיטְרוֹימְט אוֹיף אַנְדֶערֶע זַיינֶען זֵיי אַנְדֶערְשׁ גוּטֶע טְרוֹימֶען אַזוֹי זָאלְסְטוּ זֵיי שְׁטַארְקִין אוּן בַּשְׁטֶעטִיגֶען זֵיי זָאלֶען אִין מִיר אוּן אִין זֵיי בַּשְׁטֶעטִיגְט וֶוערִין אַזוֹי וִויא דֶער טְרוֹים פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק עָלָיו הַשָּׁלוֹם אוּן וֶוען זֵיי בַּרוֹיכִין הֵיילוּנְג אַזוֹי זָאלְסְטוּ זֵיי הֵיילֶען וִויא דוּא הָאסְט גִיהֵיילְט חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ פוּן זַיין קְרַאנְקְהַייט אוּן אַזוֹי וִויא דוּא הָאסְט גֶעהֵיילְט מִרְיָם הַנְּבִיאָה אִיר צָרַעַת אוֹיךְ אַזוֹי דִיא בִּיטֶערֶע וַואסֶער פוּן דֶער שְׁטָאט מָרָה דוּרְךְ דִיא הַאנְד (מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם) אוּן אוֹיךְ דָאס וַואסֶער פוּן דֶער שְׁטָאט יְרִיחוֹ דוּרְךְ דֶער הַאנְד אֱלִישָׁע הַנָּבִיא אוּן אַזוֹי וואוּל אַז דוּ הָאסְט

פארקערט דאס פלוכין פון בלעם הרשע פון פלוכונג צו בענטשונג אזוי וואלסטו אויך פארקערין אלע מיינע טרוימען אויף מיר און אויף כל ישראל צו גוטען בענטשונג אייבינג אמן :

דיא נייע ירושלים תחנה

דיא נייע תחנה האט גימאכט אגרויסע צדיקת אוים ירושלים מען זאל זיא זאגין אלע טאג פאר דעם דאבנען און נאך דעם דאבנען :

דיא תחנה זאגט מען אלע טאג פאר דעם דאבנען :

בשם יי אלהי ישראל יושב הכרובים דוא גאט פון מיינע עלטערין איך טו דיך בעטין מיטן גאנצין הארצין דם דו דיך איבר מיר דרבארמן וואלסט כרחם אב על בנים אזוי וויא איין פאטער דערבארימט זיך איבר זיינע קינדער און דערהער מיין גיבעט און באהיט מיך פאר אלעם בייזען און פיר מיך אין דעם רעכטין וועג און פארנעם מיין גיבעט וואס איך טו דיך אלע טאג בעטין מיט מיין גאנצין הארצין. און לאז מיך ניט לעדיג ווידערקערין מיט מיין תפלה. און לאז מיך מיט מיין מאן און קינדער לעבין צו דיין היילגן דינסט מלך הרחמים דוא דערבארמיגער קיניג דער בארם דיך איבער מיר און איבער אלע דיא מיינינע. און גיי מיט אונז ניט חלילה מיט מדת הדין נייערט מיט מדת הרחמים און טוא דיין צארן אפ פון אונז. און דערהער אונזער גיבעט אלע מאל ווען מיר טוען דיך רופען. העלף אונז אין אלע אונזערע נויטן דערפריי אונז מיט וואס מיר ווילין און זיי אונז ממלא מיט אונזערע בקשות וואס מיר פערלאנגען פון דיין היילגין נאמען. און זאלסט אונז העלפין אזוי וויא דוא האסט גיהאלפין אונזערע עלטערין פון דיא גרויסע און שווערע פיין פון מצרים און גיב מיר גוטע און פרומע קינדער ווס זאלען זיין צדיקים און חסידים און תלמידי חכמים און איך זאל זיי זוכה זיין צו דערציהען מיט מיין מאן צו דיין היילגין דינסט און זאלין האבין חן און חסד אין דיינע אויגין און אין לייטינס אויגען און מיר זאלען אויסלעבן אונזערע יאהרען אין גרויס פריידין מיר זאלען זוכה זיין אונזערע קינדער אויסצוגעבין בכבוד גדול. איך בעט דיך דוא אלמעכטיגער גאט בארימהערציגער פאטער קיניג דר הער איבער אלע הערין דאס דוא זאלסט דערהערין מיך מיט אלע מיינע תפלות ובקשות און זאלסט באהיטין מיך און מיין מאן און מיינע קינדער פון אלעם בייזען. דוא זאלסט דערהערין מיך צו גוטין וויא דוא האסט דערהערט אונזער מוטער חנה עליה השלום און האסט זיא פערנומען און

האסט זיא דערפרייט מיט וואס זיא האט באגערט פון דיין הייליגן נאמן. מלך רחמים דוא דערבארמיגער פאטער קיניג דער וועלט איך טוא דיך רופין טאג און נאכט אלע טאג מיינם לעבין און פארלאז אונז ניט און גיב אונז דאך פרנסה און אלע אונזערע באדערפניש פון דיין הייליגע גטרייע מילדע האנד און ניט חלילה דורך לייטינס הילף. און גיב אונז אלע באדערפעניש בנחת און ניט מיט צער און לאז מיר זוכה זיין ביז הונדערט יאר מיט מיין מאן און קינדער אויף מיין טיש זיצען און מיר זאלין האבן גוטע מליצים לעולם הבא. מלך מלכי הקדוש ברוך הוא. איך טוא דיך אנרופין אלע צייט ווען דוא ביסט גאט אליין און קיינער מער. און דוא ביסט מיין שפייזער. און דוא גיבסט מיר אלע מיינע באדערפניש און דו האסט מיר דערנערט און גישפייזט און דערצויגין פון יוגינט אן ביז אהער אויף דעם היינטיגין טאג. און באהיט מיך און מיין מאן און קינדער פון איין מיתה משונה. און זאלסט אונז גידיינקען און אנשרייבען אלע צייט צו גוטע יארין צו לאנג לעבין און צו איין זיסען לעבין דען צו דיין הילף האף איך און אלע דיא וואס לעבין אויף דער גאנצער וועלט. און זאלסט אונז גידיינקען אלע צייט צו גוטין און צו בענשונג. און זאלסט אונזערע תפלות אלע צייט דערהערין אזוי וויא דוא האסט דערהערט דיא תפלה פון מנשה מלך יהודה. און זאלסט אונזער תפלה ניט פארשעמן און ניט לאזין לעהר ווידער קערין פון צו פאר דיר. דען דוא ביסט דער גאט דער דא הערט אלע גיבעט דיא דיך אנרופען מיטין גאנצען הארצין אמן וכן יהי רצון:

דיא תפלה זאל מען אלע טאג זאגין נאך דעם דאבנען:

יהי רצון מלפניך עס זאל זיין דער ווילין פון צו פאר דיר גאט מיין גאט און גאט מיינע עלטערין דאס דוא זאלסט מיך פירין אלע צייט אין רעכטין וועג און דוא זאלסט מיך באהיטען און באשירמן פאר די בייזע כתות דיא דא חניפות טרייבין. דיא אנדערע כתה איז דיא שקרים זאגן. דיא דריטע כתה איז די דא נארישקייט און ניבול פה ריידין. די פערטע איז דיא דא ליצנות און לשון הרע ריידין. דוא זאלסט מיך באהיטין און באשירמען פאר אלערליי לייד. פאר אלע בייזע צרות פאר אלע בייזע באגעגניש און פאר שווערד פאר הונגער פאר וואסער פאר פייער פאר גזלנים סיי אין דער שטאט און סיי אויף דעם פעלד. און שיק אונז גאר קיין לייד ניט צו און באהיט אונז ווייטער פון צער און פאר אלים בייזן וואס זיך מיין הארץ פארכטין טוט זאלסטו מיר ניט צושיקין. און דוא זאלסט אונז געבין אונזער פרנסה בכבוד און אלע צער און אלע זארג

און דוא זאלסט אונז געבען אריכות ימים ושנים מיר זאלען אויסלעבען אונזערע יאהרען און טעג אין עשירות און מיר זאלען אונזער צייט אין עהרען און אין גרויסען פריידען פארברייגגען . און דוא זאלסט אונז ניט שיקען קיין זארג און קיין אנגסט און קיין קריינק ח״ו וואס דא פלעגט אויף דער וועלט צו קומען . ניט חלילה אויף מיר און ניט אויף מיין מאן און ניט אויף מיינע קינדער ח״ו . און ניט אויף אלע מיינע פריינד . און איך זאל זוכה זיין זיי מגדל צו זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים און לאז מיך דאך פיל פרייד דערלעבין און אלע דיא מיינינע און זאלסט ווייטער קיין בייז לאזען איבערפארין ווייל מיר וועלן לעבן . מלך רחמים דערבארמינגער פאטער קיניג פון דער גאנצער וועלט דוא זאלסט אויף אונז שיקן איין הילף און טרייסט . דאס איטליכער זאל זיך פרוואונדערן דעריבער . און זאל אנהייבין צו זאגין דיא דערפרייאונג . און דוא זאלסט אונז עפינען דיא טויערין פון פרנסה און דוא זאלסט אונז שפייזין פון דיינע מילדע געטרייע האנד . און ניט פון האנד איינעם מענשען . און זאל אן אונז ניט גיוועלטיגען דער יצר הרע דאס מיר זאלין קענן בשטיין און זאלען קענען היטן דיין תורה און מצות און וויא וואול איך בין זיך מתודה אויף מיינע גרויסע חטאים און עונות ופשעים וואס איך האב געזינדיגט און געשולדיגט און גימיסטייט קעגין דיין היילינגען נאמען אלע טאג מיינם לעבין . אל שדי מלא רחמים דוא ביסט פול גינאד און בארעמהערציקייט און איך בין פול זינד . אזוי בעט איך דיך ליבר גאט דאס דוא זאלסט מיך מוחל זיין אלע מיינע זינד . און זאלסט ווייטער קיין צער אויף מיר שיקן און מיר זאלען אונזערע יארן אויסלעבין אין גרויסע פריידען . און דוא זאלסט אונז געבין פערשטאנד דער מיט דם מיר זאלן קענען מתודה זיין פאר אונזערין טויט . און דוא זאלסט אונז אלע מאל דן זיין לכף זכות צו נוטען דערמיט דאס מיר זאלען קענען באשטיין ווען מיר וועלין זיך שיידען פון דער זינדיגע וועלט און וועלין קומען פאר דעם יום הדין הגדול והנורא און זאלסט טאן אלע צייט חסד ורחמים פון וועגין זכות אונזערע עלטערין אברהם יצחק ויעקב :

אנא אלהי אברהם איך בעט דיך גאט פון אברהם דאס דיינע אויערין זאלין פארנעמען מיין געשריי און מיין געבעט וואס איך האב דיך געבעטען . און וואס איך וועל דיך נאך בעטין . און דו זאלסט מיר דער הערין אזוי וויא דוא האסט דערהערט דיא תפלה פון כל ישראל ווען זיי זיינען אין איין צרה געוועזען און האסט זיי אלע מאל געהאלפען ווען זיי האבען דיר אין איין צרה אנגערופען זאלסטו מיר אויך העלפען און מיין

תְּפִלָּה זָאל פַאר דִיר אַזוֹי אָנְגֶענוּמֶען זַיין גְלַייך וֶוען אִיךְ וָואלט פַר דִיר מַקְרִיב גֶעוֶוען אַיין קָרְבָּן אוּן לָאז מַיין תְּפִלָּה נִיט לֶעדִיג ווידֶער קוּמֶען פַאר דִיר . אוּן לָאזִין קַיינֶע מְקַטְרְגִים נִיט קֶענֶען אוֹיפְהַאלְטִין מַיין תְּפִלָּה אוּן שִׁיק בַּאלְד אוּנְזֶער גוֹאֵל צֶדֶק אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן :

תְּפִלַּת חַיִּים

דִיא תְּחִנָּה זָאגְט מֶען אַלֶע טָאג :

רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים הֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט דוּא הָאסְט בַּאשַׁאפִין דִיא וֶועלְט וִויא דַיין ווילִין אִיז גֶעוֶועזֶען אוּן הָאסְט בַּאשַׁאפִין אַלֶע הִימְלְ' אוּן אַלֶע מַלְאָכִים וָואס דְרוֹף זַיינֶען. אוֹיךְ הָאסְטוּ בַּאשַׁאפִין דֶעם מֶענְ' אוֹיף דִיא עֶרְד אוּן הָאסְט אִים אַיין נְשָׁמָה אַריינְגֶעבְּלָאזֶן דֶער וָוארְטִין עֶ' זָאל דֶערְקֶענֶען דַיין גְרוֹיס אַכְפֶּערְקַייט אוּן דַיין גִינָאד וָואס דוּא טוּסְט מִיט דֶעם מֶענְשׁ פוּן אַייבִּיג אָן אוּן דֶער מֶענְשׁ אִיז דָאס נִיט וֶוערְט דְרוּם אוּן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם טוּא אִיךְ מִיךְ פַארְלָאזִין אוּן בִּין בָּטוּחַ אוֹיף דַיין גִינָא' אוּן אִיבֶּער עֶנְטְפֶער מַיין נְשָׁמָה אִין דַיין הַאנְד אַריין וִויא דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גֶעזָאגְט אֵלֶיךָ יְיָ נַפְשִׁי אֶשָּׂא דָאס אִיז טַייטְשׁ צוּ דִיר גָאט וָואס קֶען אִיךְ אַיין מַתָּנָה גֶעבֶּען סַיידִין דִיא נְשָׁמָה . אוּן הֶער אוּיס מַיין גִיבֶּעט וִויא וואוּל אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְט צוּ שְׁטֵיין אוּן צוּ בֶּעטִין פַאר דִיר' נַייעֶרְט אִיךְ בִּין בָּטוּחַ אִין דַיין גְרוֹיס בַּארִימְהֶערְצִיקַייט אַז דוּ פַרְשֶׁעמְסְט נִיט דִיא תְּפִלָּה פוּן דֶעם אָרִימַאן וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹהִים לֹא תִבְזֶה דָאס אִיז טַייטְשׁ דָאס צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן פַארְשֶׁעמְטֶע הַארְץ טוּט גָאט נִיט פַארְשֶׁעמֶען אוּן דוּא גָאט ווייסְט דָאךְ וואוּל וִויא מַיין הַארְץ אִיז אִין מִיר צוּבְּרָאכִין וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן מִיךְ ווִי אִיךְ בִּין אַזוֹי שָׁפָל: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דֶערְבַּארִים דִיךְ אִיבֶּער אוּנְז אוּן פִיר אוּנְז קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוען דוּא ווילְסְט דָאס נִיט טָאן פוּן אוּנְזֶערְט וֶועגִין ווייל מִיר דִינֶען

דָאס נִיט וֶוערְט וִויא דֶער נָבִיא הָאט גֶעזָאגְט וְחַטֹּאתֵיכֶם מָנְעוּ הַטּוֹב מִכֶּם דָאס אִיז טַייטְשׁ אַייעֶרֶע זִינְד הָאבֶּען פַאר מִיטִין דָאס גוּטְ פוּן אַייךְ דָאךְ פוּן דַיינְטְווֶעגִין לָאז דַיין נָאמֶען נִיט פַארְשְׁוָואכְט וֶוערִין . אוּן וִויא לַאנְג נָאךְ וֶועט דִיא שְׁכִינָה אִין גָלוּת זַיין פוּן אוּנְזֶערֶע זִינְד וֶועגִין . אוּן הִיט מִיךְ אוּן מַיין מַאן אוּן קִינְדֶערְלָאךְ אוּן אַלֶע מַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד פַאר אַלֶע בֵּייזִין מִיר זָאלֶען נִיט דַארְפֶען קוּמֶען חָלִילָה צוּ אַ בָּשָׂר וָדָם נַייעֶרְט דוּא זָאלְסְט אוּנְז בֶּענְטְשִׁין פוּן דַיין הַיילִיגֶע הַאנְט אַז מִיר זָאלֶען נִיט פַרְשֶׁעמְט וֶוערִין אוֹיף דֶר וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט אוּן הִיט מִיךְ אוּן כָּל יִשְׂרָאֵל פַאר בֶּעטְלֶערְשׁ אוּן פַאר צַעַר. יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי:

רבונו של עולם איך וויל פאר דיר מתודה זיין מיינע זינד אזוי וויא אין דער הייליגע תורה שטייט גישריבען אז מען איז אליין מתודה דיא זינד איז מען פטור דרום וויל איך באקענען מיינע זינד אין דעם חודש אלול אז דער שטן און יצר הרע זאלין אום יום כפור ניט טאן און ניט קענען טאן אז דוא ווערסט דיך זעצין אויף דיין שטול און מלאכים ווערין שטיין אויף ביידע זייטען און איך אליין פאר דיר גאט מיין גאט איבער אלע הערין דוא שיידעסט אפ פון דיין ליכט דיא נשמה צו אלע דיינע באשעפעניש און אויך דוא ביסט געקריינט מיט אלערליי קרוינען דוא האסט דעם מענשין באשאפין דוא זאלסט מיט אים מטיב זיין מיט דיין גרויס גינאד און באגערסט ניט דעם טויט פון מענש נייערט ווען ער ווידער קערט זיך פון בייזע מעשים איז דיין רעכטע האנט שוין אפין אנצונעמען דיא תשובה פון אים דוא פארשעמסט ניט דאס גישריי פון דעם ארימאן און פרבארגסט ניט דיין פנים ווען ער שרייט און ענטפערסט אים דרום לאז זיין דיין ווילין דוא זאלסט ניט גיין מיט משפט מיט דיין דינסט נעם אן מיין תשובה דען דיין סדר איז צו דער לייגערין דיין צארן און צו דערבארימען איבער דיין באשעפעניש דוא ביסט גוט צו פרגעבן מיט פיל גינאד צו דיא וואס רופין דיך אן מיטן גאנצין הארצין ענטפער מיר אין דער שווערע צייט און מיין בלוט וואס ווערט גימינערט דורך מיין פאסטין זאל זיין גליך אז איך וואלט גישפרענגט אויף דיין מזבח און זאל פארריכטען וואס איך האב גיפעלשט אין דיין איינינקייט און האב מיט מיינע זינד צובראכין אלע דיא רינען וואס דיא שפע און ברכה איז גיגאנגען אויף דיין ליב פאלק ישראל און האב פיל נוטס פאר זעהען דורך מיינע זינד וויא מער ווען איך וועל שטארבען וועט מיך דיין גרויס פייער פארברענען און איך בין דאך דיין באשעפעניש וואס דו גאט האסט דיך גימיהט איבער מיר דרום פאטער דערבארמינער דערבארים דיך איבער מיר און לאז דיין צארין מיך ניט שטראפין און ניט צו צאלין מיר נאך מיין פארדינסט נאך און צו מיין גיבעט זאל זיין גרייט דיין הארץ און דיינע אויערן צו פארנעמען · איך האב אזוי פיל חרוב גימאכט וואס איך האב ניט אזוי פיל כח צו פארריכטען נאר דוא גאט דוא ווייסט אלע דיא גידאנקען אז איך וואלט גערין גיטאן וואס מיגליך איז וויא אין דער תורה שטייט ווען מען האט אין זינען גוטס צו טאן איז גלייך אז מען האט שוין גיטאן דרום פאטער דערבארמינער לאז פאר דיר זיין גלייך אז איך האב פארריכט וואס איך האב מקלקל געוועזן מיט מיינע זינד. דוא ווייסט וואול אלע דיא גידאנקען אז איך וואלט גערין גיטאן וואס מיגליך

אִיז דוּא וֵוייסְט ווְאוּל אַז אוּנְזֶער חָכְמָה פַארְטְרָאגְט נִיט אַזוֹי . וַוייז אוּנְז דָאס מִיר זָאלִין וִויסֶען וִויא צוּ פַארְרִיכְטֶען אוּן צוּ הַיילֶען אַלֶע פַרבְּרֶעכִין וָואס מִיר הָאבִּין גִיטָאן וִויא מַיין גוּף וִויא מַיין נְשָׁמָה . וָואס דוּא גָאט גִיבּוֹיט הָאסְט הָאבּ אִיךְ גִיבְּרָאכִין אוּן קָאן נִיט פַארְרִיכְטֶען. דְרוּם זֶעה גָאט וִויא אַיין פָארְכְט אוּן צִיטֶערְנִישׁ אִיז אוֹיף מִיר גֶעקוּמֶען וֶוען אִיךְ הֵייבּ מִיךְ אָן צוּ דֶערְמָאנֶען מַיינֶע זִינְד פוּן מַיין יוּגֶענְט וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְפִירְט אוּן הָאבּ נִיט גֶעוָואלְט טְרַאכְטִין צוּ בַּאשֵׁיינֶען מַיין עֶלְטֶער אוּן הַיינְט הָאבּ אִיךְ דֶערְמָאנְט אַזוֹי רַייס אִיךְ מַיין פְלֵיישׁ אוֹיף מִיר מַיין נְשָׁמָה זָאל נִיט פַארְשֶׁעמְט וֶוערִין צוּ דֶעם יוֹם הַדִּין פַאר דַיין כִּסֵא הַכָּבוֹד. דְרוּם לִיבֶּער גָאט עֶנְטְפֶער מִיר הַיינְט אִיךְ בִּין הַיינְט אִין אַגְרוֹיסֶע צָרָה אִיךְ וֵוייס אַלֶע זִינְד זַיי זַיינֶען מִיר שׁוֹין וִויא אַיין טִיף וַואסֶער עֶס גֵייט מִיר שׁוֹין אַרִיבֶּער אוּן זַיינֶען מִיר שׁוֹין שְׁוֶוער צוּ טְרָאגֶן. דָא קוּמְט דִיא טֶעג אִיךְ זָאל אָפְּגֶעבִּין חֶשְׁבּוֹן פוּן אַלֶע מַיינֶע זִינְד צוּ דִיר. אוּן אַלֶע דַיינֶע מַלְאָכִים וָואס פוּן אַלֶע בֵּיידֶע זַייטֶען שְׁטֵייעֶן אוּן אַלֶע דַיינֶע סְפָרִים וֶועלִן אָפִּין זַיין וָואס וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערִין אוּן וִויא וֶועל אִיךְ מִיךְ גִירֶעכְט מַאכִן דְרוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מִיט דַיין רֶעכְטֶע הַאנְד זָאלְסְטוּ מִיךְ אוּנְטֶערְלֶעהְנֶן נֵייג דַיין אוֹיעֶר צוּ מִיר וִויא אִיךְ וֶועל מִתְוַדֶּה זַיין מַיינֶע זִינְד פַאר דִיר לִיעבֶּער גָאט פַארְשְׁטָאפּ דֶעם שָׂטָן זַיין מוֹיל אוּן זַיינֶע אוֹיעֶרִין עֶר זָאל אוֹיף מִיר נִיט מְקַטְרֵג זַיין . צוּ דִיר אַלֵיין הָאבּ אִיךְ גִיזִינְדִיגְט פַאר דִיר אַלֵיין וֶועל אִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין :

תחנה שערי דמעות

יְהִי רָצוֹן עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילִין צוּ פַאר דִיר גָאט אוּן גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִין דוּא זָאלְסְט מִיר פַארְגֶעבִּין אַלֶע מַיינֶע זִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ גִיזִינְדִיגְט צוּ פַאר דִיר אוּן זָאלְסְט מִיר גִידֵיינְקֶען צוּ גוּטִין מִיט מַיין מַאן אוּן קִינְדֶר. לִיבֶּר הֶער גָאט אִיךְ בַּאקֶען פַר דִיר וָואס אִיךְ הָאבּ אָפְּגִיקֶערְט פוּן דַיין לִיבֶּען נָאמֶען אוּן דָאס הָאט מִיר נִיט גִיטוֹיגְט. אִיךְ בֶּעט דִיךְ גָאט אוּן גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִין עֶמְפְּפַאנְג מִיךְ מִיט גוּטֶען ווִילִין אוּן בַּווִילִיג מִיךְ מִיט גוּטֶען ווִידֶערְקֶערוּנְג אוּן מַאךְ מִיךְ פְרֵיי פוּן מַיינֶע זִינְד וָוס אִיךְ הָאבּ גִיזִינְדִיגְט וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן גֶערִין אָדֶער אוּמְגֶערְן בֶּעט אִיךְ דִיךְ בַּאשִׁירֶעם מִיךְ פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע אוּן פוּן אַלֶע לֵייד אוּן בַּאצְווִינְגֶענִישׁ אוּן זָאלְסְט טְרֵייסְטֶען מִיךְ צוּ גוּטֶען אוּן גִיבּ מִיר אַז אִיךְ זָאל הָאבֶּען אוֹיסְגֶעבֶּעטֶען בֵּיי דַיין לִיבֶּען נָאמֶען עֶס זָאל קֵיין גִישְׁרֵיי נִיט קוּמֶען אִין מַיין הוֹיז אוּן קֵיין פַארְווִיסְטוּנְג אוּן קֵיין בְּרֶעכֶענִישׁ זָאל מִיר נִיט גִישֶׁעהֶן

ביי מיין לעבין און לייג מיר אוים צו נוטען ליעבער הער גאט. ביי מיין
עלטער זאלסטו מיך ניט פארלאזין דוא זאלסט מיך שפייזן פון דיין האנד
איך זאל מיך קענען דערנערין אין לייטנם גאב:

ליבער הער גאט ווען דער מענש האט ניט קיין עסען דא מוז ער זינדיגען
ער מוז גזלען און מוז גנבענען ער מוז אלעם בייז טאן דרום בעט
איך דיך ליבער הער גאט העלף מיר מו דאם פון דיין ליבען נאמען וועגין
און משפט מיך מיט (מדת הרחמים) גאט גיב מיר (מתנות חנם) אז איך
מיט מיין מאן און קינדער זאלען געזונד זיין אין אונזער פרנסה זאל זיין
פון דיין פולן האנד און זאלסט אונז בעוטשן אז עם זאל קיין (חילול השם)
פון אונז ניט קומען און באהיט אונז פאר אלעם בייזן פארזינדיגונג דען
איך בין דאך איין שטיק ערד און מוז ווידער אין דער ערד אריינקומען
ווען מיין צייט וועט קומען און עם זאל ניט זיין (דם ושלום) קיין פאר
שניטענע יארין פון (כרת חס ושלום) דיא טעג אפצושניידין דוא זאלסט
מיר העלפין אין אלע מיינע ווערקין:

ליבער גאט לאם מיך דערפרייט ווערין אז איך זאל באהיט ווערן פאר
צער דאם איך זאל קיין צער ניט האבען אן מיינע קינדער און
מיינע קינדם קינדער זאלין פון מיר קיין צער ניט האבען און מיינע פיינד
זאלין ניט אן מיר דערפרייט ווערין און עם זאל ניט קיין שטן און קיין
(מקטרג) אדער אויך (קליפה) קיינער זאל אן מיר ניט געוועלטיגן צו דער
דאזיגער צייט ווען איך טו (תפלה) דען איך קען ניט בעטין אזוי פיל און
ניגונ וואם איך באדארף ליבער הער גאט וואם זאל איך דיך צום ערשטן
בעטין זאל איך דיך בעטין דוא זאלסט מיר מיין זינד פארגעבין אדער
דוא זאלסט מיר שפייז געבין פון דיין מילדע האנד איך ווייס אז איך בין
ניט ווערט אזוי פיעל צו בעטין ליבער הער גאט דען דוא באגערסט ניט
פון דעם מענשען נאר ער זאל תשובה טאן אויף זיינע זינד דרום בעט איך
דיך ליבער הער גאט דערבארעם דיך איבער דיינע קינדער און ענטפער
מיר גינעדיגער גאט דערבארעם דיך איבער דעם באגער וואם איך טוא
לויבין דיך. עם שטייט. וואול איז אז מען זאל דיך לויבין מיט דם גאנצן
הארצין. גילויבט ביסטו גאט איבער אלע געטער און הארין. איך זאל
האבען אויסגעבעטען אגוטע צייט פון דיין הייליגען נאמען און (הרחמים)
דוא ליבער הער גאט דוא ווייסט דאך וואול מיין אימליינגיש דוא
ווייסט דאך מיין פארבארגעניש און וואם איך טראג אין מיר און דוא
ווייסט וואם מיר נייטיג איז און דער (יצר הרע) זיצט ביי דעם מענטשין
און רייצט אים אן צו בייזן. דאגעגען ביסטו (יודע נסתרות) און (בוחן

לכבוד) דוא ווייסט אלע צובראכענע הערצער און אלע שווערע הערצער און דיא דא טראגען אויף זייער הארצין און קענען ניט זאגען פאר לייט נייערט פאר דיר אליין. דוא ווייסט מיין זיפצין און מיינע פערבארגענע וואונדין וואס איך טראג אין מיין הארץ. ליבער גאט וואו נעם איך א רופא דער וואס זאל פארשטיין מיין צער און ווען ער פארשטייט יא קען ער דען מיר העלפין. ליבער הער גאט דוא העלפסט ווען מען רופט דיך. דוא ביסט א פאטער פון (יתומים) און (דין אלמנות). איין ארימאן קענסט דוא רייך מאכין און אשפל קענסט דוא הויך מאכין דוא טוסט קיינעם ניט קיין אומרעכט דוא גיסט איטליכין לוין נאך זיין פארדינסט. ליבער הער גאט דערבארים דיך איבער מיר און לאז מיך ניט פאלין אין מיטיל יארין און בפרט אויף אלטע יארין אז מיין פיינד זאל אויף מיר קיין (נקמה) ניט זעהען וויא דוד המלך (עליו השלום) האט גיבעטין. עס איז קיין גרעסערער ווייטאג ווען אשונא ווערט ח״ו דערפרייט אן מענטשין דרום בעט איך דיר ליבער גאט לאז ניט אנידערפאלין מיין בקשה און זאלסט מיר הצלחה געבין אין אלע מיינע זאכין אז איך זאל קענען מטיב זיין מיט ארימע לייט מיין צדקה זאל אנגיליינט זיין אז איך זאל קיין צער ניט האבין פון מיינע קינדער איך זאל זייערס ניט באדארפין איך נוויס וואויל דאס איך בעט דיך צופיל איך בין דאס ניט ווערט וואס דו האסט מיר ביז אהער גיטאן און טוסט מיר נאך דרום בעט איך דיך אז דו זאלסט מיך ניט אוועקווארפין אויף מיין עלטער איך זאל ניט פארשעמט ווערין אויף דער וועלט אז איך זאל מיין חלק האבין מיט גוטע פרומע לייט צו דער רעכטע צייט אז דוא ווילסט מיך אויסציהען מיט פרייד פון (עולם הזה) צו פרייד (עולם הבא). ליבער גאט וויא וואויל אויך דיא וועלט איז אקליינע וועלט אבער ווען מען האט ניט קיין נוטס אויף דער וועלט קאן מען יענע וועלט אויך ניט האבין דרום בעט איך דיך ליבער פאטער אז דוא זאלסט מיין ארימע תפלה ניט פארשעמן און זאלסט מיך דערפרייען מיין הארץ דען מיינע וואונדען זיינען גרויס אז איך קען ניט אויסריידן. איך זאל זאגין פאר א מענש וואס קען ער מיך דערפרייען אז ער וועט אויף מיר רחמנות האבין און טאמער איז ער מיין שונא וועט ער זיך נאך פרייען אויף מיר און אויף מיין (צער) און פאר ווענען זאל איך קלאגין מער אז פאר דיר. ליבער הער גאט איך בעט דיך זאלסט מיינע פיינד ניט דערפרייען דיא וואס שרייען אויף מיר. דוא ביסט דאך א שטארקער גאט און מיינע וואונדען פון מיין הארץ זאלסטו היילין און שטראף דעם דער וואס גראבט אונטער מיר אזוי עס זאל קיין דערבארימקייט ניט זיין

פון א מענשין נייערט פון דיר . ווען דוא ווילסט אנזעהען מיין פיין און מיין אנגיזיכט פון מיר דא גידיינק מיר דעם (זכות אבות) אז איך זאל קיין צער ניט האבען אן מיינע קינדער ביי מיין לעבען און זיי זאלען אויך קיין צער ניט האבען און זיי זאלען גישפייזט ווערין פון דיין מילדע האנד בכבוד און ניט קיינעמס מער צו בדארפען . ליבער הער גאט לאז מיך געניסין דעם זכות פון מוטער חנה זיא איז גיגאנגען אין (בית המקדש תפלה) טאן פאר עלי הכהן האט זיא גירידט מיט אירע לעפצין דא האט דער נביא צו איר געזאגט גיי ארויס דוא באטרונקענע פרוי וואס האסטו אין בית המקדש צו טאן דא האט זיא גיענטפערט גיין מיין הער איך בין אזוי א פרוי וואס האט א שווער געמיט. און האסט איר גיענטפערט. דרום בעט איך דוא זאלסט מיר אויך אזוי ענטפערן און בעט דיך ליבער גאט שטראף מיך ניט מיט קיין צארין . ווען איך האב שוין גיזינדיגט בעט איך דיך גיי מיט מיר (במדת הרחמים) ניט מיט (מדת הדין) וויא יעקב אבינו עליו השלום האט גיבעטין ווען זיינע קינדער וועלין ח״ו חיב זיין ואלסטו גידיינקען וואס פאר א צרות ער האט גיליטין איידער ער האט זיי אויפגיצויגין (מכל שכן) וויא זאל איך דיך בעטין אז איך זאל קיין צער ניט האבין אן מיינע קינדער. איך ווייס וואויל דאס איך בעט צופיל איך בין ניט ווערט צו שטיין פאר דיר נאר דוא באגערסט אז דער מענש זאל דיך בעטין אזוי דערבארימסטו דיך איבער אים דא בעט איך דיך גאט אז דוא זאלסט ניט אוועקווארפין מיך אויף מיין עלטער ווען מיין כח וועט אנטגיין : ליבער הער גאט לאז מיך ניט פאלין אין איין מענשנס האנד דען עס איז קיין גרעסערער צער ניט ווען איין מענש באדארף צום אנדערין דרום בעט איך דיך אז דוא זאלסט מיך היטין פאר דעם זאלסט מיר געבין חן וחסד אין דיינע אויגין און אין לייטענס אויגין מיט מיין מאן און קינדער און אונזערע יארין צו לעבין אין (עושר וכבוד) און אונזערע קינדער און קינדס קינדער זאלין (עוסק בתורה) זיין עס זאל דיר גאט ליב זיין און לייט ליב זיין אז מיר זאלין אויספירין דיא וועלט בכבוד און ווען דוא וועסט מיר שיקין . דיא רעכטע צייט זאל קיין שטן און מקטרג קיין מאכט ניט האבען איבער מיין נשמה דוא זאלסט מיר שיקין (מלאכי רחמים) און מיין חלק זאל זיין צווישן נשים צדקניות אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט . ליבר גאט פארשעם מיך ניט ווען איך טוא פאר דיר בעטין ווען איך קען ניט פאר א מענש אויסריידין זאג איך פאר דיר מיין שווער גימיט דוא ביסט א שטארקער דערבארמיגער גאט דוא פארנעמסט אלע גיבעט . אויך ליבער הער גאט דערווייטער דיך ניט

פון מיר אין אזא צייט ווען מיר וועט איין נויט זיין און ווען איך וועל דיך אנרופין זאלסטו מיר ענטפערין און מיינע פיינד זאלין ניט דערפרייט ווערין זיי זאלין פארשעמט ווערין:

רבונו של עולם אז איך בין ניט ווערט דאס דו זאלסט עס טאן פון מיינט וועגין טוא דאס פון (זכות אבות) וועגין און זכות דיא זייגעדיגע קינדער וואס האבען נאך ניט גיזינדיגט און זכות דיא (תינוקות של בית רבן) וואס האבען ניט גיזינדיגט וואס זאגין (אמן יהא שמיה רבא) וואס אויף זיי שטייט דיא וועלט. ליבער הער גאט הער מיך אויס און נעם פאר דיר מיין שווערע גימיט דען דוא ווייסט מיין הארץ ווייגט אין מיר אזוי בעט איך דיך ליבער הער גאט באהיט מיך פאר מיינע פיינד אז זיי זאלין ניט קענען מיר קיין בייז טאן און איך זאל ניט ח"ו צו איין (בשר ודם) קומען אויף מיין עלטער און זיי מקבל מיין תפלה לאס איך האבען (מליצי יושר) פאר דיר טוא מיר וויא דוא האסט גיטאן מיינע עלטערין און שפייז מיך פון דיין פולין האנד ווארום עס איז בעסער דאס ביטערע בלאט פון דיר איידער דאס זיסע פון דעם מענשען וויא דיא טויב האט גיבעטין. ווען זיא איז ארויסגיגאנגען אויס דער תבה פון נח האט זיא איין בלאט פון אייל בוים גיטראגין אין איר מויל און האט תפלה גיטאן דוא ליבער גאט עס איז בעסער דאס ביטערע בלאט פון דיר איידער דם זיסע פון מענשין (מכל שכן) איך זינדיגער מענש. ליבער הער גאט איך האב חרטה אויף מיינע זינד וואס איך האב גיזינדיגט צו פאר דיר דרום בעט איך דיך אז איך זאל דיך מפיס זיין מיט (תפלה) און (תחנונים) ווס איך טוא אצונד און פאל פאר דיר וויא איין קנעכט פאר זיין האר און וויא איין דינסט מויד פאר איר וויירטין אזוי טוא איך מיינע אויגען צו דיר צו בעטין פארגעבעניש און דוא באגערסט אז מיר זאלין בעטין און ויינען. אזוי וויין איך און שריי און מיין הארץ און מיין אטעם קלאפט אין מיר פאר מורא דרום בעט איך דיך ליבער פאטער זיי דיך מרחם איבער אונז און זיי מוחל אונזער זינד און טוא אפ דיין צארין פון מיר און גיי מיט מיר (במדת חסד ורחמים) וויא דיין מדה איז חן וחסד און באהיט מיך פאר זינד וויא עס שטייט נאך אונזער ווידערקערין וועסטו אונז דערבארעמען. ליבער גאט וויא לאנג וועסטו צארינדיג זיין איבער אונז. גינוג צרות האבען מיר. מיר זיינען אזוי וויא ארויז צווישען דערנר מען שטעכט אונז פון אלע זייטען און מיר בלייבען ביי אונזער גלויבען דען דיא פעלקער זאגען דוא קענסט ניט העלפען. ליבער גאט באוויז אונז דיין כח און העלף אונז וויא דוא האסט אונז צוגיזאגט צו פירן אונז

צו דעם הייליגען לאנד דען דו ביסט אמת אזוי איז דיין (דבור אמת) פאר מיר בעטין דיך אז עס זאל באלד זיין אין אונזערע טעג אויסגעלייזט אונז אויס דעם גלות און דיא קינדער זאלין ניט פארטריבען ווערין פון דיא פאטערם: פאטער קיניג ווען מיר האבען גיזינדיגט אין דער מדבר דא האט משה רבינו (עליו השלום) פאר אונז תפלה גיטאן. פאטער פאר גיב דיין פאלק ישראל דיא זינד וואס זיי האבען געטאן וואס דוא האסט דיך אליין בארימט און גענאנט (בני בכורי ישראל) אזוי איך ליבר הער נאט זיי אונז מוחל און זיי (מלא רחמים) און הער מיין גיבעט וויא דוא האסט גיהערט דאס קול פון אונזערע עלטערין דיא פרומע זיי האבען צו דיר גיבעטין: דערהער מיך היינט איך דען דו ביסט איין (בוחן לבבות) ווידער בעט איך דיך נאט נארף מיך ניט אוועק אויף מיין עלטער איך זאל קענען דיך רעכט דינען מיט גאנצין הארצען. וואס איך האב גיזינדיגט זיי מיר מוחל און היט מיך פאר זינד ווייטער און לאז מיינע שונאים ניט דערפרייט ווערין וויא (דוד המלך עליו השלום) האט גיבעטין פארשטאפ דיא מיילער פון דיא פיינד זיי זאלין ניט קענען מיר קיין בייז טאן און דיא דערבארמיגע (מלאכים) זאלין גערייניקען פאר דיר מיין תפלה און דוא גאט זאלסט דיך דערבארמען איבער מיר און זאלסט מיך מאכען גירעכט צו פאר דיר און דו זאלסט דיך נוהג זיין מיט מיר (חסד ורחמים) נים מיט (רוגז חס ושלום) אזוי פארנים איך מיין רייד וויא וואסער דען איך האב קיין אנדערין פריינד אז איך זאל פאר אים מיין שווער הארץ אויסזאגין. ליבער גאט דוא ווייסט וואיל אלין דרום בעט איך דיך אז דוא זאלסט אנזעהען מיין פיין דוא ביסט איין (צדיק וישר) דאס האט אלין גימאכט מיין זינד איך מוז טראכטען פאר מיין שפייז און מיין נוף איז צו דער ערד. ליבער הער נאט דערבארעם דיך איבער מיר און לאז מיך אויסלעבען מיינע יארין איך זאל ניט באדארפין ווידער מגולגל ווערן אויף דער זינדיגער וועלט. און זאל דערקענען אז דוא ביסט גאט און קיינער מער ניט איך בעט דיך דוא זאלסט מיר טאן ווי אין פסוק שטייט
אז איך וועל דיך אנרופין זאלסטו מיר ענטפערין אמן סלה:

דיא אויך גילייבטע תחנה קומט ארויס פון (ספר חסידים) און איז גוט אז מען זאל זאגן אלע טאג מיט גרוס גיוויין און מיט גרויס פרומקייט דא ווערט געוויס דיין תפלה אנגענומען ווערין פאר חשי"ת:

יהי רצון עס זאל זיין דער ווילין פר דיר גאט און גאט פון מיינע עלטערן אז עס זאל לעשן מיט דיא טרערין דיא איך טו אויף מיינע עבירות דיין גרימצארין פון מיר. און מיין הארץ איז צוגאנגען אין מיר ווי וואסער עס זאל אויסלעשין דיא קוילען דיא דא ברענען וועגין דיין צארין און ווידערקערונג פון מיינע בייזע מעשים דיא זאלען ווידערקערין דיין צארן און מיינע תעניתים און מעשים וואס מיר טוען זיי זאלין מאכען אז דוא זאלסט זיין אייטיל רחמים אויף מיר און אז איך האב היינט מיין טיש אנגיריכט זאל זיין גלייך אז איך וואלט היינט אקרבן אנגעריכט פאר דיר און אויף דעם טאש אלס איך האב ניט איינגישטעלט אויף דיא קוילען מיין עסען זאל גלייך זיין אזוי וויא דאס פייער דאס דא ברענט אויף דם מזבח און זאל זיין גלייך אז איך וואלט אין זיי גיבראכט דיא מנחה אז דיא ישראל ברייגען און דאס בלוט וואס מיר איז היינט גימינערט גיווארין זאל עס פארגעבין ווערין אויף מיר גלייך וויא דאס בלוט אז מען האט עס גישפריינגט אויף דיא עקען פון דעם מזבח און דאס חלב וואס עס איז היינט פון מיר גימינערט גיווארען זאל מיר דאס גירעכינט זיין אזוי וויא דאס חלב פון דעם קרבן אז מען האט מקריב געוועזן אויף דעם מזבח און דיא טרערין פון מיינע אויגען זאל זיין וויא דער ויין וואס מען האט מנסך געוועזן אויף דעם מזבח און דעם שטים פון מיין וויינען זאל זיין גערעכינט אזוי וויא דיא שטים פון דיא לוים דיא וואס שירה האבען געזונגען אויף דעם קרבן און דיא ליכט פון מיינע אויגען וואס איז ענטגאנגען וועגין מיין פאסטען זאל זיין גלייך אז דיא ליכט דיא וואס האבען געלייכט אין בית המקדש און דאס גישמאק פון קטורת זאל אן גענומען ווערין און דיא טרערין וואס איך פארגיס מיט מיין לייב און מיין הארץ זיי זאלין אפמעקין מיינע עונות. און דאס שווערקייט פון מיינע גלידער וועגין מיין פאסטין זאל זיין וויא דיא שטיקער פון קרבן וואס מען האט מקריב גיוועזן אויף דעם מזבח און וואס איך צוברעך מיין הארץ אין דער תשובה זאל זיין אזוי וויא דיא שטיין פון מזבח און דיא טייטאג פון מיין הארץ זאל זיין אזוי וויא איינס פון דיא קרבנות און זאלסט ניט פארשעמען מיין צובראכען הארץ און דאס וואס איך פרעגער מיינע קליידער און טו אן דיא גלוסטיגע קליידער זאל זיין אזוי וויא דיא קליידער וואס דער כהן גדול האט אנגעטאן אין דער צייט אז ער האט

מקריב גיוועזן אין בית המקדש און דאס פארמיידונג וואס איך פארמייד מיך צו וואשין און צו באדין זאל זיין אזוי וויא קידוש ידים ורגלים או דער כהן האט זיך דיא הענט און פיס גיוואשין פון דעם כיור ווען ער האט גיוואלט אריינגיין אין דעם בית המקדש און דאס אויסרייסין מיין האר פון דר תשובה זאל צוריסען ווערין דיא ביכער וואס דרינגען שטייט אויפגעשריבען מיין זינד און דיא ווערטער וואס גייט ארויס פון מיין מויל אין דער תפלה דיא זאלען פארשטאפין דיא מיילער פון מיינע מקטריגים און מיין שוואך הארץ זאל דערפרייט ווערין. און אויך וויל דערפרייען דיא הערצער וואס זיי באנגערין דיך און מיין בויך איז ליידיג פון ווענין אז איך באגער ניט תענוגים מיר אנצוטאן זאל מאכען אז מיין תפלה זאל ניט לער אויסגיין פון פאר דיר און פון ווענין מיין לייב אז דא איז ליידיג פון אלע גילוסטיקייט זאלסטו מיר דערפילען מיין אנהייבונג וואס איך האב דיך היינט געבעטן און זאלסט טרייסטין מיך און מיין תשובה וואס איך טוי דיא זאל מאכען אז איך זאל ווידערקערין צו דיר און דו זאלסט באווילינגען מיך דען איך האב גרויס חרטה אויף דיא בייזע ווענין וואס איך בין געגאנגען סיי בשוגג אדער במזיד. ואתה און דוא גאט מיין גאט זעהסט אלע גדאנקען פון מיין הארץ און דאס ריידען פון מיין מויל זייגען צו גלייכין דאס זיי איך רייד מיין תפלה מיט מיין מויל אזוי א מחשבה אויך דערביי דרום זאל אויך זיין דער ווילין פון פאר דיר גאט מיין גאט דוא ווערסט גערופען רחום וחנון אז ער זאל אפטאן פון מיר אלע בייזע גדאנקען וואס לאזען ניט רעכט תשובה טאן און זאלסט מיר דערצו העלפין אז איך זאל ניט מערין צו טאן בייז פאר דיר און מיינע נוטע מעשים וואס איך האב בדעה ווייטר צו טאן דם זאל ווערן אנגיברייט

צו פאר דיר אייביג מיט מיר און מיט כל ישראל׃

דיא תחנה זאל מען זאגען ווען גאט ח״ו שטראפט דיא קינדער מיט איין קריינק אדער חס ושלום בלאטערין זאל מען תפלה טאן מיט גרויס כוונה און מען זאל אלע טאג

פרייער צדקה געבען׃

ליבער גאט דוא האסט אנגעשריבין וועד דא תפלה טוט פאר איין קבר

דער ווערט באלד דערהערט. רבונו של עולם עס ברומען מיינע

גידערים ווענין צער וואס איך זארג אויף דיא קליינע קינדער מיט וואס גאט האט זיי געשטראפט מיט דער קראנקהייט (און זאל פרמעלדין וואס פאר איין קריינק איז אויך צו פארמעלדין נאך זיין מוטער. איז עס חס ושלום בלאטערין זאל מען צו גאט בעטען אז ער זאל באלד פון זיי אפטאן

דיא [illegible]

רבונו של עולם וואס האבן גטאן די קליינע קינדער זיי האבן נעבאך גאר קיין **זינד** ניט גיטאן · ליבער הער גאט טוא נאך דיא קליינע קינדער דאס **גידיינקען** און לאז זייא לעבין אז זייא זאלין לערנען אין דיין ליבע תורה :

תחנה פון ליכט צינדין

דיא נייע תחינה זאל מען זאגען מיט כוונה ווען דיא אשה האט ליכט אנגעצונדען אויף שבת און יום טוב :

גאט פון דיין פאלק ישראל דו ביסט הייליג און דו האסט גיהייליגט דיין פאלק ישראל און דו האסט גיהייליגט דעם שבת און דו ביסט איינער און דיא ישראל האסט אוס דער וויילט אונטער אלע פעלקער צו דיין דינסט און דעם שבת צו עהרין און צו לייכטין מיט ליכט און צו האבין פרייד און לוסט אין דיינעם דינסט אין דיין הייליגין שבת דאס מיר זיינען שולדיג עהרליך צו הלטין מיט אלע זאכין אזו וויא אמלך דר האלט עהרליך זיין מלכה אדער וויא אחתן האלט ערליך זיין כלה און נאך ריידין פיל חכמים דאס זיי האבן גרופין דעם שבת בת מלכה און כלה דען איך דיין טאכטר האב שוין ליכט גיצונדין צוויי ליכט די דיינע חכמים האבין גיהייסין די וואס ווייסין דיין הייליגע תורה צוא עהרין און צו הייליגן דיין נאמן און די תורה און דעם שבת · אלמעכטיגר גאט גיב מיר און מיין מאן און מיינע קינדר און מיין גאנץ הויז גיזינד דעם הייליגן שבת צו רוען און צו הייליגן מיט נחת און בהיט אונז פר אלע בייזע באגעגניש און אויך פאר אלע בייזע גישעכניש אין דעם היינטיגן טאג דען די רשעים און די צדיקים האבין אויך היינט רוה פון דעם ביטערין גיהנם אזוי זאלסטו מיך אויך אין דעם טאג פון שבת באהיטן פר אלעם בייזין און אז אלע מיינע ליכט זאלין העל און לויטער ברענען צו פארטרייבן די בייזע רוחות און מזיקים דאס זיי זאלין אוועק פליען פאר די ליכט וואס איך טוא אנצינדין אין דעם שבת צו דעם דאס זיי זאלין ניט שעדיגין דעם מענש ניט קיין מאן אויך ניט קיין פרוי און קינדער פון פאלק ישראל · הער פון אלע וועלטין גיב מיר קינדער די דא וועלין ריכטין אין דיין תורה און זאלין באשיידין דיינע גיבאט די לייכטין און נייזין אוועג און זאלין טאן אלע צייט וואס דיר וואל גיפעלט אין דיינע אויגין און דאס עס וואל גיפעלט אין די אויגן פון לייטין און דאס מיר דעם שבת זאל זוכה זיין צו רוען און צו זענפטיגן אן אלע הינדערניס און שיק אונז דיא ברכה מיט דעם גוטן מלאך דער דא גייט אויף די רעכטע האנט פון דעם מענשן און דער בייזער מלאך זאל דרויף זאגין אמן און לאז אונז זוכה זיין דאס מיר וועלין ארבין דעם טאג וואס איז לויטער שבת דער דא רוהט דער דא לעבט אייביג עס זאל באוויליגט זיין פאר דיר גאט מיין באשעפר און מיין דער לייזער אמן :

ברוך

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של שבת :

לכבוד גאט לכבוד אונזר גיבאט לכבוד דעם ליבען שבת קדש וואס אונזר הער גאט האט אונז גיגעבין דעם ליבען שבת קדש און האט אונז גיבאטן די ליבע מצוה אז איך זאל קאנען מקים זיין און זיא זאל זיין גיוואונין אזוא וויא כל תרי״ג מצות פון כל ישראל אמן כן יהי רצון :

יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו שיבנה בית המקדש במהרה בימינו ותן חלקנו בתורתך : ושם נעבדך ביראה כימי עולם וכשנים קדמוניות : וערבה ליי מנחת יהודה וירושלים כימי עולם וכשנים קדמוניות :

רבונו של עולם מיין מצוה פון די ליכט אן צינדן זאל אזו אן גינומן זיין וויא די מצוה פון דעם כהן גדול ווען ער האט די ליכט אין ליבן בית המקדש אן גצונדן איז זיין מצוה אן גינומן גיווארן אזו זאל מיין מצוה אויך אן גינומן ווערין נר לרגלי דברך ואור לנתיבתי דאס איז טייטש דיינע רייד איז אזוא וויא אליכט צו מיינע פיס און מיינע קינדער זאלן גיין אין נאכט וועג און די מצוה פון מיינע ליכט אן צינדן זאל אן גינומן ווערן אז מיינע קינדערס אויגן זאלן לייכטן אין דר ליבער הייליגר תורה. אויך טוא איך בעטין ביי די ליכט דעם ליבן גאט ב״ה אז מיין מצוה פון די ליכט זאל אן גנומן ווערן וויא דאס ליכט האט גברענט פון דעם בוים אייל אין בית המקדש און איז ניט פאר לאשן גווארן בזכות דאס ליכט פון דעם ליבען שבת זאל מגין זיין וויא דער ליבער שבת האט מגין גוועזן אויף אדם הראשון וויא ער איז באהיט גיווארן פאר איין גיכין טויט אזו זאל ער אונזער זכות פון די ליכט מגין זיין אז אונזערע קינדרס ליכט זאל לייכטן אין דר תורה. זייערע מזלות זאלן לייכטן אין הימל וויא זאלן קענן פרנסה געבן די ווייב און קינדר בעין יפה און אונזערע מצות זאלן אן גנומן ווערין וויא די מצות פון אונזערע אבות ואמהות און די שבטים הקדושים מיר זאלן זיין אזו ריין וויא א קינד ווערט גבארן פון זיין מוטר אמן:

דיא תחנה זאגט מען אום שבת פריא

אלע צייט וועל איך לובן דיך גאט מיין גאט און גאט פון מיינע עלטרין דער מיך האט דערנערט און גשפייזט פון מיינ יוגינד אן ביז אהער אויף דעם היינטיגן טאג און ער זאל מיך ווייטר דערנערן דורך זיין ווילן דער באַרמקיים דאס ער איז נאהינט צו אלע די דא אים רופן מיט ווארהייט. ליבער גאט איך בעט דיך דו זאלסט ניט פרשעמן מיין תפלה און זאלסט ניט פר הוילן דיינע אויערין פון מיין גיבעט און זאלסט אנטפאנגען מיין תפלה אזוי ווי דו האסט אנטפאנגן די תפלה פון אונזר מוטר חנה עליה השלום דס זי האט תפלה

גטאן און האט גוואונגען אזון שמואל הנביא דר וואר גוואגן קעגן משה און אהרן און אזוי ווי דו האסט אנטפנגן די תפלה פון דבורה אויף דיין פאלק דורך איר האנד אויך ווי דו הסט אנטפנגן די תפלה פון בת־שבע דאס זי הט תפלה גטאן זי זאל א זון גווינן מיט דוד המלך עליו השלום און אויך אז ער זאל זיין א נביא וחכם און אויך ווי דו האסט אנטפאנגען די תפלה פון אסתר המלכה דאס זי האט חן גיהאט ביי אחשורוש און האסט בעשירמעט דיין פאלק ישראל פון דער האנד פון המן הרשע, און קיין שונא זאל קיין שליטה ניט האבין איבער אונז אלע טאג פון אונזער לעבין און זאל קיין נקמה אין אונז ניט האבין אמן סלה:

ליבער גאט דרהער דך מיין תפלה און לז מיך גניסן דם זכות פון אלע צדיקים וחסידים דם די גדינט הבין דיך מיטן גנצין הרצין און מיט דם גירעכטיגקייט און דו זלסט מיך לאזין גניסין דם זכות פון אלע קדושים און דם זכות פון אלע ווס הבין זייערע לייבר איבערגיענטפרט אום ווילין דיין הייליגען נמן און דרלייז אונז אוים דם ביטערן גלות דם מיר אזוי לנג דרינען גבליבן זיינען. אזוי ווילן מיר דיך בעטן ליבר גאט דס דו זלסט דך עפינן אלע שערי רחמים און דו זלסט אונז עטפרן מיט דרבארימקייט און זלסט אונז געבין לייטזעליגקייט אין דיינע אויגן און אין אלע אונזרע אנזהר און דו זלסט אונז דרנערין פון דיין מילדע הנד און בהיט מיך פר אלע בייזע מחשבות און גיב מיר אין מיין הרץ איך זל דיך דינן מיט ליבשפט און באצווינג אלע צייט מיין יצר הרע דם ער זל נישט קנן גוועלטיגן אן מיר ליבר גט פון דר גנצר וועלט היט מיך און אלע מיינע ליבע לייט פון ישראל פר אלע גזרות רעות און פר אלע שונאים הנד פר תפיסה און פר דברי שקר און פר בעלבולים און פר אלע בייזע באגעניש פר אלע בייזע צוקומעניש און גיב מיר מזל ברכה והצלחה אין אלע אונזרע אנהייבן און אויסלזין און גיב מיר גוטע און פרומע קינדר און העלף זיי דם זיי זלן תורה לערנן און מצות האלטן און דו זלסט אונז באהיטן אזוי ווי דו הסט בהיט אברהם אבינו עליו השלום פון דר הנד פון נמרוד און יעקב אבינו פון דר הנד פון עשו און לבן, און משה רבנו עליו השלום פון דר הנד פון פרעה, און דוד המלך פון דר האנד פון גלית הפלשתי, און חנניה מישאל ועזריה פון נבוכדנצר'ס האנד דם ער הט זיי אין קאלך־אויוון אריינגיווארפין און אזוי ווי דו הסט מציל גיוון דניאל'ן אויס דם לייבין־גרוב און אזוי ווי דו הסט בהיט מרדכי און אסתר פון דר הנד פון המן הרשע אזוי זאלסטו אויך בהיטן דיין ארים פאלק ישראל פאר אלעם בייזן און דו זלסט אונז שיקן פרייד און זלסט אונז באהיטן פאר אלע קרנקהייטן, אונזרע פיינד

זאלען

ואלן אונז ניט פר שעמען. עס זאל זיין אונזר קומן פר אליהו הנביא סייא בייא נאכט אדר ביי טאג. און ער זאל אונז ניט דר שרעקין מיט קיין ערליי דער שרעקניש און ער זאל אונז ניט שעדיגן מיט שאדין און זאלסט מיך און כל ישראל אפ היטן פר אלם בייזן אימר און אייבינ ביי נאכט אמן :

ליבר גאט איך בעט דיך אלמעכטיגר גאט דו זאלסט גיבוטן דעם מלאך וואס ער הייסט מט״ט דר די קרוין אויף בינט אויף דיין הויבט דם קיניגרייך און בינט זיא ווידר אפ. ליבר גאט טוא דיין צארן אפ פון אונז זעץ אויף קרוינן אונזער תפלה און מצות און מעשים טובים. וואס מיר ישראל נאר גוטס צו טאן זאלסטו אויף זעצן פאר אקרוין אלמאכטיגר גאט פר נעם דאך אונזר תפלה און באהיט אונז פון אלעם בייזן אזו וויא דער מלאך האט זיך בוויזן צו יעקב אבינו עליו השלום און ער הט אים בשירמט פון די הענד פון עשו און לבן און זאלסט אויף אים גביטן דס ער זאל אלע צייט אין מיין הילף גיין און דו זאלסט דיך אמל דער בארימן איבער דיין פאלק יודן און זאלסט אונז דאך אמל פירן אין אונזר היילגע לאנד אזו וויא דו האסט זיי גפירט אין דר מדבר און עס וואר אויך דער מלאך דר וואס האט גיהאלפין יהושע וואס ער האט דער שלאגן איין און דרייסג מלכים האסט גיהאלפין כל ישראל ווען זיי קומן אין ארין לאנד און זאלסט אויך גביטן אויף דם זעלבינן מלאך דאס פר אונז און אלע ליבע לייט זאל באהיטן אלע צייט פר אלע בייז און זאלסט אונז געבן צו אונזר רעכטע האנד דם מלאך מיכאל צו אונזר לינקע הנד דם מלאך גבריאל פר אונז דם מלאך אוריאל הינטר אונז דם מלאך רפאל און איבר אונז די היילגע שכינה דם זל זיין וואר גאטס נאמן אמן כן יהי רצון

דאס זאגט מען נאך מזמור אלהים יחננו :

יהי רצון עס זאל זיין דר ווילן פר דיר גאט מיין גאט און גאט פון מיינע עלטרן דו היילגר און גרוסר שטרקר און פרכטיגר שם דר דא אויס גייט פון דם מזמור וואס איך האב פר דיר גיזאגט לאז אזוי אז גינומן זיין און זאלסט מיך אום הערין אזוי ווי דו האסט דר הערט דם מזמור פון דוד המלך עליו השלום וועלכער הט מתפלל גיוועזן און דו זאלסט פר נעמן מיין גיבעט היינט אין דם טאג דיך צו באדינן און היינטיגר טאג זל זיין אמליין יושר פר דיר אמן סלה:

יהי רצון עס זאל זיין דר ווילן פר דיר גאט מיין גאט און גאט פון מיינע עלטרין הער פון אלע וועלטן דאס דו זאלסט מיר געבן אמתנה טובה און פרנסה טובה און דו זאלסט מיך גידיינקן אין אלע צייט מיט אגוטן גידעכניש און דו זאלסט אונז העלפין מיט גוט דער בארמונג און מיט דיין הילף אום ווילן דיין היילגין נאמן און דו זאלסט מיר געבן איין גוטין חלק און אגוטין שכר דס איך זאל טאן מעשים טובים דער ווארטין איך זאל קענן ווירדיג ווערין צו

עוה״ב און דו זאָלְסְט מאַכְן הֶערְין בְּשׂוּרוֹת טוֹבוֹת און שְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת און דו זָאלְסְט מִיר גֶעבְן לאַנג לֶעבְן מִיט מַיין מאַן און קִינְדֶער און אַלֶע מַיינִיגֶע און אַלֶעבְן פון אַיטְל שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה און עוֹשֶׁר וְכָבוֹד און שָׁלוֹם און קְלוּגְהַייט אִין דיינֶע אוֹגְן און אַלֶע די וָואס זֶעהֶן אונְז און זָאלְסְט אַיינִיגְן אוּנְזֶער הַארְץ צו לִיבּ הָאבִּין דיך און צו פָאַרְכְטִין פַר דיין הֵיילִיגְן נָאמֶען און דו זָאלְסְט מִיר גֶעבִּין אִין מַיין הַארְץ צו גוּטְן און גִיבּ מַיין חֵלֶק צְווִישְׁן צַדִיקִים און זָאלְסְט מִיךְ זֶעטִין מִיט דיין זֶענְפְטִיקַייט און דֶער בַּארֶעם זיך אִיבֶּער מִיר מִיט דיין הִילְף און בַּאהִיט מִיךְ מִיט מַיין מאַן און מַיינֶע קִינְדֶער פַאר אַלֶעם בֵּייזִין און זָאלְסְט מִיךְ מְזַכֶּה זיין מִיט גוּטֶע פְרוּמֶע קִינְדֶער די דָא זָאלִין קֶענֶען לֶערְנֶען אִין דֶער תּוֹרָה און זָאלְסְט פַר גֶעמֶען מַיין גִיבֶּעט גִילוֹיבְּט בִּיסְטוּ גָאט דֶער דָא הֶערְט אַלֶע תְּפִלּוֹת פון דיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל דָאס דיך אָן רוּפִין אַלֶע צַייטִין מִיט גַאנְצְהַייט און וָוארְהַייט אָמֵן:

תחנה ברכת קודש

די תְּחִנָּה זָאגְט מֶען אַלֶע שַׁבָּת נָאךְ לִיכְט בֶּענְטְשִׁין מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה:

אָנָּא תָּבֹא לְפָנֶיךָ תְּפִלָּתִי וְתַטֶּה אָזְנְךָ לְשַׁוְעָתִי:

אִיךְ בֶּעט דיךְ גָאט לִיבֶּר גָאט דֶר גָאט פון מַיינֶע עֶלְטֶרִין אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב און שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה אַז עֶס זָאל קוּמֶען פַאר דִיר מַיין גִיבֶּעט און זָאלְסְט נֵייגִין דיין אוֹיעֶר צו מַיין גִישְׁרֵייא:

פְּתַח שַׁעֲרֵי שָׁמַיִם לִתְפִלַּת אֲמָתֶךָ

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶפִין די טוֹיעֶרִין פון דֶעם הִימֶעל אַרַיין צו נֶעמֶען די תְּפִלּוֹת פון מִיר דיין דִינְסְט (פלונית בת פלונית) וואס אִיךְ קום צו בֶּעטִין פַאר דִיר:

תְּהֵא הַשָּׁעָה הַזֹּאת שְׁעַת רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ:

דִיא דָאזִיגֶע שָׁעָה וָואס אִיךְ שְׁטֶעל מִיךְ אַנִידֶער צו תְּפִלָּה טָאן פַאר ביין לִיבֶּען נָאמֶען זָאל זיין אַבְּאוִוילִיגְטֶע שָׁעָה פַאר דִיר

לְעוֹרֵר רַחֲמִים וַחֲסָדִים עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ:

צו דֶער וֶועקִין פִיל דֶער בַּארִימְקַייט און גִינָאד אוֹיף דיין אָרִים פָאלְק יִשְׂרָאֵל וָואס זַיינֶען פַר שְׁפְּרֵייט אוֹיף אַלֶע פִיר עֶקִין פון דֶער וֶועלְט:

הוֹשִׁיעָה אֶת עַמֶּךָ וּבָרֵךְ אֶת נַחֲלָתֶךָ:

לִיבֶּער גָאט הֶעלְף צו דיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל מִיט דיין גְרוֹיס דֶער בַּארִימְקַייט און בֶּענְטְשׁ דיין אַרְב צִיּוֹן מִיט יְרוּשָׁלַיִם וָואס זַיינֶען אָפּ גִיטָאן פון זֵייעֶר קְרוֹין און זֵייעֶר שַׁיין:

הָאֵר פָּנֶיךָ אִתָּנוּ וְרַחֲמֵנוּ כְּגֹדֶל צִדְקוֹתֶיךָ:

מַאךְ לַייכְטִין דיין פָּנִים מִיט אוּנְז לִיבֶּער הַארְצִיגֶער גָאט און דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף דיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶער וָואס הָאבִּין צו דִיר אַזוֹי וִויא דיין גִירֶעכְטִיקַייט:

מַלְאֲכֵי רַחֲמִים יַמְלִיצוּ טוֹב בַּעֲדֵנוּ:

לִיבֶּר גָאט גִיבִּיט צו דיינֶע מַלְאָכִים פון רַחֲמִים זֵיי זָאלִן זיין גוּטֶע מְלִיצִים פַר אוּנְז צו שְׁפְּרֶכְן פַר דיין כִּסֵּא הַכָּבוֹד אַלֶע זְכוּת און אַלֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס וֶועִרִין גִיטָאן דוּרְךְ דיינֶע קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל:

וְיִזָּכֵר לְפָנֶיךָ זְכוּת יוֹם הַשַּׁבָּת הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה.

און עֶס זָאל פַר דִיר גִידֵיינְקט וֶוערִין רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דֶער זְכוּת וָואס דַיין לִיבּ פָאלְק יִשְׂרָאֵל אַנְטְפַאנְגֶען צוּ הִיטְן דֶעם לִיבְּן הַיילִיגְן שַׁבָּת וָואס עֶס קוּמְט אָן:

אֲשֶׁר קִדַּשְׁתּוֹ מֵעֵת אֲשֶׁר עוֹלָמְךָ בָּרָאתָ:

וָואס דוּ הָאסְט דֶעם הַיילִיגְן שַׁבָּת גִיהַיילִיגְט פוּן דֶער צֵייט אָן וָואס דוּא הָאסְט דִיא וֶועלְט בַּאשַׁאפְן אַזוֹי וְויא אִין פָּסוּק אִיז גִישְׁרִיבְּן וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אוֹתוֹ דָס אִיז טַייטְשׁ גָאט הָט גִיבֶּענְטְשְׁט דֶעם זִיבֶּעטִין טָאג און הָאט אִים גִיהַיילִיגְט:

קַדְּשֵׁנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ וּמִטּוּבְךָ שַׂבְּעֵנוּ:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֵיילִיג אוּנְז מִיט דַיינֶע הַיילִיגֶע מִצְוֹת מִיר זָאלִין זַיא אַלֶע קֶענֶען מְקַיֵּים זֵיין און פוּן דַיין גוּטְס טוּא מַאכִין אָן זֶעטִיגִין אוּנְזֶערֶע לַייבֶּער:

שָׁמְרֵנוּ שֶׁלֹּא יָבוֹא חִילּוּל שַׁבָּת עַל יָדֵנוּ:

הִיט אוּנז לִיבֶּר גָאט און דֶער בַּארְמִיגֶר פָּטֶר עֶס זָל נִיט גִישֶׁען דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע הֶענְט קֵיין חִילּוּל שַׁבָּת חָלִילָה בַייעֶרְט מִיר זָאלְן אִים הַיילִיג הַאלְטְן פוּן דֶער צֵייט וָואס עֶר קוּמְט אָן בִּיז עֶר גֵייט אַוֶועק:

תַּבִּיט וְתָצִיץ מִמְּרוֹמִים אוֹתָנוּ לְרַחֲמָה:

לִיבֶּער דֶער בַּארְמִיגֶער פָאטֶער זָאלְסְט לוּגְן און קוּקִין פוּן דִיא הֵייכֶע הִימְלֶען אַרָאפּ צוּ דֶער בַּארִימֶען זִיךְ אוֹיף אוּנְז דַיין אָרִים פָאלְק יִשְׂרָאֵל:

עַם סְגוּלָּתְךָ בְּחַסְדְּךָ הַטּוֹב לְהוֹשִׁיעַ:

דַיין גִילִיבְּט פָאלְק וָואס אֵיינְצִיגִן דַיין נָאמֶן און הִיטְן דַיין לִיבֶּען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ זָאלְסְטוּ מִיט גִינָאד הֶעלְפִין און זָאלְסְט זֵיי הִיטֶען פוּן אַלֶעם בֵּייזִין:

וַעֲלֵי אֲמָתְךָ בַּת אֲמָתֶךָ יִתְעוֹרְרוּ רַחֲמֶיךָ הָרַבִּים:

און אוֹיךְ אוֹיף מִיר דַיין דִינְסְט (פלונית) דִיא טָאכְטֶער פוּן דַיין דִינְסְט (פלונית) זָאלִין דֶער וֶועקְט וֶוערִין דַיינֶע פִיל דֶער בַּארִימְקֵייט

וְתִשְׁלַח בְּפִי דִּבּוּרִים טוֹבִים לְפָנֶיךָ לְבַקֵּשׁ:

און זָאלְסְט אַבַיין שִׁיקִין אִין מַיין מוֹיל גוּטֶע רֵייד און גוּטֶע בַּקָּשׁוֹת צוּ בֶּעטִין פַאר דִיר דֶער בַּארְמִיגֶער גָאט אוֹיף מִיר און אוֹיף מַיין מַאן און אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער:

שֶׁלֹּא אֶכָּשֵׁל בִּלְשׁוֹנִי לְדַבֵּר דְּבָרִים שֶׁאֵינָם הֲגוּנִים

אִיךְ זָאל נִיט גִישְׁטְרוֹיבִּילְט וֶוערִין מִיט מַיין צוּנְג צוּ רֵיידִין פַאר דִיר לִיבֶּער גָאט דִיא רֵייד פוּן מַיין מוֹיל מִיט גְרוֹיס פָארְכְט און צִיטֶערְנִישׁ:

וּתְקַבֵּל בְּרָצוֹן אֶת בִּרְכָתִי עַל נֵרוֹת שַׁבַּת קָדְשֶׁךָ:

און זָאלְסְט אָן נֶעמֶען מַיין בַּאוִוילִיגוּנְג דִי בְּרָכָה וָואס אִיךְ הָאבּ גִימַאכְט אוֹיף דִיא לִיכְט וָואס אִיךְ הָאבּ אָן גִיצוּנְדִין לְכָבוֹד דֶעם לִיבְּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ:

וְתִשְׁמוֹר אֶת כָּל בָּתֵּי יִשְׂרָאֵל מִשְּׂרֵפָה וְתַבְעֵרָה.

און זָאלְסְט הִיטְן אַלֶע יוּדִישֶׁע הַייזֶר עֶס זָאל חָלִילָה נִיט קוּמֶען אוֹיף זֵיי קֵיין שְׂרֵפָה און קֵיין בְּרֶענוּנְג בִּזְכוּת וָוָס מִיר אַלֶע ווַייבֶּער טוּעֶן דֶר לַייכְטְן מִיטְן פַייעֶר פוּן דִי לִיכְט אִין אוּנְזֶערֶע הַייזֶר:

וּתְזַכֵּנוּ שֶׁלֹּא יִבְעַר בְּלִבֵּנוּ שׁוּם כַּעַס וְחֵמָה:

און בִּזְכוּת זֶה זָאלְסְטוּ אוּנְז מְזַכֶּה זֵיין עֶס זָאל נִיט בְּרֶענֶען אִין אוּנְזֶער הַארְץ קֵיין שׁוּם צָארְן און גְרִים צָארִין צוּ אַיבִּיג עֶס זָאל זֵיין שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה אִין אוּנְזֶערֶע גְטַארְקְטֶען:

ותאיר את עיני בעלי ובני בתורתך הקדושה :

אן אזו וויא איך האב דר לייכט מיין הויז מיט די ליכט וואס איך האב אן גיצונדן לכבוד דם היילגן שבת אזוי זאלסטו דער לייכטען די אויגן פון מיין מאן און מיינע קינדר אין דיין היילגע תורה:

שלח אורך ואמתך המה ינחונו :

רבונו של עולם שיק דיין ליכט און דיין ווארהייט זיי זאלן אונז פירן אין דם רעכט פרטיגן וועג צו טאן מצות און מעשים טובים אלע אונזערע לעב טעג :

ותאיר את עירך ירושלים המאופלת :

און זאלסט דער לייכטין דיין היילגע שטאט ירושלים וואס זיא איז פאר פינצטערט און פאר וויסט שוין פון וויפיל הונדערט יאהר :

אל תשליכנו לעת זקנה ואל יחשכו עינינו :

ליבער דער בארעמדיגר פאטער דו זאלסט אונז ניט אוועק ווארפין אין דר צייט פון אונזער עלטער און עס זאל נים קומען קיין פינצטערניש אויף אונזערע אויגען :

מזלנו יאיר כזוהר השמש בשמים :

אונזר מזל זאל לייכטן אזוי וויא די שיין פון דער זונן אין הימעל און מיר זאלן גיבענטשט ווערין פון זיין ליבען נאמען צו כויטערקייט און צו גוט לעבין מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן די ליכט וואס מען וועט אן צינדין אין בית המקדש במהרה בימינו אמן :

תחנה שלשה שערים

איך נעם צו הילפדעם לעבדיגן גאט ברוך הוא וואס לעבט אימער און אייביג און שטעל די אנדערע שיינע נייע תחנה אוף טייטש מיט גרוס ליבשאפט מיט גרוים פארכט און מיט דער שרעקניש מיט צובראכענע גלידר מיט גרוים גיבעט מיט גרויס רחמנות זאל גאט האבן אויף מיר און אויף כל ישראל איך זאל ניט דארפן לאנג נע ווער צו זיין בזכות אונזר מוטר שרה רבקה רחל ולאה און מיין ליבע מוטר לאה זאל אויך פר מיר בעטין גאט ברוך הוא אז דם וואס איך בין נע ווער זאל מיר זיין אכפרה אויף מיינע עונות און השי"ת זאל מיר מוחל זיין וואס איך האב אין מיין יוגינד גירעט אין שול ווען מען האט גילייענט אין דער ליבער היילגער תורה :

הער פון דר גאנצער וועלט איך מאך פאלן מיין גיבעט פאר דיר אזוי ווי איך הייב אן צו מסדר זיין מיין אנדרע שיינע נייע תחנה מיט מיין גאנצר כוונה און מיט מיין גאנצין גרונד פון מיין הארצין זאלסטו אונז היטין פון פיין און פון שמערצין · איך בעט דעם ליבען גאט ב"ה אז ער זאל שוין האבין גרויס רחמנות אויף כל ישראל און אויף מיינע אלטע יארין איך זאל שוין ניט דארפין נע ווער צו זיין · אזוי וויא דו האסט דר הערט דם גיבעט פון אונזערע אבות ואמהות אזו זאלסטו דר הערן מיין גיבעט · ליבער גאט גידיינק דם זכות פון אונזער היילגן פאטער אברהם אבינו עליו השלום דם ער האט מיט זיין ליבער האנד באריטן דעם האלז פון זיין זון יצחק און מיט זיין רעכטער

מאנט האט ער גנומן דעם שעכט מעסר צו שעכטן זיין זון יצחק און דם האט ער גיטאן, ער זאל דיר צוליב טאן און האט אויך ניט אויף גיהאלטן דיין שליחות צו טאן ווי דו האסט אים גישיקט אזוי גיהערסטו דיך צו דר בארימען איבער אונז און איך בעט הימעל און ערד און אלע היילגע מלאכים אז זיי זאלין פר מיר בעטין אז מיינע ביידע תחנות זאלן אנגינומען ווערין אמן כן יהי רצון :

שער זה נתיסד על שלשה מצות שנצטוו הנשים ושמי שרה איז בראשי החרוזים :

שלשה מצות נצטוו הנשים דרייא מצות זיינן די נשים גיבאטן גיווארן חנ״ה שמותן דר נאמן פון די דרייא מצות איז חנה. דאס ווארט חנה מאכט חלה. נדה. הדלקת הנר :

ראשית עריסותיכם חלה תרימו די טייטש פון דם פסוק איז אזו דם ערשטע פון אייער טייג זאלט איר אפ שיידן חלה בזכות זה ה׳ אוצרותיכם שובע ימלא די ווערטר איז טייטש פון וועגן דעם זכות פון מצות חלה וועט השי׳ ברוך הוא וברוך שמו אייך געבן די ברכה אין אייערע אוצרות און וועט זיי אן פילן מיט זעט. פר צייטן פלעגט אזו זיין. דער כהן האט גינומן תרומה און דר לוי האט גינומן מעשר און דר עני מעשר עני אויך צו צייטן מעשר שני אבער איצונדערט בעונותינו הרבים אז דאס בית המקדש איז חרוב איז אלץ בטל גיווארין נאר די מצוה פון חלה איז גיבליבן דרום רבו״ש של עולם בעטין מיר דיך או דו זאלסט אן נעמען די מצות חלה און זאלסט שיקן גרוים ברכה וואו מיר וועלן זיך קערין און ווענדן אונזערע קינדערלך זאלן ניט פרפרעמד ווערן און מיר זאלן קענען אונזערע קינדער אליין פרנסה געבן איך מיט מיין מאן ביז לאנג לעבן און די מצות חלה זאל אנגינומען ווערין זי זאל גיוועזן זיין וויא גאר די תרי״ג מצות פון דער היילגער תורה :

חופש ה׳ כל חדרי בטן דאס איז טייטש גאט ברוך הוא וברוך שמו זוכט די אלע קאמערין פון דעם בוך :

מצות נדה אם תשמרו ה׳ יצילכם ממיתת אסכרה והדרוקן דם איז טייטש אז איר וועט רעכט היטן די מצוה פון נדה אזו וועט השי׳ ברוך הוא וברוך שמו היטן אייערע קינדר פון מיתת אסכרה און פון דר מיתה וואס הייסט הדרוקן. גן נעול אחותי כלה דם איז טייטש אפאר שלאסנר גארטן איז מיין שוועסטר בית ישראל איך רוף זיא כלה :

הדלקת נר בערבי שבתות אן צו צינדין די ליכט אויף שבת האם שנים מצותן דאס איז טייטש עס איז אמצוה צוויי ליכט אן צו צינדן לכבוד שבת. בנגד זכור ושמור רמיזתן די צוויי ליכט זיינן מרמז קעגן זכור און קעגן שמור דס הייסט אין די ערשטע עשרת הדברות שטייט זכור את יום השבת

לקדשו און אין דיא אנדערע עשרת הדברות שטייט שמור את יום השבת לקדשו · נר נר ת"ק מספרם דאס איז טייטש די צאל פון צוויי מאל נר מרעכט אן פינף הונדערט קענן אברים של איש ואשה אזו פיל ווי די אברים פון דעם מאן און פון די אשה בזכות זה וועט הש"י היילין די גלידער פון איש ואשה דרום זאל מען זייער ערנסט ליכט צינדן וועט הש"י דערלייכטן דיא אויגן פון אייערע קינדר אין דר היילגר תורה בשעת צינדן מוז מען מתפלל זיין צו גאט אז די קינדר זאלן קענן לערנן · ג' מצות אלה אם תשמרו דם איז טייטש אויב איר וועט די דריי מצות ערליך האלטן אני קרובה לידתן דם איז טייטש עס וועט נאהנט זיין אייער גיווינן שלא בצער יגן בעדן זכותן עס וועט מגין זיין דר זכות פון די מצות פר אייך יום בא לידתן דם איז טייטש אז עס וועט קומן דר טאג פון אייער גיווינן · ה' ישמרכם מדבר ואסון השם יתברך וועט אייך היטן פון מארד און פון אסון ותראו שמחה וששון :

דינים פון נדה

השם יתברך ברימט זיך מיט די טעכטר דם מיינט מען די ווייבר פון די קינדער ישראל אז זייער גארטן איז פר שלאסן פון זנות און אפילו פון זייערע מאנן זיינן זיי זיך אויך פורש עונה אחת סמוך לוסת איז טייטש איין מעת לעת ווען זיא טוט זיך ריכטן אויף דער נדה טאר זיא זיך צו איר מאן ניט באהעפטין · פון דעסט וועגן האבן מיר דם דין געשטעלט כדי צו מזכה רבים זיין ווארום דר פראסטר עולם ווייסן פון דם דין ניט צו זאגין דרום ווערין פיל לייט גישטרויכילט און ליידען חלילה אגרויסין עונש דער פאר איבער דעם האבען מיר דעם דין אריין גישטעלט אין דער תחינה כדי אז איטליכע אשה זאל גיווארינט זיין דרינען · בזכות זה וועלן זיי האבן גוטע און פרומע קינדער און קלוגע זכרים וואס זייא וועלין מורה רבים זיין · ומכל שכן אז זייא וועלן האבין איין גרויסין שכר לעולם הבא :

דער זכות פון אונזר מוטר חנה זאל מגין זיין אויף זייערע טעכטער זייא זאלן זייערע מצות רעכט האלטן בפרט די מצוה פון נדה זאלן זייא ניט פאר גרינג האלטן ווארום אז זייא וועלן צו קינד גיין וועלן זיי חס ושלום גימי שפט ווערן און אז זיי וועלן רעכט נזהר זיין וועלן זיי גיווינען גיך און באלד אמן :

דינים פון חלה

ווען זיא טוט חלה נעמען זאל זיא אזוי זאגין וועט מען ניט פאר שנידין זייערע יארין און טעג חס ושלום · ווען מען קנעט אויס טייג אזוי פיל מעל קמח חלה דאס איז טייטש אזוא פיל מעל וויפיל דאס ווארט חלה

טרעפט און רחמנא ליצלן ביצים דאס איז דרייא און פערציג אייער און דאס
בטרעפט דריי קווארט מעל מוז מען פון דעם טייג אפ שיידין חלה ׃

אז מען נעמט חלה מאכט מען דיא ברכה

ברוך הוא וברוך שמו

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להפריש חלה׃
לכבוד גאט לכבוד אונזר גיבאט לכבוד דעם ליבן שבת קודש וואס אונזער
הער גאט האט אונז גיגעבין דעם ליבין שבת קודש און האט אונז
גיבאטין דיא ליבע מצוה איך זאל זיא קענען רעכט מקיים זיין און עס זאל
אזו גירעכנט זיין וויא כל תרי״ג מצות פון כל ישראל אמן כן יהי רצון ׃
יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו שיבנה בית המקדש במהרה
בימינו ותן חלקנו בתורתך ׃ ושם נעבדך ביראה כימי עולם וכשנים
קדמוניות ׃

מיין חלה זאל אן גינומען זיין אזוי וויא אקרבן אויף דעם מזבח איז אן גינומן
גיווארן מיין מצוה זאל אנגינומן זיין גלייך וויא איך האב זיא רעכט מקיים
גיוועזן ׃ פר צייטן איז דאס גיקומן דעם כהן גדול און ער האט פר דעם פרגעבן
די זינד אזוי זאל מיר אויך פר געבן ווערין מיינע זינד איך זאל זיין גלייך וויא
אנאיי גיבארן קינד איך זאל קענן מיינע ליבע שבתים און ימים טובים עהרן
ער זאל מיך באשערן איך זאל מיך קענן מיט מיין מאן און מיינע קינדער דר
נערן עס זאל אנגינומן ווערין מיין מצוה פון חלה נעמן אז מיינע קינדער אויך
זאלין גישפייזט ווערין פון דעם ליבין גאט ברוך הוא מיט גרוים רחמנות און
מיט גרוס דער בארימקייט ׃ עס זאל גיגלייבין זיין מיין מצות חלה גלייך וויא
איך האב מעשר גיגעבן ׃ וויא איך טוא מיין מצוה פון חלה מיט מיין גאנצין
הארצין אזוי זאל גאט ברוך הוא מיך היטין פון פיין און שמערצין ׃

מוסר פאר דיא ווייבער

איך אשה שרה טו בעטן די יונגע ווייבער זיי זאלן נית שמועסן אין דר ליבר
שול ווארום עס איז אגרויסע זינד פון די לייט ווען וואס שמועסן אין
שול פון נאך ברוך שאמר ביז נאך. שמונה עשרה דרום טוא איך איך
אן זאגן אז איר זאלט ח״ו נית גישטראפט ווערן וויא איך בין גישטראפט
גיווארן מיט גע נער בכן זאלט איר איך פון מיר אבצוה נעמן און זאלט פאר
גאט אייערע זינד באקענן ׃ אויך טוא איך איך בעטן אז איר זאלט רחמנות
האבין אויף אלמנות און יתומים און שבוים און אויף אלטע לייט און אויף
קראנקע לייט ווארום ווען איר טוט פאסטן אזו טוט איך אייער הארץ ווייער
טייא און ביטער זיין ווארום זאלט איר גלייבן וויא דעם ארימאן איז וייער טיי

און פר בימערט דאס הארץ וואס ער האט ניט זיין ווייב און קינדער צו עסין
געבין דרום טוא איך בעטין אז איר זאלט דאס בעטין פון גאט ב״ה אז
גאט ב״ה זאל אייך שטארקין אייערע הערצער איר זאלט מקיים זיין די מצוה
פון צדקה לעניים מיט גרויס השגחה בזכות זה וועט גאט ברוך הוא אויף
אייך השגחה האבין און אין דעם זכות טוא איך בעטין פון הש״ית ער
זאל גרויס השגחה האבין אויף מיינע אלטע יארן און טעג · וויא איך האב
אייך די שיינע תחנה די אנדרע מסדר גיוועזין אזו זאל איך פון מיין גרויסע
זינד ריין גיוועזין · מיט דעם וואס מיר טוען אויף אונזערע זינד גידיינקן
זאל אונז השם יתברך דאס לעבין שיינקען :

איך טו מיך דר מאנן אן אלע זאכין ווען איך פלעג צו קומן אין דר ליבר
שול אן גיטאן אין אבנים טובות פלעג איך נאר שפטין און לאבין
טוא איך מיר היינט דר מאנן און גידיינקן אז הש״י ב״ה טוט ניט שיינקען
ווארום עס שטייט נישריבן הקצר בזעם ומאריך אף דאס איז טייטש ער
ווארט לאנג און באצלט גיך · היינט בין איך נעווער גיקומן מיין הארץ טוט
אין מיר ברומן ווארום איך טו גדיינקן אז הש״ית טוט קיינם ניט שיינקען
דרום טוא איך אייך בעטין אז איר זאלט מיינע רייד נעמען און איר
זאלט אייך צו אייער הארץ נעמן ווען איר וועט אין דר ליבר שול קומן
זאל אייך אגרויס דר שרעקניש אן קומן איר זאלט וויסן פר וועמן איר זייט
גיקומן און צו וועמן איר טוט בעטן און ווער וועט אייך איין ענטפר געבין
אויף אייער לעבין אויך טו איך בעטן אז איר זאלט גרויס רחמנות האבין
אויף אלמנות און יתומים און גיפאנגענע און אויף אלטע לייט און קראנקע
לייט ווארום אז איר טוט פאסטן טוט אייך אייערע הערצער וויי דרום
זאלט איר גלייבן די ארימע לייט ניט גנוג וואס איז וויי טוט אים נאך מער
וויי ווען ער זעהט זיין ווייב און קינדר און האט ניט מיט וואס זיי צו דער
קוויקען דרום טוא איך שרה אייך בעטן אז איר זאלט דאס מאן פון
ליבין גאט ב״ה וועגין און זאלט זעהן צו האבן גרויס השגחה ווארום
איך טוא האפן מיט אלע אביונים אויף גאטס הבטחה און טוא אויך
דעם ליבען גאט בעטין אז ער זאל גרויס השגחה האבין אויף מיינע
אלטע טעג אז אונזרע קינדער זאלן פון אונז ניט פאר יאגט ווערין ·
אויך האב איך די אנדערע נייע שיינע תחנה מסדר גיוועזן דאס מיר
זאלין דעם יאהר פון אונזערע זינד און פון דעם מלאך המות גינעזין
ווערין און בזכות זה זאל אונז גאט ברוך הוא שיינקען דאס לעבין :

תחנה פון ראש חודש בענטשן

אז מען בענטשט ראש חודש זאגט מען דאס :

הבט לוג פון דעם הימל דיין. עדה הקדושה שטייען און בעטן און טוען תפלה דייערע הערצער זיינן צו בראכן. זיי שטורמן און אויך ברומן. זיי שרייגן ניט דרום העער איר גיבעט דיין חסד איז דאך גרויס וועגן שוין אונזערע זינד האבן אונז באדעקט אזו פאר שפרייט און שטארק דיין דער באר מקיים דאס דוא האסט אויף ציון און מאך מיך לוטערקייט דעם מדת הדין לוטר מיט די שלש עשרה מדות און מאך לייכטן איר גרויסע ליכט און עס זאל אן גינומען ווערין אונזער תפלה מיט די תפלות פון אונזערע אבות די וואס טוען תפלה אלע ערב ראש חודש עס זאל זיין אקרון צום מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא :

עורו דר וועקט אייך אבות פון די קברים און גייט צום כסא רחמים צו בעטין אויף די איבריגע שאף. קום און שטיי אויף אברהם פאר אונזר פאטר וואס לעבט אייביג ער זאל גידיינקן דעם ברית בין הבתרים אז דיינע קינדר זאלן זיין אז שטערן אין הימל און ווען זיי האבן גיזינדיגט און גימיסטייט און זיי זיינען שולדיג שרפה אזו גידיינק וואס איך האב מיך מוסר נפש גיוועזן און האב מיך גילאזט ווארפן אין קאלך אויבן אום וועגן דיין היילגן נאמען און האב מקדש השם גיוועזן און לאז דאס ברענגן זיין פר מיינע קינדר. קום און שטייא אויף יצחק וואס דו ביסט גיבונדין גיווארן אויף דעם מזבח און בעט פאר גאט זעץ דיך אויף דעם כסא רחמים און גידיינק וואס איך האב גיהאט אויף דעם מזבח לאז עס זיין איין פארגעבונג אויף מיינע קינדר וואס זיינען שולדיג הרג. קום און שטייא אויף יעקב און בעט פאר דעם גאט דאס ער דערהערט דאס גיבעט פון אלע מענטשין און בעט אויף דיינע שאף גידיינק אז איך האב מוסר נפש גיוועזן פון זייערט וועגן און היינט זאלסטו זיי פרלאזין און אויב זיי האבן גיזינדיגט און זיינען חייב גלות. אזוי גידיינק ליבר גאט אז איך בין גיגאנגען פון מיין פאטערס הויז און עס האט מיך גיברענט ביי טאג די היץ און ביי נאכט די קעלט. און קום שטיי אויף משה רבינו און בעט פר גאט אויף די קינדר ישראל און איך בעט דיך נאראהאפטיגר נביא דוא ביסט גיוועזן וויא אפאטער צו די קינדר ישראל און אויך אין דר מדבר אז זיי האבן גיזינדיגט האסטו גמאכט ווידר קערן דם גרים צארן פון גאט זיי זאלן ניט פר דארבן ווערן דרום שטיי אויף און בעט פאר גאט ער זאל ניט פרדארבן דיין פאלק וואס דו ביסט גיוועזן זייער שליח אויס צו ציהן זיי פון מצרים אין זייער לאנד אריין ווס גאט האט צו זיי גשווארן דרום גידיינק ליבר גאט דס איך בין פר זיי גלאפן אין דר מדבר פרדי עס זאל זיי גיט קענן קיינר קיין בייז טאן. דו ליבר גאט פון דם הימל טו גידיינקן אין דיין טיין שטאק דם דו האסט גפלנצט מיט דיינר האנט. קום און שטיי אויף מלך המשיח און זעה די עדה פון גאט

דר וועק דיין משפט פר דיין פאטר וואס האט דיך באשאפן און דו גאט ביז ווי לאנג וועסטו זיי פר לאזן איך זאל זייערע זינד אפ קומן און עס זאל אויך פאר געבן אויף די ישראל איך בעט דיך גאט גדיינק צו מיר חסד פון דיין קנעכט וועגן און זאלסט ווידר קערן דם עלינטקייט פון מיר און זאלסט אונז שטארקן מיט דיין נאמן דו זאלסט דר הייבן דיין הערשאפט און עס זאל אנטפלעקט ווערן צו דיין הייליג פאלק ישראל צו באשירמן זיי פר דם שלעכטץ · און גאט זאל זיין צו אקיניג איבר דר גאנצר וועלט · וואס איז דען דאס לעבן גאר פון דעם מענטשן אבער דער טוט איז אלץ גאר אין דיינר מאכט און דוא ביסט ממית ומחיה דוא מאכסט לעבדיג און טוט און קיין אנדער גאט איז ניט פאר האנדין ניט אויף דר וועלט און ניט אויף יענער וועלט · ניט פאר דיר און ניט נאך דיר · דו ליבער גאט דוא דר נידערסט דעם מענטשין אז ער גייט ניט אין דעם רעכטן וועג און דו דער הייבסט דעם מענטשין אז ער גייט יוא אין רעכטן וועג און דוא שטראפסט און דוא היילסט און מיין בטחון איז נאר אויף דיר וואס דוא פירסט דיך אנטקעגין דעם מענטשן מיט י״ג מדות וואס זיי ווערן גירופין שלש עשרה מדות :

יי יי אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נשא עון ופשע וחטאה ונקה :

עזרנו אלהי ישענו על דבר כבוד שמך והצילנו וכפר על חטאתינו למען שמך ברוך יי לעולם אמן ואמן :

יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו שתחדש עלינו את החדש הזה לטובה ולברכה ותתן לנו און דו זאלסט אונז געבן חיים ארוכים אז דאס לעבן זאל זיין אלעבן אויף עולם הבא חיים של טובה חיים של ברכה מיר זאלן פון גאט גשפייזט ווערין חיים של פרנסה טובה און מיט נחת און ניט מיט צער · בגדים לפי כבודי · חיים של חלוץ עצמות אונזרע ביינער זאלין גשטארקט ווערן · חיים שיש בהם יראת שמים און אונזרע קינדר זאלן גלייבן אין גאט ב״ה זייא זאלן גיין אין גאטס וועג זייא זאלן באגליקן זייער וועג און שטעג חיים שאין בהם בושה וכלמה מיר זאלין ניט פר שעמט ווערן בעולם הזה און ניט בעולם הבא פאר דעם בית דין של מעלה · זאלסט אונז געבין חיים של עושר וכבוד מיר זאלין אונזרע קינדער מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים וויא דוד המלך עליו השלום האט גיבעטן רבונו של עולם לאם איך שטארבן ווי אמלכות און ניט וויא איין אביון · זאלסט אונז געבן חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים מיינע קינדר זאלן גלויבן אין גאט ווי די קינדר פון יעקב אבינו עליו השלום ווארום אז יעקב אבינו האט

גיזאלט שטערבן האט ער גוואלט מגלה זיין דעם קץ פון דר גאולה האט זיך
די נבואה פון אים אפ גיטאן האט ער זיך. זייער דר שראקן און האט גיזאגט
צו זיי אפשר חלילה איז איין פסול אין מיין בעט האבן זיי גיענטפערט שמע
ישראל יי אלהינו יי אחד דאס איז טייטש הער צו אונזר פאטר ישראל דער
גאט וואס איז דיין גאט דער איז אונזער גאט אויך · גאט ב"ה איז איינער ·
פאר וואס האבן זיי אים גרופן ישראל. ער האט דאך גיהייסן יעקב נאר אז ער
איז נאך גיגאנגען נאך וועלט זאכין האט ער גיהייסן יעקב נאר אז ער איז
גיגאנגען נאך תורה ומעשים טובים האט ער גיהייסן ישראל · ליבער גאט
גיב אונז חיים שימלא משאלות לבנו לטובה אמן :

רבש"ע איך טוא תפלה צו דיר ווי אסתר המלכה האט תפלה גיטאן· הער פון
דער גאנצער וועלט הער שרייען צו מיין גישריי ענטפר מיר דערפריי אונז
שוין דאס מיר זאלן אויס גילייזט ווערן. איך האף צו גאט ב"ה אז ער וועט אן
נעמען מיין גרויסע בקשה ווי ער נעמט אן אלע בקשות פון אלע שווערע גימיטן
מיט צו בראכענע הערצר דם גאט ב"ה זאל שון אן נעמען מיין גיבעט מיט מיינם
צו בראכענעם הארצן וואס איך האב גרוים מיה פון מיינע קינדר דאס יאר זאל
אונז ביי שטיין דער זכות פון אברהם יצחק ויעקב· אונזרע קליינע קינדר וואס
זיינן גישטארבן יונגר הייט פר זייער צייט זאלין. זיי פר אונז בעטן אויך די
ריינע און היילגע דר בארמיגע מלאכים זאלן פאר אונז בעטן ביום הדין ווען
דוא וועסט אונז משפטן זאלסטו אונז משפטן מיט רחמנות און ניט מיט רוגז
און מיין גיבעט זאל ניט לעדיג ווידר קערין· השם אלהי צבאות דוא פרובסט
אלע קאמערן און גראנקן פון אלע הערצר· איר הימל עפינט אייערע פענסטר
לאזן די דר בארמיגע מלאכים ברייגן מיין תפלה פאר השם יתברך· דר דער
בארמיגר מלאך וועט גוים פר מיר גיין ער וועט מיר ברייגן חן וחסד פון פר
השם יתברך דער חן פון יוסף הצדיק און דער חן פון אסתר המלכה זאל מיר
גיגעבן ווערן און דעם מענטשן וואס ער האט זיין בטחון אויף השם יתברך
דען ער פר לאזט ניט קיינעם דר וואס פר זיכערט זיך אין אים אמן סלה :

רבונו של עולם הער פון דער גאנצר וועלט וואס דו האסט די וועלט בשאפין
מיט דיא זעלביגע הענט זאלסטו פאר שפרייטן אויף אונז און זאלסט אונז
העלפן דר גאט וואס האט מציל גיוועזן צו אברהם אבינו פון דעם קאלך: אובן
דר גאט ברוך הוא זאל אונז ניט שיקן קיין שום בייז און אין דיא קינדר פאר
אונזרע אויגן · דר גאט וואס האט מציל גיוועזן צו יצחק פון דער עקידה דר גאט
ברוך הוא זאל אונזרע קינדר בענטשן מיט זיינע ביידע באווילגטע הענט· דר
גאט וואס האט מציל גיוועזן צו יעקב פון עשו און פון לבן דר גאט ברוך הוא
זאל געבן מיר זאלן זוכה זיין צו בענטשן אונזרע קינדר צו דר חופה מיט אונזרע

הענט

חענם דאס דר טויער וואס די שכינה איז דורך אים ניגאנגן אין גלות לעתיד לבא וועט זיא ווידר קערן דורך דאס טויער אבר אז מען וועט שטיין אויף דם בארג וועט מען זעהן דורך דעם טויער ווידער אהיים קומן דען דר הר הזיתים איז קעגן דעם טויער גלייך וויא אין פסוק שטייט ועמדו רגליו ביום ההוא על הר הזיתים כי עין בעין יראו בשוב ה' ציון דרך אותו השער דאס איז טייטש זיי וועלן שטעלן זייערע פיס דעם זעלביגן טאג אויף דעם אייל בוים בארג אוך וועלן זיי זעהן מיט זייערע אויגן ווי גאט ב"ה וועט ווידר קערן נאך ציון זיא וועט ווידר גבוט ווערן און ירו שלים וועט גיטרייסט ווערן משיח וועט קומן גיך און באלד די מתים וועלן לעבעדיג ווערן במהרה בימינו אמן סלה:

עלינו לשבח לאדון הכל לתת גדולה ליוצר בראשית · אויף מיר (פב"פ) איז די שולד צו לויבן דיין היילגן נאמן ביראה מיט פארכט צו גינ׳יסן דיין בארימהארציקייט איך בין שוין פול מיט עבירות בעונותינו הרבים · ובעל הרחמים נקראת ודרך תשובה הורית דו ביסט דר בארימהארציג און האסט אונז גלערינט דם וועג פון תשובה אזו קום איך פב"פ פר דיין נאמן להתפלל על נפשי ועל בני ועל עמי צו בעטין אויף מיר און אויף מיין מאן און אויף מיינע קינדר בכריעה ובהשתחויה און פאל איצונדר אויף מיין פנים ביראה ובמורא צו בעטן דיין היילגן נאמן · איך קום צו לויבן און צו דאנקן דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה אויף דעם חסד וואס דו האסט גיטאן מיט מיר און מיט מיין מאן און מיט מיינע קינדר פון דער יוגינד אן ביז היינט אל מלא רחמים לאז מיך ווייטר דיין גנאד ניט פאר לאזן לאז איצונד זיין אין עת רצון לפני כסא כבודך זאלסט אונזרע עבירות מוחל זיין וויא דו האסט פאר זיכרט צו משה רבינו אין דער היילגע צייט סלחתי כדברך · דוא זאלסט מוחל זיין אונזרע עבירות וואס מיר זיינן מתודה זייא מקבל אונזערע תפלות כתפלת חנה וואס זיא האט גזאגט אשה קשת רוח אנכי אפרוי מיט בטריבטן גמיט בין איך · אל תבא במשפט עמנו ניי מיך ניט דן מיט משפט כי לא יצדק לפניך כל חי ווייל קיין מענטש איז ניט ריין פון עבירות וועןח"ו דער מקטרג וועט מקטרג זיין לאזן מיר גיניסן דיין מדה פון חסד זאל קומן פר דיין כסא של רחמים זאלסט דיך מרחם זיין איבר אונז · אונזרע זינד זאלסט אפ מעקן מיט דיין פיל דר בארימקייט אבר ניט דורך יסורים וחלאים רעים:

רבש"ע ווי זאל אין מיר ניט צו בראכן ווערן מיין הארץ ווען איך טו גדיינקן אז דאס בית המקדש איז גישטאנן און דר כהן גדול האט די עבודה גיטאן אין קדשי קדשים אבר איצונד בעונותינו הרבים האבין מיר ניט קיין בית המקדש און קיין כהן גדול און קיין קרבן זאל אויף אונז מכפר זיין האבן מיר קיין אנדר מנחה ניט נייערט אונזר תפלה פר נעם און גיב מיר מיט מיין

מאן עשירות אז איך זאל קענן מפרנס זיין לומדי תורה און צדקה געבן לעניים ואביונים כשרים און ניט ח״ו אז אונזר עשירות זאל זיין צוא גאוה טרייבן כדי מיר זאלין ניט הערשן איבער עניים · פותח את ידך גאט ב״ה עפינסט דיין פולע האנט און ? שפייזט דר גאנצר וועלט אב הרחמן יהיו לרצון אמרי פי מיין געבעט זאל זיין באוויליגט פון מיין צוברעכן הארץ פר דיר גלייך איך וואלט גיבראכט אקרבן · און ווען חו איך האב עפעס שלעכטש גיטאן בינה הגיגי פרוב מיין צובראכן הארץ וואס איז באטריבט מיט וויינען און שרייען און לאז אמליץ טוב אויף גיין און זאל ממליץ זיין פר מיר און פר מיין מאן און פר מיינע קינדר · און ווען איך בין חו ניט ווערט אז איך זאל מתפלל זיין על עצמי ובכל שכן אויף מיין מאן און מיינע קינדר פר זיכער איך מיך אויף דיר דו טוסט חסד לאלפים דיין גינאד גיהער צו פיל טויזנט גיבורט פר נעם די תפלה פון פב״פ לאזן מיינע טרערין ניט לעדיר אפ לויפן · דער מדת הדין זאל ווערין גיאיינצינגט מיט מדת הרחמים און עס זאל דאס יאר קומען דער גואל צדק און גאט זאל געבין מיר זאלין דר לעבין אין אונזערע טעג און אין אונזערע קינדערס טעג זאל דער בית המקדש גיבויט ווערין און דער כהן גדול זאל דיא עבודה טאן אין בית המקדש און איך (פלונית בת פלונית) מיט אלע נשים צדקניות זאלין מיר דער לעבין דארטין מתפלל צוא זיין בזכות די אמהות שרה רבקה רחל ולאה און מיין מוטער לאה זאל אויך בעטין פאר מיר און פאר כל ישראל במהרה בימינו אמן סלה :

דיא תחנה זאל מען זאגין אלע ערב ראש חודש :

ליבר גאט באוויז אונז דיין קראפט און העלף אונז וויא דוא האסט אונז צוא גיזאגט צו פירן אונז אין דיין הייליג לאנד דען ווי דו ביסט אמת אזו איז דיינע רייד אויך אמת נאר מיר בעטן דיך ליבר גאט אז עס זאל זיין גיך און באלד אין אונזערע טעג · אבינו מלך אונזר פאטר קיניג אז מיר האבן גיזינדיגט אין דער מדבר אזו האט משה רבינו ע״ה פר אונז תפלה גיטאן · אבינו מלך אונזר פאטר קיניג פר גיב צו דיין פאלק ישראל די זינד וואס זיי האבן גיטאן ווייל דו האסט דיך אליין מיט זיי בריממט און האסט גיזאגט בני בכורי ישראל איך ווייס דאך אז דיין מדה איז מלא רחמים ושמע תפלתי און הער מיין געבעט וויא דו האסט גהערט דאס מויל פון אונזרע עלטרין די פרומע ווען זיי האבן צו דיר גיבעטן · דר הער מיך היינט דו ביסט אבותן לבבות בעט איך דיך גאט אל תשליכני לעת זקנה ווארף מיך ניט אוועק אויף מיין עלטר לעבדך בלבב שלם איך זאל דיך קענן רעכט דינן מיטן גאנצין הארצן ומה שחטאתי און וואס איך האב גיזינדיגט זיי מיר מוחל און היט מיך פון זינד ווייטר און מיינע שונאים זאלין ניט דר פרייט ווערן אויף מיר וויא דוד המלך ע״ה האט גבעטן

פר שטאפ די מיילר פון די שונאים און זיי זאלן נישט קענן בייז טאן און די דר בארמיגע מלאכים זאלן ברייגגן פאר דיר מיין תפלה און דוא ליבר גאט זאלסט זיך דר בארמן איבר מיר און זאלסט מיך גירעכט מאכן פר דיר און זאלסט דיך נוהג זיין מיט מיר מיט חסד און מיט רחמים ניט חס ושלום מיט רוגז. ליבר גאט דו ווייסט דאך אלץ וואל ווארום דו ביסט דאך יודע מחשבות דרום בעט איך דיר ראה בעניי דו זאלסט זעהן אין מיין פיין דען דו ביסט דאך צדיק וישר דאס האט אלץ גימאכט מיינע זינד וואס איך מוז טראכטן פאר מיינע שפייז און פאר מיין גוף צו דער נערן:

אשה שרה בת טובים מהור"ר מרדכי זצ"ל מק"ק סאטנוב.

יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו שתחדש עלינו את החודש הזה לטובה ולברכה. ותתן לנו חיים ארוכים. חיים של שלום. חיים של טובה. חיים של ברכה. חיים של פרנסה. חיים של חלוץ עצמות. חיים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא. חיים שאין בהם בושה וכלמה. חיים של עושר וכבוד. חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים. חיים שימלאו משאלות לבנו לטובה בזכות תפלת רבים. אמן סלה:

מי שעשה נסים לאבותינו וגאל אותם מעבדות לחרות. הוא יגאל אותנו בקרוב ויקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ. חברים כל ישראל ונאמר אמן:

ראש חודש (פלוני) יהיה ביום (פלוני) הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה:

יחדשהו הקדוש ברוך הוא עלינו ועל כל עמו בית ישראל לחיים ולשלום. לששון ולשמחה. לישועה ולנחמה. ונאמר אמן:

תחנה מקרא קודש

ווען מען בענטשט ראש חודש אזו זאגט מען פריער די תחינה און נאך דעם זאגט מען די תחנה וואס גיהערט צו דעם חודש:

יהי רצון עס זאל זיין דר ווילן פר דיר גאט דר גאט פון אונזרע היילגע אבות אברהם יצחק ויעקב. גאט דער דא איז אגרוסר און איין שטארקר און איין פארכטיגר דאס דו זאלסט זיך דר בארימן אויף מיר און זאלסט בגליקן מיינע וועגין און זאלסט זיין אין מיין הילף און אין דר הילף פון מיין מאן און מיינע קינדר און פון גאר מיין הויז גיזינד דאס דו זאלסט אונז בשירמן פון דר האנט פון ארויבר און אגזלן און א שלעכטן מאן און פון אלרליי פורעניות וואס שטורמן צו קומן אויף דר וועלט זאלסטו אפ היטן מיך און מיין מאן און

נאר מיין הויז גזינד און זאלסט אונז געבן אונזר פרנסה מיט כבוד ניט דורך שאנד פון דיין פולק דר בארמהערציגער גאט און מיר זאלן ניט דארפן אן קומן צו אבשר ודם דען דו ביסט דר גאט וואס דו שפייזט פון דעם גרויסן ווילדטיר ביז צו אוואריים. ליבר גאט דר פיל מיינע הענט פון דיין רייכר גאב און שיק ברכה און הצלחה אין נאר די ווערק פון די הענט פון מיין מאן און פון מיינע הענט דאס מיר זאלן אונזרע קינדר גרינג מגדל זיין און מיר זאלן אין זיי זעהן פיל נחת און מיר זאלן קענן מסלא זיין נאר זייער בדערפניש. אונזרע זין זאלן מיר קענן דר נערן צו דם לערנן פון דיין הייליגע תורה און מצות און מעשים טובים און אונזרע טעכטר זאלן מיר קענן גוטע און פרומע מאנן געבן. ליבר גאט ווי מיר טוען איצונד בענטשן דעם חודש וואס עס וועט זיין אזו זאלסטו אים בענטשן מיט דיין גרוס דר בארימקייט און דו זאלסט אונז אפ היטן דם חודש און אלע חדשים פון אגאנץ יאר און אלע יארן. און צייט מיר וועלן לעבן באשירם אונז פון אלים בייזן און עס זאל ניט גיוועלטיגן אין אונז און אין אונזרע מאנן און אין אונזרע קינדר און קינדם קינדר און אין נאר אונזר הויז גזינד קיין שום שלעכטקייט און קיין שום שלאפקייט אין אונזרע קינדר זאל ניט גיוועלטיגן דאס קראנקייט וואס הייסט אסכרה וואס קומט פאר בארבן די קליינע קינדר. ליבר גאט שרייא אן אין דיא וואס טוען מיר שרין. און דיא טראגענדיגע ווייבר זאלסטו דר בארימן מיט דיין פיל דער בארימקייט דאס עס זאל צו זייא ניט זיין שווער טראגן און זאלן חלילה ניט מפיל זיין פאר דר צייט. און ווען עס וועט דר פילט ווערן זייער צייט צוא גיווינן דאס קינד זאלסטו שיקן דיינע גוטע מלאכים צו היטן זיי פון אלים בייזן און דם קינד זאל ארויס גיין אין אגוטע שעה אן אשום שטרויכלונג און עס זאל ניט גישעהן קיין שום שלעכטקייט צו דר געווינערן און צו דעם קינד: רבש"ע נעם אן אונזר גבעט. איידר איך שרייא צו דיר זאלסטו מיר ענטפרן אזו ווי אין פסוק שטייט והיה טרם יקראו ואני אענה עוד הם מדברים ואני אשמע דם איז טייטש און עס וועט זיין איידר זיי וועלין רופן וועל איך זיי ענטפערן ווען זיי האלטין נאך אין זייערע רייד וועל איך זייער בקשה הערין :

אנא איך בעט דיך גאט דר גאט פון מיינע עלטערין דו האסט מיך בשאפן און האסט מיך מגדל גיוועזן און האסט מיך גישפייזט און גנערט ביז היינטיגן טאג. און איך מיט מיין נארישקייט האב איך דיר גיצאלט מיט דעם וואס איז גיאייבילט אין דיינע אויגין און האב דיך דער צארינט מיט מיינע בייזע מעשים טאג צו טאג נון איך האב מיר באנארישט און האב פיל גיבריזט בעט איך דיך דער בארמיגער פאטר נון איך צובריס מיין הארץ פר דיר מיט מיין זיפצן. אין פר בארגניש טוט מיין לייב וויינן און איך בעט

דיין דר בארימהערציגקייט און דיין גינאד ווי איין ענֿי ביי דר מיר דאס דו זאלסט מסכים זיין אלע מיינע בקשות פון מיין הארץ איך פב״פ וואס איך שטיי פר דיר מיט גרויס צו בראכינקייט און שראיי און בעט פון דיין גרויסן נאמן דו זאלסט מיר זיין צו הילף און דיין רעכטע האנט זאל מיך אונטר לעהגן און גוטע מליצים זאלן שטיין און בעטן פאר מיר און פאר מיין מאן און מיינע קינדר · גילויבט ביסטו דר דא הערט דיא תפלה :

רבש״ע אבער ווען איך בין ניט ווערט דאס דו זאלסט מיין תפלה פאר נעמן נידיינק מיר דעם זכות פון אונזר פאטר אברהם דר דא האט גמאכט אכפערן דיין נאמן אויף דער וועלט · ליבר גאט גיב אונז אונזער פרנסה ברוח אין ניין זכות דאס ער האט פיר טירן גימאכט אין זיין שטוב דם פון וואס פר אזייט די אורחים קומן אן זאלן זיי גלייך אין זיין שטוב אריין גיין און האט זיי גיגעבן עסין און טרינקן · זיי מזכה מיר און מיין מאן מיר זאלין מגדל זיין אונזרע קינדרלך עס זאלן חלילה ניט שטארבן קיינר פון אונזרע קינדר פאר אונזער לעבן אין זיין זכות דם ער האט ניין איינציגן זון גוואלט מקריב זיין פאר איין קרבן אזו ווי דו האסט אים גיבאטין :

זכור גידיינק אונז דעם זכות פון אונזר פאטר יצחק דם ער איז צו דר עקידה מיט איין פרייליך הארץ גגאנגן כדי צו האלטן דיין ווילן און דיין גיבאט און האט זיין האלז גישטרעקט צו דעם שעכט מעסר · זיין זכות זאל אונז ביי שטיין דם מיר זאלן חלילה ניט גיטייט ווערן דורך איין שווערד פון איין גזלן און איין רוצח · און אזו ווי דו האסט גישיקט ברכה אין די ווערק פון זיינע הענט אזו זאלסטו שיקן ברכה אין די ווערק פון די הענט פון מיין מאן צו ברכה און הצלחה און אלעם גוטין:

זכור גדיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון אונזער פאטער יעקב דאס פון וועגן די ברכות הט ער גלות גליטן צוויי און צוואנציג יאר זאלסטו אונז בשירמן פון פיין און גלות מיר זאלן חלילה ניט דרפין נע ונד זיין און אזו ווי דו האסט גישקט גוטע מלאכים דאס זייא האבן אים גיברכט די שאף פון לבן אזו זלסטו ליבר גאט שיקן אונז גוטע מלאכים צו ברייגגן אונז שפע אין אונזר פרנסה און גאר די ברכות וואס אונזער פאטער יעקב איז גיבענטשט גיווארין פון זיין פאטר יצחק זאלן אלע אין אונז גישעהן :

זכור גדיינק אונז דעם זכות פון שרה רבקה רחל לאה איבר דעם זכות פון זייערע גוטע מעשים זאלסטו פר נעמן מיין גיבעט און זאלסט בענטשן דעם חודש וואס מיר טוען אצונד בענטשן און זאלסט בגיין אויף אונז דעם חודש צו גוטקייט און צו בענטשונג און דו זאלסט אונז געבן איין לעבן פון פרייד לעבן פון ברכה לעבן פון פרנסה און שטרקייט אין אונזרע ביינר מיר

זאלן

זאלן מורא האבן צו טאן איין עבירה · מיר זאלן ניט ווערן פר שעמט פר קיינם מיר זאלן האבן ביישקייט און כבוד · מיר זאלן אין זיך האבן ליב שאפט צו דר תורה און מורא פר השי״ת און זאלסט דר פילן די פארלאנגן פון אונזר הארצן צו גוטין פון דעם זכות פון דער תפלה פון רבים אמן סלה :

אל רחום וחנון גאט דאס דו ביסט איין דער בארמיגר און איין לייט זעליגער העלף דיין פאלק ישראל מיט דיין גרויסן ארום און שטרעק דיין האנט צו נעמן זייער גיבעט · דו האסט אונז דעם טאג ראש חודש גיגעבן צו איין כפרה און איין פר געבונג צו אונזרע זינד · און אונז ווייבר האסטו דעם ראש חודש גיגעבן איין יום טוב דס מיר טארן קיין שווערע מלאכה ניט טאן פר דעם ווס אין דר צייט ווען די יודן האבן דס עגל גיוואלט מאכן אזוי האבן זיי צו זייערע ווייבר גיזאגט דס זיי זאלן זייערע צירונג פון גאלד געבן מען זאל פון דעם דס עגל מאכין און דיא ווייבער האבן ניט גיוואלט זייא געבן דרום האסטו אונז דעם טאג ראש חודש גיהייליגט דאס מיר זאלן קיין מלאכה ניט טאן איצונד גידיינק אונז דעם זכות און בענטש אונז דעם חודש און מעק אפ דיא זינד פון דעם עגל און ברייגג אונז אליהו און משיח דאס זייא זאלן קומען אונז אוים לייזן במהרה בימינו אמן :

נאך דעם זאגט מען דיא תחנה וואס גיהער צו דעם חודש :

ווען מען בענטשט ראש חודש מרחשון אזו זאגט מען דיא תחנה :

רבון כל העולמים הער פון אלע וועלטן שומע תפלת כל פה דו הערסט די גבעט פון אלע מיילר נון מיר קומן אצונד בענטשן דעם חודש מרחשון דאס איז דעם טאג ראש חודש איז גנענצט גיווארן דר ערשטר בית המקדש מיט גאר זיין גאנצקייט און צירונג דרום ליבר גאט בענטש דעם חודש און שיק אונזר אוים לייזר און בוי דעם בית המקדש פון אייטיל פייער אזו וויא דו האסט אונז צו גיזאגט און דער כהן גדול זאל שטיין און פאר געבן אונזרע זינד :

נון מיר קומן אצונד בענטשן דעם חודש מרחשון דס אין דעם עלפטן טאג אין אים האט אונזר מוטר רחל גיהאט איר זון בנימין און וויל זי איז שווער צו קינד גילעגן איז זיא פון דר וועלט גיגאנגן · שטיי אויף אונזר טרייע מוטר רחל פון דיין קבר און קלאפ אן אין די טוערן פון רחמים און דר וועק דאס דר בארימקייט פון דעם אלמעכטיגן גאט דס ער זאל מקיים זיין דס וואס ער האט דיר צו גיזאגט · דען אז מען האט די יודן אין גלות גפירט האט מען זיי גיפירט ניט ווייט פון דם קבר פון אונזר מוטר רחל האבן זיך די ישראל אוים גיבעטן ביי דעם שונא אז זיי זאלן גיין אויף דעם קבר פון רחל און וויא די ישראל זיינן גקומן אויף דעם קבר און האבן אן גיהייבן צו שרייען און ווייגן מיט איין ביטר גישריי · מוטר מוטר וויא קאנסטו דאס צו זעהן אז מען זאל אונז פירן

אין גלות אריין און מען זאל אונז אן טאן אזו פיל לייד אזו איז אונזר מוטר רחל ארויף גיגאנגן צו השי"ת מיט איין ביטר גישריי און זאגט רבונו של עולם דיין רחמנות איז דאך פיל גרעסר פון די רחמנות פון אב שר ודם פון דעסט וועגן האב איך דאך רחמנות גיהאט אויף מיין שוועסטר לאה ווען מיין פאטר האט זיא פאר ביטן און האט זיא גגעבן צו מיין מאן יעקב אויף מיין ארט און האב נאך צו איר סמנים גזאגט וואס מיין מאן האט מיט מיר גישמועסט כדי דם מיין מאן זאל מיינן אז איך בין דם · וויא וואל עס איז מיר די זאך זייער וויי גיוועזן נאר פון וועגן די רחמנות פון מיין שוועסטר האב איך דם גיטאן · און דו זאלסט ביסט דאך איין רחום וחנון גיהערסטו פשיטא רחמנות צו האבן אויף מיינע קינדער · האט אקול פון הימל גיענטפערט דו האסט רעכט איך וועל דיינע קינדער אויס ציהן פון דיא צרות און וועל זיי אויס לייזן פון זייער פיין :
עורה נא דר וועקדיך אצונד אויך אונזר מוטער רחל און שטיי אויף פון דיין קבר און שטעל דיך איצונד פר דעם כסא הכבוד און בעט פר דיינע קינדר דאס זייא זיינן גיגליכן צו שעפעלאך וואס זיי בלאנזין אין וועג . דר השי"ת זאל אויף זייא בענטשין דעם חודש מרחשון אום לעבין און גיזונד און פרנסה מיט אלעם גוטין :
קומה שטיי אויף בנימין בר יעקב אבינו ע"ה שטעל דיך ביי דר רעכטר האנט פון דיין מוטר רחל און העלף איר צו בעטן פון דעם אלמעכטיגן גאט דם דר חודש מרחשון וואס דו ביסט גיבארן גיווארן אין אים זאל דיין זכות אונז אצונד ביישטיין און ווען מיר קומן אצונד אפ די זינד וואס די ברידר האבן פרקויפט צו יוסף זאל השי"ת גדיינקן דיין זכות דען דו ביסט דאך אין זייער עצה נית גיוועזן און האסט דיינע קינדר געמן גגעבן נאך די צרות פון דיין ברודר יוסף אצונד זאל אונז דיין זכות אנטקעגן קומן מיר זאלן פון אלע צרות בשירעמט ווערן און דר חודש מרחשון זאל גיבענטשט ווערן לברכה והצלחה אמן :

מולדות לחודש חשון

(תרנ"ח דער מולד איז דינסטג פרי 34 מינוט מיט ניין . חלקים אויף דריי :
ראש חודש איז דינסטאג און מיטוואך

(תרנ"ט) דער מולד איז שבת פאר האלבין טאג 23 מינוט מיט 3 חלקים אויף 12:
ראש חודש איז דינסטאג און מיטוואך

(תר"ם) דער מולד איז דאנערסטאג אבינד 11 מינוטין מיט 15 חלקים אויף 9 :
ראש חודש איז מיטוואך און דאנערסטאג

(תרס"א) דער מולד איז דינסטאג פריא 44 מינוט מיט 10 חלקים אויף 6
ראש חודש איז דינסטאג און מיטוואך

ווען מען בענטשט ראש חודש כסלו אזו זאל מען די תחנה זאגן :

אל מלך יחיד שליט בעולמו גאט איינציגר קיניג דר גיוועלטיגט אויף גאר דר וועלט מיר קומען אצונד צו בענטשין דם חודש כסלו דם איז דעם חודש

האט אונזר מוטר לאה איר ערשטן זון ראובן גהאט אין דעם פערצנטן טאג אין דם חודש. רבונו של עולם דו טוסט דר הובן אלע נידריגע און טוסט באגליקן דעם מענשן וואס אין איין נידעריגן שטאנד איז. גידיינק אונז דעם זכות פון אונזער מוטער לאה וואס זיא האט פיל טרערן פאר גאסן דאס זיא זאל אין דעם גורל פון עשו ניט פאלן. דען לייט פלעגן זאגן יצחק האט צוויי זין דער עלטרער איז עשו און דר אינגערר איז יעקב און לבן האט צוויי טעכטר דיא עלטערע איז לאה און די אינגערע איז רחל מסתמא וועט לאה פאלן אין דעם גורל פון דעם עלטרין זון פון יצחק דאס איז עשו און רחל וועט פאלן אין דם גורל פון יעקב. דרום פלעגט אונזער מוטער לאה וויינען און קלאגן טאג ביי טאג דאס זיא זאל אין דעם גורל פון עשו ניט פאלן און דוא גאט האסט איר מזל דער הובן און זיא איז צו יעקב גינומן גיווארן און האט אין דעם חודש כסלו איר ערשטין זון ראובן גיהאט:

עמדי נא שטיי אויף אונזר מוטר לאה און שטעל זיך פר דעם כסא הכבוד צו בעטן פאר דיינע קינדר און אויך פר מיר דיין טאכטר (פלונית ב"פ) צווישן זיי דם איך און מיין מאן זאלין מיר זוכה זיין צו מגדל זיין אונזערע קינדרליך. און אונזערע טעכטר זאלן חלילה ניט פאלן אין דם גורל פון אשלעכטן מאן און עס זאל דר הויבן ווערן דם מזל פון אונזר פרנסה דם מיר זאלן קענן זיי גוטע און פרומע מאנן געבן דאס זיי זאלן גוטע און פרומע קינדר האבין:

אתה האל עושה פלאות. דו גאט וואס דו טוסט וואונדר אלע צייט ווען מיר טועין קומען פר דיר אצונד דעם חודש כסלו בענטשין דם דו האסט אין דעם חודש גטאן וואונדר אין דיא טעג פון מתתיהו כהן גדול חשמונאי מיט זיינע קינדער ווען אנטיוכות איז אויף גישטאנן אויף דיין פאלק ישראל צו מאכין פאר געסין זייא דיין תורה און צו איבער פירין זיי פון די גיזעץ פון דיין ווילין און זיינן גיקומן אין בית המקדש ארין און האבין מטמא גיוועזן אלע זאכין האסטו איין נס גיטאן דאס מען האט אקריגיל בום אייל גיפונען וואס עס איז מיט דער חתימה פון דעם כהן גדול גיחתמת גיווארין און עס איז נאר גינוג גיוועזן אויף איין טאג צו ברענגען אין דער מנורה איז אנס גישעהן דאס עס האט אכט טעג גיברענט און די יודין האבן מלחמה גיהאלטן מיט די פיינט און האבין זיי ביי גיקומען. אזו אויך ליבער גאט זאלסטו דער וועקין דיין דער בארימקייט צו טאן מיט אונז נסים ונפלאות און זאלסט דער לייכטין אונזער מזל און גוטע פרנסה און מיר זאלן זוכה זיין צו צינדין ליכט אין בית המקדש במהרה בימינו אמן:

זכור לנו אב הרחמן. גדיינק אונז דר בארמיגר פאטר דם זכות פון דער צדיקת דאס איר נאמן איז גיוועזן יהודית דאס דורך איר איז דער נס גישעהן און

ויא האט דעם אנטיוכוס דעם קאפ אראפ גינומען · זי זאל שטיין און זיין אגוטע מליצה פר מיר און מיין מאן און מיינע קינדר און קינדס קינדר מיר זאלין חלילה קיין אלמנות ניט בלייבן און אונזרע קינדר קיין יתומים · זיי זאלין ניט דארפין אונטער פרעמדע הענט זיין · ברוך שומע תפלה גילויבט בימטו גאט דאס דיא גיבעט פון דיא פאלק ישראל :

מולדות לחודש כסלו

(תרנ"ח) דער מולד איז מיטוואך אבינד 18 מינוטין מיט 10 חלקים אויף 4 : ראש חודש איז דאנערסטיג און פרייטיג

(תרנ"ט) דער מולד איז זונטיג אבינט 7 מינוט מיט 4 חלקים אויף 1 : ראש חודש איז דינסטיג :

(תר"ס) דער מולד איז פרייטיג פריא 55 מינוט מיט 16 חלקים אויף 9 : ראש חודש איז פרייטיג :

(תרס"א) דער מולד איז דאנערסטאג פריא 28 מינוט מיט 11 חלקים אויף 7 ראש חודש איז דנערסטאג און פרייטיג

ווען מען בענטשט ראש חודש טבת אזו זאל מען די תחנה זאגן :

אלהים ברוב רחמיך הושיעה מצרותינו · גאט מיט דיין גרויס דר ברימקייט העלף אונז דר לייז אונז פון אונזרע צרות ווען מיר קומען פר דיר אצונד דם חודש טבת בענטשין דם אין דם חודש איז אונזר פאטר אברהם גישטארבן דרום רבונו של עולם גדיינק אונז זיין זכות דם ער האט זיך גלאזט אין קאלך אובן נארפין פון וועגן דיין ליבן נאמן ווען נמרוד הרשע איז אויף גשטאנן אוף אים אזו האסטו גישיקט דם מלאך מיכאל דאס ער זאל קילין דאס פייער פון דם קאלך אובן און אברהם זאל ניצול ווערין · אזו רבונו של עולם זאלסטו שיקין גוטע מלאכים צו בהיטין אונז היינטיגן חודש און אלע חדשים פון אגאנץ יאר פון שריפות און היזיקות דאס עס זאל ניט שולט זיין אין קיין שטוב קיין פייער און קיין ברענונג און קיין שום איבר שרעק נייערט עס זאל לייכטן אונזר מזל וויא דר מארגין שטערין אין הימל און וויא די זון אין מיטן טאג דאס קיין שונא זאל אין אונז ניט דער פרייט ווערין : אל פודה מכל צרה · גאט דר דא לייזט אויס זיין פאלק ישראל פון אלע לייד ווען מיר קומן פר דיר אצונד דעם חודש טבת בענטשן דם אין דעם חודש זיינן אונז צוויי שלעק גשעהן · איין שלעק דם אין דעם ניינטין טאג פון דעם חודש זיינן גשטארבן עזרא הסופר און נחמיה בן חכליה דאס זיי האבן דעם אנדערן בית המקדש גבויט און האבן די יודן פון דם גלות בבל אויס גלייזט אצונד גדיינק אונז רבונו של עולם זייער זכות און דר באריים דיך איבר אונז און שיק אונז דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן · דר אנדערר שלאק האט אונז אין דם חודש טבת גשעהן דם אין דם צעהנטן טאג פון דעם חודש האט דר מלך בבל באלעגערט מיט זיינע חילות אויף אונזר קרון שטאט ירושלים

וויי איז צו אונז און וויי איז צו אונזערע יארן דם עס איז צוגינומען גיווארן דיא קרוין פון אונזער קאפ און דרום טוען מיר אלע יאר אין דעם טאג איין תענית פאסטן בכדי הש"י זאל זיך אויף אונז דערבארימען צוא אומקערין אונז צוא אונזער לאנד. רבונו של עולם. הלעד יעשן אפך וועט דען ביז אייביג דיין גרים צארן אויף אונז רייכערן. דר וועקדיין ליב הארציגער בארימקייט ופדה אלהים את ישראל מכל צרותיו לייז אוים גאט דיין פאלק פון גאר זיינע צרות. און אויך מיר און מיין מאן און מיינע קינדער צווישן זיי דאס אונזער מזל זאל אויף גיריכט ווערן צו אלעם גוטין אמן ואמן כן יהי רצון:

מולדות לחודש טבת

(תרנ"ח) דער מולד איז פרייטיג פאר טאג 2 מינוט מיט עלף חלקים אויף פינף: ראש חודש איז שבת און זונטיג:

(תרנ"ט) דער מולד איז דינסטיג ביי טאג 51 מינוט מיט 5 חלקים אויף איינס: ראש חודש איז מיטוואך:

(תר"ם) דער מולד איז זונטיג אוונט 39 מינוט מיט זיבצען חלקים אויף 10: ראש חודש איז שבת און זונטיג:

(תרס"א) דער מולד איז שבת צוא נאכט 12 מינוט מיט צוועלף חלקים אויף 8: ראש חודש איז שבת און זונטיג:

ווען מען בענטש ראש חודש שבט אזוי זאגט מען דיא תחנה:

יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו. עס זאל זיין דר ווילן פר דיר גאט אונזער גאט דר גאט פון אונזערע עלטערין דו זאלסט אויף אונז בענטשן דם חודש שבט וואס מיר קומען אצונד בענטשן און עס זאל פר דיר גידיינקט ווערן דר זכות פון משה רבינו עליו השלום דם איידר ער איז גישטארבן האט ער אין דם חודש אן גהויבן צו שטראפן די יודן דם זיי זאלן אין רעכטן וועג גיין. רבונו של עולם וויי איז צו אונז דאס מיר האבן אצונד ניט קיין נביא און מיר האבן ניט קיין זעהר דאס ער זאל אונז אויף אונזערע בייזע מעשים שטראפין און זאל אונז דם גוטין וועג ווייזן און ווען מיר טוען זיך אליין באדיינקן אויף גאר אונזערע חטאים ועונות ופשעים וואס מיר האבן גזינדיגט און פאר קרימט דעם רעכטן וועג טוט אונז אן חאפין איין ציטערניש און איין פארכט און מיר ווייסן ניט וואו אהין אונזער פנים צו פארשטעלן מחמת גרויס שאנד. וואו אהין זאלן מיר פר בארגן און וואו זאלן מיר פון דיין גרים צארן אנטלויפין. זאלן מיר אויף דעם הימל קומען ביסטו דארטין. זאלן מיר אין דער טיפניש פון דר ערד גיין ביסטו דארטן. זאלן מיר אויף הויבן אונזערע פליגל אין די טיפעניש פון דם ים פליען וועט מיך דארטן אויך דיין האנט טרעפן. און ווען איך וועל מיך טראכטן דם פינסטערניש וועט מיך צודעקן דם דו וועסט מיך ניט זעהן. גם חשך לא יחשיך ממך נוא גאט קיין פינצטערניש איז פר דיר ניט פינצטער. און די נאכט איז פר דיר ליכטיג. דרום רבש"ע האב איך מיר ניט צו קערן נאר

צו דיר אליין דו זאלסט אויס שטרעקן דיין גרויסן ארום צו נעמן מיין תשובה. כי אתה רב חסד ומרבה לסלוח. דען דו ביסט פול מיט גנאד און פיל פר גיבונג: רבונו של עולם ווען מיר קומן פר דיר איצונד בעטן שון דעם חודש שבט דס אין דם פופצעטן טאג פון דם חודש איז ראש השנה צו די בוימר גידיינק אונז דעם זכות דם מיר טוען דעם טאג דיר לויבן אויף די פירות פון די בוימר בזכות זה בעט"ש ליבער גאט די פרוכט פון די בוימר דאס זיי זאלן אום ציהן זייער בליאונג און זאלן מאכן וואקסן היינטיגעס יאר זייערע פירות און אויך באהיט דיין פאלק ישראל דאס די קעלט פון דעם חודש זאל זי ניט שאטין און אלע וואס פארין אין וועג זאל זיי ניט בגעגענן דר טויט פון די קעלט און זאלסט זיי פירן אויף דעם גלייכן וועג דאס זיי זאלין ניט פארפירט ווערן און אויך די אידישע קינדר ווס אין שטאט זיינן זאל ניט שאטן זיי די קעלט עס זאל זיי חלילה צו איין שלאפקייט ניט ברייננגען׳ שבטך ומשענתך המה ינחמונו: דיין רוט און דיין אונטער לעהנונג זאל אונז אין דעם חודש שבט טרייסטן דם מיר זאלן האבן שלום און ברכה און פרנסה אויף כל ישראל אמן כן יהי רצון:

מולדות לחודש שבט

(תרנ״ח) דער מולד איז שבת ביים טאג 46 מינוט מיט צוועלף חלקים אויף פינף: ראש חודש איז מאנטיג:

(תרנ״ט) דער מולד איז דאנערשטיג פאר טאג 35 מינוט מיט 6 חלקים אויף 2: ראש חודש איז דאנערשטיג:

(תר״ם) דער מולד איז מאנטיג פריא פיר אונ צוואנציג מינוט אויף 11: ראש חודש איז מאנטיג:

(תרס״א) דער מולד איז זונטיג פריא 56 מינוט מיט דרייצען חלקים אויף 8: ראש חודש איז מאנטיג:

ווען מען בענטשט ראש חודש אדר אונ ואדר אזוי זאגט מען דיא תחנה:

אל רחום וחנון עזרה בצרות נמצא. גאט דר בארעמיגר און לייט זעליגר דר דא אין לייד ווערסטו צו איין הילף געפונן מיר קומן איצונד צו בענטשין דעם חודש אדר. דם דו האסט געטאן וואונדר צו די יודין דורך מרדכי היהודי און אסתר המלכה ווען המן הרשע איז אויף גישטאנען צו פר טיליגן און הרגנן און צו מאכן פר לירין דיין פאלק ישראל פון גרויס ביז קליין און דו מיט דיין גרויס דער בארימקייט האסטו זיי געטאן שרעקן אבר ניט שטראפן דען דוא האסט גיחתמת די גזירה מיט איין חתימה פון ליים און ווען דיא יודין האבין פר דיר תשובה גיטאן האסטו זיי גישטעלט אום לייזערס פון דר צרה מרדכי היהודי ואסתר המלכה דם זיי האבן די גזירה מבטל גיוועז און המן הרשע מיט זיינע קינדער זיינען אויף דר תליה גיהאנגן גיווארין. אזויא אויך רבונו של עולם העלף אונזער גיבעט פון זייער זכות וועגין און בענטש אויף אונז דעם חודש צוא נוטין און זאלסט פאר קערין אלע גזירות קשות פון

אונז צו גומן און גיב אין דעם הארץ פון דעם מלך ירה מיט זיינע שרים
דאס זיי זאלן מיט אונז טאן גינאד און דער בארימקייט אלע צייט :

הבט משמים וראה · לוג נאט פון דעם הימל און זעה דעם זכות פון דיינע
ליבע אידין פיל צדקה עס גייט פון זייער האנט ארויס אין דעם טאג
פון פורים איטליכר נאך זיין פאר מעג נאך און זיינען מקיים די מצוה פון
מתנות לאביונים · רבונו של עולם עס זאל מקוים ווערין אין אונז דער
פסוק ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה דאס איז טייטש ציון ועט מיט
רעכט אויס גליזט ווערן און אירע גיפיינקענש דורך דעם זכות פון צדקה ·
און די מצוה פון צדקה זאל זיין איין כפרה צו אונזרע זינד אזו ווי דניאל
האט גיזאגט צו נבוכדנצר וחטאך בצדקה פרוק דאס איז טייטש דיין זינד
זאלסטו מיט דר מצוה פון צדקה אויס לייזין · פר גיב אונז רבונו של עולם
אונזרע זינד אין דעם זכות פון דער מצוה פון צדקה און מיר זאלן אויס
גילייזט ווערין במהרה בימינו אמן :

אל קנא ונוקם לרשעים · גאט דו ביסט איין דר צעריגר און איין נוקם צו דיא
וואס טוען שלעכץ · אזוי ווי דו האסט גיצאלט צו דם המן הרשע וואס ער
האט צו דיין פאלק ישראל גוואלט בייז טאן אזו זאלסטו גידייגקן אפ צו מעקן
דעם נאמן פון זיין פאטר דאס ער האט גיפאדערט צו גיין אנטקעגין דיין פאלק
ישראל ווען זיי זיינן פון מצרים גגאנגן · עשה למען שמך ולמען כסא כבודך טו
עס פון וועגן דיין נאמן און פון וועגן דיין הייליגע שטולדם דו האסט גשווארן
דאס זיי וועלן ניט גאנץ ווערן ביז דו וועסט זיין נאמן אפ מעקן · ושלח משיח
צדקך לגאלנו און שיקדיין משיח דם ער זל אונז אויס לייזן במהרה בימינו אמן

ווען איין עיבור יאר איז אזו זאגט מען די תחנה ווען מען בענטשט אדר ראשון

מלך במשפט יעמיד ארץ אשר לא ישא פנים ולא יקח שוחד · קיניג דער דא
רעכט שטעלט דיא וועלט ער איז ניט נושא פנים קיינעם און נעמט ניט
קיין שוחד און איז מדקדק מיט זיינע צדיקים אויף איין האר נון מיר
קומען איצונד דעם חודש אדר בענטשין דאס אין דעם חודש איז משה
רבינו ע״ה גישטארבין פאר דעם וואס ער האט דעם שטיין גישלאגן ער
זאל וואסר געבין און ער וואלט גידארפט נאר ריידין צו דעם שטיין אזו
וויא דוא האסט אים גיבאטין דרום טוט אונז איין גרויס פארכט און
ציטערניש אן נעמן ווען מיר טוען זיך באדיינקן און טוען אויף ברייננגן אויף
אונזער הארץ וואס פאר עונות און חטאים און פשעים מיר האבין גיטאן
און מה דאך דוא האסט משה רבינו עליו השלום ניט נושא פנים גיוועזן
איז דאך שוין אפ שיטא צו אונז וואס מיר זיינן פול זינד אוי לנו כי נואלנו
וויא צו אונז דען מיר זיינן פאר נארישט גווארין

קום שטיי אויף משה רבינו פון דיין קבר און עפין דיא טויערן פון דעם הימל אריין צוא לאזין אונזרע תפלות ובקשות וואס מיר טוען איצונד בעטין און זעה דיינע שאף וואס דו האסט זיי גיפאשעט אין דער מדבר גליך אזוי וויא איין פאסטוך די שאף און האסט פון זיי פיל לייד גיליטין נוא זייא שטייען איצונד מיט אביטר הארץ און איין צו בראכין גימיט און פאדערין פון דיר דאס דוא זאלסט זיי צוא ליב טאן און בעטין פאר זיי דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה דאס ער זאל אויף אונז בענטשן דעם חודש אדר צוא אלעם גוטן און זאל אונז עפינן טויערן פון דר בארימקייט טויערין פון חן טויערן פון גינאד טויערן פון פרנסה און הצלחה טויערן פון לעבין טויערין פון גיזונד טויערן פון גוטס אזוי ווי אין פסוק שטייט יפתח יי' לך את אוצרו הטוב דאס איז טייטש גאט וועט דיר עפינן זיין גוטין אוצר. דם אלין זאל גאט טאן וועגין דיין זכות דם דו בימט איין שליח גיוועזן צוא פירן אונז פון מצרים און גיגעהן אונז פאר דעם בארג סיני און געבין אונז דיא הייליגע תורה און לערנען אונז דיא הייליגע מצות און האסט גיהאט פון אונז פיל מיה און טרחא. ווען דיא אידן האבן גיזינדיגט האסטו פר זיי גאט גיבעטן אזוי שטיי אויף איצונד און בעט פר כל ישראל דם דר חודש אדר וואס מיר טוען איצונד בענטשן זאל גיבענטשט ווערן פון גאט ברוך הוא. אזוי וויא אין דיין זכות האט ער גימאכט רעגענען דעם מן פון דעם הימל אזויא זאל השם יתברך אויף אונז רעגענען שפע און ברכה און הצלחה אין גאר אונזערע ווערק מיר זאלין חלילה צו קיין פרעמדין טיש ניט דארפן אן קומן און עס זאל דער פילט ווערין אונזערע אוצרות מיט זאטקייט און אויך אונזערע הענט זאלין דער פילט ווערין מיט גאטס ברכה אמן:

מולדות לחודש אדר ראשון ושני

(תרנ"ח) דער מולד איז מאנטיג פריא 30 מינוטין מיט 13 חלקים אויף 6 : ראש חודש איז דינסטיג און מיטוואך :

(תרנ"ט) דער מולד איז פרייטיג ביי טאג 19 מינוט מיט 7 חלקים אויף 3 : ראש חודש איז פרייטיג אונ שבת :

(תר"ם דער מולד איז מיטוואך אבינט 8 מינוט מיט 1 חלק אויף 12 : ר"ח דינסטיג און מטוואך: אדר ב דער מולד איז דאנרסטיג פריא 52 מינוט מיט 2 חלקים אויף 12 : ר"ח דאנערסטיג און פרייטיג:

(תרס"א) דער מולד איז דינסטיג אבינט 40 מינוט מיט 14 חלקים אויף ניין : ראש חודש איז זונטיג און מאנטיג :

ווען מען בענטשט ראש חודש ניסן אזו זאל מען די תחנה זאגן :

אל רחום עושה גדולות עד אין חקר נסים ונפלאות עד אין מספר . גאט דר בארעמיגר דר דא טוט גרויסקייט גאר ניט צו דר קלערן נסים און וואונדר אן איין צאל מיר קומן איצונד צו בענטשין דעם חודש ניסן דם אין דם חודש האסטו אונז ליבר גאט פיל נסים גטאן און גרויסע וואונדר. בענטש אויף אונז

דעם חודש ניסן מיר זאלן זוכה זיין אויס גילייזט צו ווערן אזוי ווי דו האסט אויס גילייזט דיין פאלק ישראל פון מצרים און האסט זייא דעם ים גישפאלטן און די אידן האבן פר דיר שירה גיזאגט אזוי אויך רבונו של עולם זאלסטו אונז אויס לייזן מיר זאלן זאגן שירה פאר דיר אויף די נסים ונפלאות וואס דו וועסט מיט אונז טאן און מיר זאלין זאגין צוא דיר א נייעם שיר הללויה :

פסח. עניך ורצה מאך אויף דיינע אויגן ליבר גאט און זעה די מיה פון דיין טייער פאלק וויא פיל מיה זיי האבן צו האלטן דיינע מצות דאס דו האסט זיי גיבאטן צו טאן דעם חודש צו פאר שטערן דעם חמץ פון זייער שטוב און עסן מצות אלע זיבן טעג פון פסח ווי גרוים און שווער עס קומט זיי אן מחמת דם איינגעניש פון זייער שווערע פרנסה אבר זיי האלטן דיין באפעל און היטן דיינע מצות דרום ליבער גאט שיק צו שפע און ברכה צו אלע אידן און מיר און מיין מאן זאלסטו אונז היטין פון חמץ אום פסח און עס זאל אונז גרינג דר פסח אן קומען מיר זאלן חלילה נים דארפן צו איין מתנת בשר ודם :

רבונו של עולם ווען מיר טוען אצונד בענטשן דם חודש ניסן וואס אין אים האלטן מיר דעם יום טוב וואס ער ווערט אן גירופן פסח דאס איז טייטש איבר היפן צו איין גידעכעניש דס גאט האט איבר גיהיפט די שטוב פון איין אידן ווען ער איז איבר גיפארן אין לאנד מצרים צו טויטן זייערע בכורים און דורך דעם וואס זייא האבן זייערע בייש טידלען פון די טירין מיט דעם בלוט פון דעם קרבן פסח גישמירט האט דר משחית קיין שליטה נים גהאט אריין צו גיין אין קיין שטוב פון דיין פאלק ישראל אזו זאלסטו אן שרייען אין אלע דאס זיי זאלן נים קומען אויף דר מיר פון אונזערע הייזר ביז צו טאן אונז און אונזערע מאן און אונזערע קינדער און קינדס קינדער און נאר אונזר הויז גיזינד און זאלסט אונז באשירמען פון אלעם בייזן און זאלסט אונז אויס לייזן היינטיגין חודש אזוי וויא דו האסט אונז צו גיזאגט הן גאלתי אתכם אחרית כראשית דאס איז טייטש נון איך וועל אייך אויס לייזן דאס הינטערשטע מאל אזוי וויא דאס ערשטע מאל במהרה בימינו אמן :

מולדות לחודש ניסן

(תרנ"ח) דער מולד איז דינסטיג אבינט 14 מינוטין מיט 14 חלקים אויף 7 :
ראש חודש איז דאנערסטיג :

(תרנ"ט) דער מולד איז זונטיג פאר טאג 3 מינוט מיט חלקים אויף 4 :
ראש חודש איז זונטיג :

(תר"ס) דער מולד איז שבת בייא נאכט 26 מינוט מיט 3 חלקים אויף 1 :
ראש חודש איז שבת :

(תרס"א) דער מולד איז מיטוואך פריא 12 מינוט מיט 15 חלקים אויף צעהן :
ראש חודש איז דאנערסטיג :

קודם מען בענטשט ראש חודש אייר צו. זאל מען די תחנה זאגן :

אב הרחמים הבוחר בעמו ישראל דר בארמיגר פאטר דר דא דר ווילט אין זיין פאלק ישראל ווען מיר קומן איצונד צו בענטשן דעם חודש אייר דם אין דעם חודש האבן מיר אן גיהויבן צו זיין איין גליבטע פאלק פאר דיר דו האסט דעם ליבן היילגן שבת גיגעבן אזוי זאלסטו גידיינקען דעם זכות פון אונזר היילגן שבת און אין דעם זכות וואס דו האסט אונז וייבר גגעבן די מצוה פון ליכט בענטשן זאל דער הייכט ווערן אונזר מזל און זאלסט אונז באשירמען פון אלע שלאפקייטין וואס עס איז גיוואונט צוא קומען אין דעם חודש אזוי ווי דער נאמן פון דעם חודש ווייזט אני יי רופאך דאס איז טייטש איך גאט וועל דיך היילין :

רבונו של עולם מיר קומן אצונד בענטשן דעם חודש אייר דם אין דר צייט ווען דו האסט די ישראל פון מצרים ארויס גיצוגין האסטו זיי אין דעם חודש אייר גטאן רעגנן דעם מן פון דעם הימל אין דעם זכות פון משה רבינו ע״ה און איין ברונן מיט וואסר דר דא איז באשאפין גיווארן אין ששת ימי בראשית פרייטיג פר נאכט איז ער נאך גיגאנגן די אידין אין דער מדבר פון דעם חודש אייר אין דעם זכות פון מרים הנביאה עליה השלום · איצונד גדיינק אונז ליבר גאט איר זכות וואס זיא האט פר דיר שירה גזאגט מיט די וייבר ווען די אידן זיינן אויף דעם ים גגאנגן אזו ווי אין פסוק שטייט ותקח מרים הנביאה אחות אהרן את התוף בידה ותצאן כל הנשים אחריה בתופים ובמחולות · ותען להם מרים שירו ליי כי גאה גאה סוס ורוכבו רמה בים · דם איז טייטש און מרים הנביאה דיא שוועסטר פון אהרן האט גנומן דעם פויק אין איר האנט זיינן ארויס גיגאנגן אלע וייבר נאך איר מיט פויקין און כלי זמר האט מרים צו זיי גשריען זינגט צו גאט דען ער האט גיטאן גרייסן · דעם פערד מיט זיין רייטר האט ער גווארפן אין ים · און אזוי זאלין מיר זוכה זיין צו זאגן שירה מיט אלע נשים צדקניות ווען משיח וועט קומען אונז אויס לייזן במהרה בימינו אמן :

התעוררי נא דר וועק זיך מרים הנביאה שטייא אויף פון דיין שלאף און שטעל דיך פר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה און בעט פון אים דם עס זאל אויף אונז גיבענטשט ווערן דר חודש אייר וואס מיר מוזן אצונד בענטשין אז מיר זאלן האבן גינוג אונזר עסן און טרינקן אזו וויא השי״ת האט גשפייזט די אידין אין דעם זכות פון דיין ברודר משה און דעם ברונן וואסר אין דיין זכות וועגן · און מיר זאלן חלילה נים פר ארמט ווערן · און מיר זאלין גריינגט ווערן פון נאר אונזרע זינד אזו ווי די אידין זיינן גיריינגט גיווארן אין דם חודש וועגן זיינן אין דר מדבר גיגאנגן צו מקבל זיין דיא תורה ·

הושיעה יי את עמך וברך את נחלתך העלף גאט דיין פאלק און בענטש
דיין ארב און דער הייב זיי דס מול און דר פארם זיך אויף זיי כרחם אב על
בנים אזו ווי א פאטער טוט זיך דער בארימן אויף זיינע קינדר זאן בענטש
דעם חודש אייר צום לעבין און גיזונד און ברכה נאר אן שיעור אמן:

מולדות לחודש אייר

(תרנ״ח) דער מולד איז דאנערשטיג פריא 58 מינוט מיט פופצעהן חלקים אויף 7: ראש חודש איז פרייטיג און שבת:
(תרנ״ט) דער מולד איז מאנטיג ביי טאג 47 מינוט מיט 9 חלקים אויף 4: ראש חודש איז מאנטיג און דינסטיג:

(תר״ס) דער מולד איז זונטיג ביי טאג 20 מינוט מיט פיר חלקים אויף 2: ראש חודש איז זונטיג און מאנטיג:
(תרס״א) דער מולד איז פרייטיג אבינט 8 מינוט מיט 10 חלקים אויף 11: ראש חודש איז פרייטיג און שבת:

דען מען בענטשט ראש חודש סיון אזוי זאגט מען דיא תחנה:

אתה נגלית בענן כבודך על הר סיני · רבונו של עולם דו ביסט אנטפלעקט
גיווארען צו דיין פאלק ישראל אויף דעם בארג סיני און האסט זיא דיא
הייליגע תורה גיגעבין זעקס טעג אין דעם חודש סיון וואס מיר קומן איצונד
בענטשן · דרום ליבר גאט גידיינק אונז דעם זכות וואס מיר האבין דיין ליבע
הייליגע תורה מקבל גיוועזן זייען מיר גיווארן צו דיר איין גיליבט פאלק אבער
ווען דו ביסט צו ישמעאל מיט עשו גיגאנגין האבין זיי די תורה ניט גיוואלט
געמן נאר דיין ליב פאלק ישראל דרום גידיינק אונז דעם זכות און בענטש
אויף אונז דעם חודש סיון וואס מיר טוען איצונד בענטשין און דר לייכט די
אויגין פון אונזרע קינדר צו דר תורה זיי זאלין האלטין דיינע מצות און דער
בארימדיך איבר אונז דען מיר זיינן איצונד גיגליכן צו איין אשה דאס איר
מאן איז אין טייכין וועג גיגאנגען און האט זיא גילאזט אין ארימקייט און
מיערקייט און זיא טוט האפן אלע טאג דס איר מאן וועט קומן און איר מזל
וועט דר הויבן ווערן אזו אויך מיר דיין פאלק ישראל האסטו דו האסט זיך דר
ווייטערט פון אונז און מיר זיינן איצונד ווי א איין אלמנה חיה אבר מיר האבן
צו דיר ליבר גאט דס דו וועסט דיך אום קערין צו אונז און דו וועסט ווידער
ריידין מיט אונז פה אל פה אזו ווי דו האסט מיט אונז גיטאן ביידין
אויף דעם בארג סיני און וועסט מיט אונז פיל נסים טאן און דוא וועסט
בויען דיין קרון שטאט ירושלים ניך און באלד אמן:

תורה תורה גיי אויף אונז זיי אונזרע מליצה פר דיינע קינדר ישראל און גדיינק
פר דעם רבון העולמים וויפיל בלוט עס איז פון זיי יענע צייטן פאר
גאסן גיווארן פון דיינט וועגין און וויפיל צדיקים זיינן אויף קידוש השם אום
גיקומן און וויפיל בלוט פון הייליגע קינדר וואס מען האט זיא אויפגעשר

מטרם בריסט געשיים וואס עס איז גאר ניט צוא דער ציילן דיא שלעק און ווייטאגן וואס מיר האבן אין יענע צייטן גיהאט און דס איז אלץ גישעהן ווייל זיי האבן ניט גיוואלט פר שוועכן דם ברית פון דר תורה און פר שטערין אירע גיזעצן דרום געהערטטו צו דר מאנורם זכות פר דעם כסא הכבוד דאס ער זאל גליכין זיין דם בלוט גלייך או דאס בלוט פון די קרבנות וואס מען פלעגט שפריינגן אויף דעם מזבח. עשה למען תינוקות של בית רבן טו פון וועגן די קליינע קינדר וואס לערנן אין זייער מיד ביין הייליגע תורה און בענטש אויף אונז דעם חודש סיון וואס מיר טוען אצונד בענטשין און מיר זאלן זוכה זיין גוטע קינדער צו האבין און מיר זאלין זיי קענען מגדל זיין צו דיין ליבער תורה און צו מעשים טובים ונאמר אמן:

מולדות לחודש סיון

(תרנ"ח) דער מולד איז פרייטיג פאר נאכט 42 מינוטין מיט 16 חלקים אויף 8: ראש חודש איז זונטיג:

(תרנ"ט) דער מולד איז מיטוואך פריא 51 מינוטין מיט צעהן חלקים אויף 5: ראש חודש איז מיטוואך:

(תר"ס) דער מולד איז דינסטיג ביא נאכט 4 מינוט מיט 5 חלקים אויף 8: ראש חודש איז דינסטאג:

(תרס"א) דער מולד איז שבת פרי 52 מינוט מיט זיבעצין חלקים אויף עלף: ראש חודש איז זונטיג:

ווען מען בענטשט ראש חודש תמוז אזוי זאגט מען דיא תחנה:

רבון העולמים ואדוני האדונים הער פון אלע וועלטן און האר איבר אלע הארין מיר קומן פאר דיר אצונד דעם חודש תמוז בענטשן דאס אין דעם אנדרין טאג ראש חודש האט אונזר מוטר רחל איר טייערן זון יוסף הצדיק גיהאט. עס זאל זיין דר ווילן פר דיר גאט אונזר גאט דאס עס זאל דר וועקט ווערן אויף אונז דר זכות פון אונזר מוטר רחל אזו ווי דו האסט דהערט איר גיבעט ווען זי האט גרוים צער גיהאט דס זיא האט קיין קינדער ניט גיהאט און האסט איר געטייערן זון יוסף געגעבן אזו זאלסטו הערין דם גיבעט פון די אלע וואס האבין קיין קינדר ניט דאס זיי זאלין נפקד ווערן צו האבין גוטע קינדר ווי יוסף הצדיק אבר אונזרע קינדר זאלן חלילה ניט צו גינומן ווערין פון אונז און מיר זאלן פון זיי גרוים גדולה זעהן אזו ווי אונזער פאטר יעקב האט גיזעהן גרוים גדולה פון זיין זון יוסף הצדיק און עס זאל ניט פאר שטערט ווערין זייער גדולה ביז אייביג:

יוסף ווען דו ווייסט וואל דם ביטרן טעם פון נע ונד אין גלות ווען דו ביסט קיין מצרים פאר קויפט גיווארען און האסט דארטין פיל צרות און לייד גיליטן דרום גיהערסטו אויף צוא שטיין און בעטן פאר השי"ת דאס ער זאל אויף אונז בעטשין דעם חודש תמוז וואס מיר קומן אצונד בענטשין דם אין

דעם חודש איז אונז פיל שלעק געשעהן אויך דאס די לוחות זיינן צו בראכען געווארין · דאס אנדערע איז דעם ער שטין בית המקדש איז דר קרבן תמיד בטל געווארן · דאס דריטע איז די מויערן פון אונזר שטאט ירושלים זיינן צו שפאלטן געווארן · דאס פערטע דאס אפוסטמוס הרשע האט די תורה פאר ברענט · דאס פינפטע איז דאס עס איז געשטעלט געווארען א צלם אין היכל · אצונד זאל הש"י דיין זכות געדיינקען וואס דו ביסט אין דעם חודש אויף דר וועלט גקומען און זאל אונז אום קערן אלע היילגע זאכן וואס זיינן צו גנומען געווארין פון אונז און זאל אונז בשירמען דעם חודש וואס מיר טוען אצונד בענשין פון צרות און פון כל מיני פורעניות וואס שטורמען צו קומען אויף דר וועלט עס זאל ניט דר שלאגין צו קיינם קיין דונער און קיין בליץ און קיין האגל · די תבואה פון די פעלדר זאל חלילה ניט פר ברענט ווערן פון היץ און עס זאל צו איר ניט געשעהן קיין שום היישריק און קיין שום שלעכטקייט · מלא אסמינו שבע דר פיל לייבר זאלט אונזרע אוצרות מיט זעט פון דיין גיבענשטר האנט דאס עס זאל חלילה ניט זיין קיין הונגר און קיין יקרות · די ערד זאל געבן איר פרוכט און די בוימר זייערע פירות און עס זאל אין אונז מקוים ווערן דר פסוק ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה ועץ השדה יתן פריו דאס איז טייטש און איך וועל געבן אייער רעגין אין זייער צייט און דיא ערד וועט געבין איר פרוכט און דער בוים פון פעלד וועט געבין זיינע פירות

אמן ואמן כן יהי רצון :

מולדות לחודש תמוז

(תרנ"ח) דער מולד איז זונטיג פריא 26 מינוט מיט זיבעצעהן חלקים אויף 9 ראש חודש איז מאנטיג און דינסטיג :

(תרנ"ט) דער מולד איז דאנערשטיג ביי טאג 15 מינוט מיט 11 חלקים אויף 6 : ראש חודש איז דאנערשטיג און פרייטיג

(תר"ס) דער מולד איז דאנערשטיג פריא 12 מינוט מיט 17 חלקים אויף 12 : ראש חודש איז מיטוואך און דאנערסטיג :

(תרס"א) דער מולד איז מאנטיג אבינט זיבין און דרייסיג מינוט אויף 12 : ראש חודש איז מאנטיג און דינקטיג :

ווען מען בענטשט ראש חודש אב אזו זאג מען די תחנה זאגן :

אב הרחמים דער בארמיגר פאטר ווען מיר קומען אצונד פאר דיר דעם חודש מנחם אב בענשין · דאס אין דעם ראש חודש איז אונזר פאטער אהרן הכהן גשטארבן אזו זאל דר וועקט ווערן זיין גרויסר זכות צו בענשן אויף אונז דם זכות דם ער פלעגט פיל לייט מעורר בתשובה זיין דען ווען ער האט געזעהן דם איינער האט אין עבירה גיטאן פלעגט ער אים לב שאפט ווייזן און דר מענש האט זיך גיטראכט ווען אהרן זאל וויסן וואס פר א חטא איך בין נואלט ער דאך בוודאי מיט מיר ניט גירעט דרום פלעגט דר מענש תשובה טאן אצונד

ליבר גאט גדיינק אונז זיין זכות דס מיר זאלן זיך אליין אום קוקן אויף אונזרע
בייזע מעשים און זאלסט אפ מעקין אונזרע זינד און עס זאהל זיין שלום און
פריד אין אונזרע גיצעלטן אין דעם זכות פון אהרן הכהן דר דא איז גיוואונט
גוועזן צו מאכן שלום צווישן איין מענש מיט זיין חבר און צווישן איין מאן
מיט זיין ווייב יהי שלום בחילנו שלוה בארמנותינו עס זאל זיין איטל פריד
אין אונזערע מויערן און שטילקייט אין אונזרע פאלאצין אמן סלה

הבט נא עמך כולנו לוג נון דאס מיר אלע דיין פאלק שטייען און בעטן דיך
דאס דוא זאלסט אויף אונז בענשן דעם חודש מנחם אב וואס מיר בענשין
אצונד און זאלסט אונז טרייסטן אזו וויא א פאטער און פאר גיב אונזרע זינד
דאס איבר זיי זיינען מיר פון אונזר לאנד פיר טריבן גיווארן און פון אונזר ערד
דר ווייטערט גווארן און ביין היילגער וואנונג איז אין דעם חודש מנחם אב
פר ברענט גיווארן אוי לנו אוי לנפשנו וויי איז צו אונז און וויי איז צו אונזרע
לייבר דען עס איז צו גינומן גיווארן די ליכט פון אונזרע אויגן דס איז דר בית
המקדש ווס עס פלעגט פר געבן אויף אונזרע זינד אוך ווען דר בית המקדש
איז גשטאנן איז אין דם חודש געוועזן אזו איין יום טוב דס עס איז זיין גלייכן
ניט גיוועזן אבר אצונד איז ער צו אונז גאר איטל קלאג און גיוויין דען מיר
טוען זיך באדיינקן די גדולה וואס עס איז פון אונז אוועק גנומען גווארן ·
ליבר גאט הער צו דאס קול פון ציון פאר נעם דאס גשריי פון ירושלים וואס
זיא טוט מיט אביטר הארץ קלאגן און אזו ווי דו האסט זיא מיט פייער פאר
ברענט אזו זאלסטו זיא בויען פון פייער אזו ווי אין פסוק שטייט ואני אהיה
לה נאום יי חומת אש סביב דאס איז טייטש און איך וועל זיין צו איר דאס
זיינען דיא רייד פון גאט איין מויער פון פייער ארום און ארום · גלויבט
ביסטו דר טרייסטר פון ציון און דר בויער פון ירושלים אמן :

מולדות לחודש אב

(תרנ״ח) דער מולד איז מאנטיג אבינט 11 מינוטן אויף צעהען :
ראש חודש איז מיטוואך :

(תרנ״ט) דער מולד איז שבת פריא 59 מינוט מיט 12 חלקים אויף 6 :
ראש חודש איז שבת :

(תר״ס) דער מולד איז פרייטיג פאר טאג 32 מינוט מיט 7 חלקים אויף 4 :
ראש חודש איז פרייטיג :

(תרס״א) דער מולד איז דינסטיג בייא טאג 21 מינוט מיט 1 חלק אויף איינס :
ראש חודש איז מיטוואך :

ווען מען בענטשט ראש חודש אלול אזויא זאל מען דיא תחנה זאגן :

אריה שאג מי לא יירא ווען איין לייב שרייט ווער זאל זיך ניט פארכטן · דאס
ווארט אריה בטייט דר אל״ף מאכט אלול דר רי״ש מאכט ראש השנה דר
יוד מאכט יום כפור דר ה״א מאכט הו שענה רבה · דס הייסט ווען עס קומן די

ראוינגע טעג וואס זייא זיינן פארבטינגע טעג ווער גיהער זיך ניט פארבטין · רבש״ע איצונד קומן מיר בענטשין דעם חודש אלול מיט אגרוס פארכט און אגרויס ציטערניש דען עס קומט אן די צייט ווס דו וועסט זיך זעצן אויף דיין שטול צו משפטן גאר די וועלט דרום טוט אונז אצונד אציטערניש אן מאפן און אונזר הארץ צו גייט אין אונז אזוי ווי וואסר און איך פעדר מיך אין דיין דינסט (פלונית בת פלונית) דס איך בין ערד און פלייש און בין גיגליכן צו אוואָרם גיט קיין מענטש און בין גיקומן צו ווארפן מיין גיבעט פאר דיר צו דר וועקן דער בארימקייט פון פאר דיר צו דער וועקין דר בארימקייט פון דיין כסא הכבוד דס דו זאלסט מיך לייט זעליגן אין דעם חודש אלול וואס איך טו פר דיר איצונד בענשן דס דו זאלסט מיר עפענען טויערן פון תשובה טויערן פון תפילה דס עס זאהל פאר געבן ווערן גאר מיינע זינד און זאלסט מיר שרייבן אין דם ספר פון לעבן דם ראש השנה וואס וועט זיין און גיב מיר פון דיין גוטס און דיין ברכה און זאלסט בנטינן און בענשן און באגליקן אלע מיינע וועגן און גאר די ווערק פון מיינע הענט און גיב מיר אגוט הארץ און איך זאל שוין מער ניט זינדיגן און זאל דיך ניט דר צערנען און עפין מיר טויערין פון פרנסה און שפייז און זאלסט אויף מיר גיינין חן און חסד אין דיינע אוגן און אין די אויגן פון אלע וואס זעהן מיך דען דוא ביסט נאהענט צוא אלע וואס רופין דיך און ווערסט ניפונן צוא די וואס פארשטן דיך · רבונו של עולם איך רוף דיך באמת אייל און ענטפער מיר אז דעם חודש אלול ווס איך טו אצונד בענשן זאל גיבענשט ווערן פון דיין פולער ברכה אמן :

על רחמיך הרבים אבטח אויף דיין פיל דר בארימקייט טו איך מיך פר זיכרן

געל חסדיך אשען און אויף דיין גינאד ליבר גאט טו איך מיך אן לעהנן און איך קום צו בענשן דם חודש אלול דען איך ווייס ווען דו וועסט חלילה אויף מיינע ביזע מעשים קוקין אזוי בטייט דר חודש אלול אוי לי וואוי לנפשי ווייא איז צו מיר און וויי איז צו מיין לייב אבר ווען איך וועל מיך צום הארצן נעמן און וועל חרטה האבן באמת אויף מיינע זינד אזוי וועסטו ליבר גאט זיך קערן צו דר בארימן זיך אויף מיר און כער נאמן פון דעם חודש אלול וועט נייזין אני לדודי ודודי לי איך קער מיך צוא מיין פריינד דאס איז השי״ת און מיין פריינד וועט זיך קערן צו מיר צו פר נעמן מיין גיבעט און מוחל זיין גאר מיין זינד דרום ליבר גאט השקיפה ממעון קדשך מן השמים לוג פון דיין הייליג וואנונג פון דעם הימל אראפ און זעה מיין ביטר הארץ דאס איך בין גיקומן איצונד פאר דיר ריינינ מיך פון גאר מיינע זינד · אביין הארץ בשאף מיר גאט און איין רעכט גימיט באנייא אין מיר דאס איך זאהל אפ קערין פון דעם ביזין וועג און זאהל שוין מער קיין עבירות ניט טאן און זאהל האלטן דיין

הייליגע תורה און מצות כל ימי חיי אמן ואמן :

משפטיך יראתי על כן אקדמך בתחנונים · רבונו של עולם איך טוא מיך זייער פארכטין פון דיין משפט אין דעם יום הדין וואס עס קומט אן דרום טו איך מיך פעררן מיט גיבעט אלמעכטיגער גאט דער בארמהערציגער גאט דו זאלסט מיר ניט אויס דיין צארין אויף מיר און קער דיין כעס און דייני אויגן צוא פאר געמן מיין תשובה ותפלה און בעטש דעם חודש אלול דם עס זאל דער וועקט ווערן אונזר הארץ צו גוטס מאן עס זאל ווייזן דער גאמן פון אשרי לך ואשרי לנשמתך וואל איז צו דיין לייב וואל איז צו דיין נשמה און מיר זאלן זוכה זיין צו גישריבן און גחתמת ווערן צוא איין גייא גיבענטשט יאהר צום לעבן און גיזונד און פרנסה בכבוד · ברוך שומע קול תפלת עמך ישראל ברחמים גלויבט ביסטו גאט דם דו הערסט די גיבעט פון דיין פאלק ישראל מיט דער בארימהערציקייט הער צו אויך מיין גיבעט איך (פלונית בת פלונית) און דיא גיבעט פון מיין מאן און מיינע קינדער צוא דער בארעמן זיך אויף אונז און אויף כל ישראל אמן ואמן כן יהי רצון :

מולדות לחודש אלול

(תרנ"ח) דער מולד איז מיטוואך פריא 55 מינוט מיט איין חלק אויף צעהן : ראש חודש איז דאנערשטיג און פרייטיג :

(תרנ"ט) דער מולד איז זונטיג אווענט 43 מינוט מיט דרייצעהן חלקים אויף 7: ראש חודש איז זונטיג און מאנטיג :

(תר"ס) דער מולד איז שבת בייא טאג 16 מינוט מיט אכט חלקים אויף 5 : ראש חודש איז שבת און זונטיג :

(תרס"א) דער מולד איז דאנערשטיג ביי נאכט פינף מינוט מיט 8 חלקים אויף 2 : ראש חודש איז דאנערשטיג און פרייטיג :

תחנה שערי דמעות

דיא תחנה זאגט מען שבת און יום טוב ווען דער חזן זאגט אנעים זמירות :

פתח לי שערי רחמים שערי שמים · יי מלך יי מלך יי ימלוך לעולם ועד · ואנחנו כורעים ומשתחוים ומודים לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא · שהוא נוטה שמים ויוסד ארץ · כי יי הוא האלהים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד · נא חלץ ממסגר נפשי גם לך יי קויתי לישועה : יי נחני בצדקתך למען שוררי הישר לפני דרכך : יי ישמור צאתי ובאי לחיים ולשלום מעתה ועד עולם :

ליבר הער גאט עפין מיר די טויערן פון תפלות ותחנות און פר נעם מיין גיבעט ווי דם גיבעט פון אברהם יצחק ויעקב משה אהרן דוד ושלמה און עפין מיר די טויערן פון הימיל און פון גן עדן און עס זאל אין אונז ניט גיוועלטיגן דער יצר הרע · און דער הייליגער שבת אדער יום טוב זאל מיין שפרעכער זיין פאר מיר און פאר מיין מאן און קינדער און כל ישראל צו אלעם גוטין אמן · וברחמיך הגדולים נא חוס ושמור נפשי מיט דיין גרויס דער בארעמונג שטארק און באשירעם מיין לייב פון גהינם ותבוט הקבר וחבלי משיח · און גיב מיר אלעם גוטס און זאלסט מיך זוכה זיין מיינע קינדער צוא דער ציהען לתורה ולמעשים טובים אמן :

תחנה אמהות לר״ח אלול

מען זאל זי לייענן גאנץ אלול אלע טאג אויך איז דרינען פון ראש השנה ווען מען נעמט אוס די ספר תורה אויך די שלש עשרה מדות אויך פון שופר בלאזן. דס איז ארוס גינומן פון פיל ספרים:

איין נייע תחנה

אנא יהוה סמכתי ברחמיך הרבים לבקשך · איך טוא מיך אן לעהנען אין דיין פיל דער בארימקייט צו בעטען דיך דער הער מיין ביסער תפלה מיט מיין צוא בראכען הארץ און טוא מיר ענטפערין אויף מיין גיבעט וויא אין דיין הייליגע תורה שטייט געשריבען :

בטרם תקרא ואני אענה· דאס איז טייטש איי דוא וועסט מיך אן רופען וועל איך דיר ענטפערין· אל מלא רחמים דוא ביסט פול מיט דער בארמקייט דער בארעם דיך אויף מיר און נעם אן מיין גיבעט וואס איך וועל דיך טאן בעטין און נעם אן מיינע וידוים וואס איך בין פאר דיר מתודה איך וועל זיך מתודה זיין אויף מיינע ביטערע עבירות איך האב ווידער גישפעניגט דיינע הייליגע מצות איך האב ניט געהאלטין דיינע גיבאט וואס דו האסט אונז גיבאטן· הער פון דער גאנצער וועלט איי איך הייב אן פר דיר רעכט מתודה צו זיין טוא איך פאלן אויף מיין פנים און טוא בעטין דיר אז דיין רחמים זאל זיך שטארקן איבער דעם רוגז דאס דוא זאלסט מיין וידוי צו הערן מיט גרויס דער בארעמקייט און זאלסט מיר מיין מויל עפענן דאס איך זאל זיך מתודה זיין:

ע״ה עמדי כחסדך הגדול טוא מיט מיר חסד און משפט מיך מיט גרויס דער בארימקייט איך טו דיך בעטן נעם אן מיין גיבעט איך האב דאך גאר קיין מליץ יושר ניט פאר דיין הייליגן נאמן נייערט דיין הייליגע תורה פון חסד ורחמים איך טוא בעטין אז דוא זאלסט מיינע וידוים אלע אן נעמען און זאלסט עפענען דיא טויערין פון תשובה און זאלסט עפענען דיא טויערן צוא דיא ישראל ווייל זיי האבן די ליבע תורה מקבל גיוועזן אויף דעם בארג סיני איך טוא דיך בעטין אז דו זאלסט אן נעמען מיינע ביטערע טרערן וויא דוא האסט אן גינומען דיא טרערן פון דיא מלאכים וואס האבין גיוויינט ווען אברהם האט זיין ליבן זון גיוואלט ברייגגן צו דער עקידה זיינן דיא טרערען פון די מלאכים גיפאלין אויף דעם מעסער פון אברהם און האבן אים ניט גלאזט שעכטן זיין זון יצחק אזו זאלן אונזערע טרערן פאלן אויף דעם מעסער פון דעם מלאך המות און זאלן ניט לאזן חלילה אוועק ברייגגן מיך אדער מיין מאן אדער חלילה מיינע קליינע קינדער און אלע מיינע פריינד און טוא דיך בעטן דוא זאלסט דיך איבער אונז דער בארימען און זאלסט אליין זיין מיין מליץ יושר בייא דעם משפט וואס דוא וועסט מיך משפטין און נעם אן מיין גיבעט און פאר גיב מיר מיינע זינד אמן :

הַמְּשֵׁךְ הָרַבִּים יָגֵן עָלֵי דַיין גְרוֹיס דֶר בַּארִימְהַקַייט זָאל אויף מִיר בַּשִׁיצִין אִיךְ טוּא מִיךְ זֵייעֶר דֶר שְׁרֶעקִין פַר מַיינֶע גְרוֹיסֶע זִינְד דֶען אִיךְ הָאבּ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים גְיוּוִים נִיט פַר דִינְט. אִיךְ וֵוייס נִיט וָואס אִיךְ זָאל אָן הֵייבְּן דִיךְ צוּ בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיר פַר גֶעבְּן · אוּן מַיין גִיבֶּעט זָאל פַר דִיר אָן גִינוּמֶן וֶוערְן וֶועגִין מַיין זְכוּת אָבוֹת וִויא אִין דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט :

וְאֶעֱשֶׂה חֶסֶד וְזָכַרְתִּי זְכוּת אָבוֹת עַל בָּנִים וְעַל בְּנֵי בָנִים דָאס אִיז טַייטְשׁ אִיךְ וֶועל טָאן מִיט מַיין גְרוֹיס גִינֶעדִיקַייט אוּן וֶועל גִידֵיינְקֶן דֶעם זְכוּת אָבוֹת אויף אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אויף אַייעֶרֶע קִינְדֶס קִינְדֶער אוּן דוּא בִּיסְט גָאט אוּנְזֶער גָאט אוּן גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְין אוּנְזֶר טְרֵייסְטֶר זָאלְסְטוּ זַיין דוּא זָאלְסְט דִיךְ אִיבֶּער אוּנְז דֶער בַּארֶעמֶען זָאלְסְטוּ אוּנְז טְרֵייסְטִין אָמֵן :

יְהִי נָא חַסְדְּךָ לְנַחֲמֵנִי דֶען עֶס זָאל זַיין דַיין גִינָאד צוּא מַיין טְרֵייסְט דוּא זָאלְסְט מִיךְ טְרֵייסְטִין פוּן מַיין גְרוֹיס צַער וָואס מִיר הָאבִּין אַז עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערִין דֶער פָּסוּק :

עֲשֵׂה עִמָּנוּ אוֹת לְטוֹבָה וְיִרְאוּ שׂוֹנְאֵינוּ וְיֵבוֹשׁוּ כִּי אַתָּה יְיָ עֲזַרְתָּנוּ וְנִחַמְתָּנוּ דָאס אִיז טַייטְשׁ גָאט וֶועט טָאן מִיט אוּנְז מִיט גוּטֶען · אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים דֶער יצה״ר אוּן דֶער שָׂטָן מְקַטְרֵג וֶועלִין זֶעהֶען אוּן וֶועלִין פַאר שֶׁעמְט וֶוערִין וָוארוּם דוּא בִּיסְט אַיין גָאט אַיין הֶעלְפֶער אוּן אַיין טְרֵייסְטֶער צוּ אַלֶע וָואס טוּעֶן דִיךְ אָן רוּפִין מִיט אַיין צוּא בְּרָאכִין הַארְץ וִויא עֶס שְׁטֵייט גִישְׁרִיבִּין לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה וכו׳ אָמֵן :

לְמִשְׁפָּטֶיךָ עָמְדוּ כֻּלָּם צוּ דַיין מִשְׁפָּט וֶועלִין מִיר זִיךְ שְׁטֶעלִין דְרוּם טוּא אִיךְ וֵויינֶען אוּן שְׁרַייעֶן פַאר דֶעם הֵיילִיגִין נָאמֶען אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ אָן רוּפִין מִיט חֶסֶד וְרַחֲמִים אוּן דוּא זָאלְסְט דִיךְ אַלֵיין זֶעצֶען אִבֶּער מַיין מִשְׁפָּט · שְׁטְרָאף אוּנְז נִיט מִיט דִיא גְזֵירוֹת אַכְזָרִיוֹת אוּן לָאז אוּנְז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְלַאךְ דֶער צִיהֶען צוּ גוּטִין אוּן מַיינֶע קִינְדֶר זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּ דֶער צִיהֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דֶען דוּא בִּיסְט דִיךְ מְרַחֵם אויף קְלֵיינֶע קִינְדֶער :

בַּמָּה אֲקַדֵּם לְפָנֶיךָ וִויא זָאל אִיךְ מִיךְ פֶערְדֶערְן פַאר דַיין הֵיילִיגִין נָאמֶען צוּ בֶּעטִין אוּן דָא בֶּעט אִיךְ דִיךְ דוּא זָאלְסְט מַיינֶע בֵּייזֶע עֲבֵירוֹת פַאר גֶעבִין אִיךְ וֵויס דָאס אִיךְ הָאבּ גָאר קֵיין מְלִיצִים נִיט אִיךְ הָאבּ קֵיין מֵלִיץ פַאר מִיר נָאר מַיינֶע בִּיטֶערֶע טְרֶערִין · וִויא עֶס שְׁטֵייט :

כֻּלָּם נִנְעֲלוּ רַק שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת אֵינָם נִנְעָלִים דָאס אִיז טַייטְשׁ אַלֶע טוּיעֶרִין וֶוערִין פַר שְׁלָסִין נַייעֶרְט דִי טוּיעֶרִין פוּן טְרֶערִין וֶוערִין נִיט פַר שְׁלָאסְן דְרוּם דֶער בַּארְמִיגֶר גָאט נֶעם מַיינֶע טְרֶערִין וִויא אִיךְ טוּא פַאר דִיר גִיסִין אוּן טוּא זֵיי אַבַיין אִין דַיין לָאגִיל אוּן וַואשׁ אָפּ מִיט דִיא טְרֶערְן אוּנְזֶערֶע זִינְד אוּן זָאלְסְט דִיךְ נֶעצִין פוּן מִדַּת הַדִּין אויף מִדַּת הָרַחֲמִים אָמֵן :

תקרב תחנתי לפניך עס זאל גיגעהגען פאר דיר מיין גיבעט אז קיין מקטרג זאל ניט קענען מפסיק זיין צווישין מיין גיבעט און צווישין דיין כסא הכבוד. דא טוא איך דיך בעטין אז דוא זאלסט צוריק טאן דיין שווערד אין דיין שייד דוא זאלסט דיין האנט האלטען איבער אונז און איבער דיא קליינע קינדערלאך אמן:

הט אזנך לתפלתי טוא מאכין איין ביגן דיין אויער צו מיין תפלה ליבער הער גאט באהיט מיך פאר אלעם בייזין פאר שאנד און פאר לעסטערקייט און פאר איין מענטשענס גאב און זאל מקוים ווערן אין מיר ווי עס שטייט אין הייליגען תהלים פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון · דאס איז טייטש דוא עפנסט אליין עפענען דיין האנט און נעמסט אונז שפייזע, און ניט דורך איין מענטשינס גאב אמן:

ראה עניי והושיעני זעה מיין פיין פון מיינע עבירות און דוא זאלסט מיר העלפין נעם אן מיין גיבעט איך ווייס אז איך בין ניט ווערט צוא עפענען מיין מויל צו בעטין דיך דען איך האב מיט מיין מויל גרויסע עברות גיטאן איך האב ליצנות גיטריבען איך האב ניבול פה גירעט נייערט דוא ביסט איין דער בארמיגער גאט דער בארעם דיך איבער מיר און נעם אן מיין גיבעט וויא דוא האסט אן גינומען דאס גיבעט פון אונזער מוטער חנה אזוי זאלסטו אן נעמען מיין תפלה און פאר גיב מיר מיינע עבירות אמן:

בכל לבי אקראך איך מיט מיינעם גאנצען הארצין טוא איך דיך אהן רופען דרום טוא איך דיר בעטין דוא פאטער רחום וצדיק דיין מדה איז ווען דער מענטש בעט דיך מוקמו אים העלפין וויא דוא האסט מיר גיהאלפין ביז אהער איך טוא דיך בעטין וויא א קינד צו זיינעם פאטער און דוא זאלסט מיר ענטפערין דער בארעם דיך וויא א פאטער איבער זיינע קינדער וויא עס שטייט גישריבען כרחם אב על בנים כן תרחם עלינו דאס איז טייטש ווי דער פאטער טוט זיך דער בארימען איבער זיינע קינדער אזוי זאלסטו גאט זיך דער בארעמען איבער אונז ישראל:

העבר מחטאי אפך והרחק ממני אף פון מיר גאט מיין נאם און פון מיינע עלטרן דיין צארין און דיין רוגז און נעם אן מיין גיבעט וואס איך טוא בעטין און זאלסט מיר פר געבען מיינע זינד דען איך וועל זיי שוין אימער ניט טאן איך וועל טאן דיינע מצות און גוט דיך דו זאלסט שטארקן מיין הארץ צו מקיים זיין דיינע מצות וואס דו האסט גיבאטין צוא אונזער מוטער חנה און זאלסט שטארקין מיינע הענט צדקה צו געבן און ליכט צו צינדין און מיינע פיס שטארקין אין דער שול צו גיין דיך צו לויבען:

מה נאמר ומה נבקש וואס זאלין מיר ריידין און וואס זאלין מיר בעטע

איך וויים אלע מיינע אום ווערדיקייט וואס איך האב גיטאן איך לעדין מיך אן אין דעם זכות פון מיינע קליינע קינדער וואס וועלין לערינען תורה און אין זייער זכות זאלסטו מיר העלפין אז עס זאהל קיין מאל ניט זיין קיין טרויערקייט און קיין גיוויין נייערט איטיל שמחה אמן :

אודך בכל לבי איך טוא דיך לויבין מיט מיין גאנצין הארצין דען דוא ביסט איין באשיינטר גאט בייא אלע לייט דוא ביסט איין דער בארמיגער גאט איבער אלע לייט דוא טוסט צו הערין צו אלע לייט דען דוא טוסט צו הערין אלע גיבעט פון דיא ארימע לייט דו טוסט פאר געבין אלע עבירות וואס מיר האבין גיטאהן דען דוא ביסט הייליג און גרוים פארכטיג נייערט איך טוא בעטין דיין ליבין נאמען דאס דוא זאלסט אריין לאזין אין דיין מדת הדין דעם מדת הרחמים וויא מען טוט אריין לאזין אין אהארבע זאך אביסיל זיסע דען אונזער משפט זאל זיין זים אמן :

ואל תוכיחני בחמתך דו זאלסט מיך ניט שטראפין מיט דיין צארן דען דיין נאמען ווערט אן גירופין שופט אמת דאס איז טייטשער משפט אמת און טוט חסד און אמת · טוט מיט אונז גינאד און פאר גיט אונזערע זינד דרום טוא איך מיך פרייען דען איך האב חרטה דרויף איך וועל שוין ווייטער קיין עברות ניט טאן נייערט איך וועל דיך לויבין מיט מיין גאנצין הארצין אמן :

רחקתי מעשיך הטובים איך האב דר ווייטערט דיינע גוטע גיבאט איך האב ווידר גישפעניגט דיינע ליבע מצות · וואס דו האסט ניט גיהייסין טאן האב איך יוא גיטאן און וואס דו האסט יוא גיהייסין טאן האב איך ניט גיטאן · וואס דוא האסט גיאסרט האב איך מתיר גיוועז און וואס דוא האסט מתיר גיוועזן האב איך גיאסרת · וואס דוא האסט מטמא גיוועזן האב איך טהור גימאכט נייערט איך האב מיך ניט מתכוין גיוועזן דיך צו דער צערנען ניט מער דער יצר הרע האט מיר אן גירעט דרום פער גיב מיר מיינע זינד אמן :

הקם לאמתך חסדך מאך בייא שטענדיג דיין דער בארעמקייט אויף דיין דינסט איך טוא מיך בייגין און בוקין צו דיין גינאד דען וויא זאל איך מיך ניט דער שרעקין וויא זאל מיך ניט אן האפין איין ציטערניש און איין פלאטערניש ווען איך וועל מוזין שטיין צום משפט בייא דעם בית דין של מעלה און אפ ענטפערין אויף דיא עונות רבונו של עולם און דו טוסט ניט ווי איין בשר ודם דען אז מען קומט זיך צו שטעלן פאר איין בשר ודם צום משפט וועט ער ניט באווייזין אין משפט קיין דר בארימקייט אבער דו גאט דוא טוסט אלערלייא וואונדר דאס דו טוסט בווייזין אין מיטין משפט דיין דער בארימקייט דרום דער בארעם דיך איבער מיר און שיינק מיר מיין לעבין און מיין מאנס לעבין און מיינע קינדערס לעבין אמן :

גל עיני תרועך אנטפלעק פון מיר דיין רוגז דו זאלסט מאכן פר שליסן דם
שטן וואס ער איז אויף אונז תמיד מקטרג מיט דעם קול פון שופר און פר
גיב אונז אונזרע זינד דורך דעם קול פון שופר דען וויא דער שופר איז איין
גבויגין אזוי וועלין מיר אונזער הארץ איין בויגן צו טאן תשובה פון אונזרע
עונות און מיר זאלן זוכה זיין דס יאר צו הערן שופר של משיח אמן:
דבקתי במעשים הרעים איך האב זיך באהעפט אין בייזע מעשים דען איך
האב מיך גילאזט דעם יצר הרע אן ריידין אך האב גאר ניט געטראכט
אז איך וועל מוזין שטיין צום משפט נייערט איך בין נאך גיגאנגן נאך מיין
תאוות לבי. רבונו של עולם הער פון דער גאנצר וועלט דען ווען איך וועל
וועלין מתודה זיין פר דיין היילגין נאמן אויף מיינע עבירות וועלין די טעג
זיך אויס לאזין און איך וועל ניט קענן אויס דר ציילין מיינע טרע עבירות
ווארום זיי זיינען זייער פיל. אויף וועלכע עבירות זאל איך מתודה זיין אויף
די עבירות וואס איך האב גיטאן מיט מוטוויליגקייט אדער די עבירות וואס
איך האב אומגערין גיטאן. רבש"ע איך בעט דיך אזוי ווי איך האב מיך
גיוואשין מיט מיינע טרערין אזוי זאלסטו מיט טרערין אפ וואשן פון מיר
די עבירות וואס איך האב גיטאן און זאלסט מיר מאכן ריין פון מיינע עונות אמן:
ואשא שפתי לבקשך איך טוא אויף הייבן מיינע לעפצן צו בעטן דיין גינאד
נייערט איך הייב אן מיט גרויס פארכט און מיט גרויס ציטערניש. אך
און וויא איז מיר וויא האב איך מיך ניט גיפארכטן פאר מיינע צוויי עדות
און צוויי מלאכים וואס טוען עדות זאגין אויף מיינע ביטערע המאים דענסט
מאל אז מען טוט מיך שטעלן צום משפט און מען טוט מיר ווייזן דם רייסטר
וואס מיין האנט האט אליין אן גשריבן מיינע עונות אזוי וויא האב איך קיין
רחמנות ניט גיהאט איבר מיינע קליינע קינדער מען זאל זיי קלילה פון מיר
ניט אוועק נעמען פאר מיינע עבירות דרום טוא איך בעטן דיין גינאד
אז דו זאלסט דיך דער בארעמען אויף מיר אמן:
לולי חסדיך על מה אסמוך ווען ניט דיין גינאדיקייט אויף וואס וואלט איך
מיך גיהאט אן צוא לעהנען אין אזעלכע טעג ווארום די טעג זיינען זייער
פארכצום מען רעכינט איטליכן איבר און מען טוט לייגן איטליכנס מעשים
וואס איטליכר האט גיטאן נוא אויף ווען האב איך סמיכה נייערט איך האב
מיך סומך צו זיין אויף תשובה דען דו האסט בשאפן תשובה אויף די עבירות
דרום בין איך מקבל אויף מיר תשובה צו טאן און דיך רעבט צו דינען:
בחסדך תדינני גאט מיין טוא מיך משפטין מיט דיין גינאד. מיר טוען
פעדרין גישריי און גיבעט דו זאלסט אונז פאר געבין אונזרע זינד
און זאלסט אן נעמען אונזער תשובה. דער וועגן איך אונזרע אבות וואס

ליגין אין דער מערת המכפלה צו אונטר לעהגן מיך · קיין מעשים טובים איז אין מיר ניט פר האנדן בעט איך גאט ער זאל זיך אויף מיר דר בארמען · רבונו של עולם מאך אונז ווידר קערן צו דיר מיר זאלין ווידר אן גירופן ווערין ביין פאלק זאל זיך דער בארעמען דיין גינאד אין זכות פון אונזרע אבות אמן סלה :

מצר לי ממעשים רעים עס טוט מיר באנק אוף מיינע מעשים וואס איך האב גיטאן · מיט וואס פר אפריזענט קאן איך דיר איבער בעטן אז דו זאלסט פר געבן מיינע עבירות איז אנדערש ניט דיר איבר צו בעטן נאר מיט תשובה און וידוי דרום טוא איך תשובה און בין מתודה פר דיר איך האב גיזינדיגט קעגין דיר אזוי טו איך וויינען און שרייען פאר גיב מיר מיינע עונות :

הן רחמיך חפצתי צו ביין דר בארימקייט טוא איך באגערין מיט אונז צום משפט ניט צוא קומען וואררום מיר ווען ניט קענן באשטיין בייא דעם משפט· גינאד און דער בארימקייט זאל זיך פעדרין פאר דיין פנים פון דיר זאל אונזר משפט אוועק גיין · דיינע אויגין זאלין זעהן רעכט פארטיקייט און דער בארימקייט זאלסט אונז לאזין לעבין דוא ביסט אונזער פאטר און מיר זיינן דיינע קינדר וויא קאנסטו צו הערין גיזויין זיי דיך מרחם איבר אונז און טוא אונזער גיבעט אוים הערין:

ועל בניך תרחם אויף דיינע קינדער זאלסטו דיך דער בארימן דען ווען מיר זיינן דיינע קינדער דר בארים דיך וויא אפטר איבער זיינע קינדר און ווען מיר זיינן דיינע קנעכט גיהערסטו דיך אויך צו דער בארימן איבער אונז וויא אהאר אויף זיינע קנעכט און העלף אונז אמן :

ר רעש יום משפט תקרב ברחמיך דר רעש פון דעם יום הדין זאלסטו אונז גינעהגן מיט דיין גינאד וויא לאנג נאך ווערסטו אן אונז פאר געסין דר מאן דיך אן דעם ליב שאפט פון אונזרע עלטערן העלף אונז אין אונזער צייט אונזערע צרות האבין אונז גילעסטערט דרום דר בארים דיך אויף אונז אמן:

ר רחמיך ילין בעד רשומים בכסא דיין גינאד און דער בארימקייט זאל זיין איין פאר שפרעכער פאר דיא ישראל און אויך דר זכות פון יוסף הצדיק דאס ער האט אן גיטאן כבוד צו דיין נאמען זאל אונז ביי שטיין און ניט חלילה צו שפלות אדער צו ארימקייט אמן :

ידעתי כי סרתי ממצותיך איך ווייס אליין אז איך האב ווידר גישפעניגט דיינע ליבע גיבאט אבער איך טוא האפין אויף דיין הייליגען נאמען דו ווערסט מיט מיר ניט מדקדק זיין זאל אין מיר מקוים ווערין וואס אין דר תורה שטייט גאט טוט אוועק ווארפן דיא ערשטע עבירות און ועט דיא [illegible]ביות זאלין איבער וועגין דיא עבירות :

ע עת תקום למשפטיך דען עס איז דיא צייט צו שטיין צום משפט מו איך דיך בעטין דוא זאלסט דיך זעצין אויף דעם שטול פון מדת הרחמים צו משפטן מיט דעם מדת הרחמים און זאלסט מיך ניט שטראפֿן נאך מיינע עבירות נאך דען איך וועל מיר נודר פרן זיין דאס איז טייטש איך וועל מיך מאכען צום איך זאהל דאס שוין מעהר ניט טאהן :

ק קול שועתנו תשמע ותאזין דאס איז טייטש פאר נעם מיין גישריי און מיינע גיבעט איך טוא תשובה אויף מיינע זינד עס זאל מקוים ווערן אן מיר יעשו זדונות כזכיות דאס איז טייטש אז דוא ווערסט תשובה טאהן אויף דיא עבירות וועלין זייא ווערין זכיות דרום טוא איך בעטען דוא זאלסט מיר מאכין מיינע עבירות ווייא זכיות אמן סלה :

ב בצדקתיך תדיח כתמים מיט דיינע גירעכטיקייט זאלסטו אויס מעקין דיא פלעקין וואס איך האב גימאכט אין דעם קלייד פון מיין נשמה מיט מיינע גרויסע עבירות וואס וועט ארויס קומען אום אונזער בימערן טויט אדר חלילה אוים דעם טויט פון די קלייגע קינדערליך · וואס האבין מיר דען גיטאן צו דיין הייליגן נאמן נייערט מיר האבין זיך שלעכטס גטאן דיין נאמן איז הייליג דער איז איבר און אייביג דרום דער בארעם דיר איבער אונז און זאהל אהן אונז מקוים ווערין דער פסוק קרוב ה׳ לכל קוראיו דאס איז טייטש דוא ביסט נאהינט צו די וואס טוען דיר אן רופין מיט גרוים גיבעט ורחם על ממליכיך דער בארים דיר איבער אונז וואס מיר מאכין דיך קיניגין איבער אונז · כי אנחנו עמך וצאן מרעיתך דען מיר זייען דיינע שאף דוא פאסעסט אונז דרום דער בארים דיר · השב שכינתך לציון קער ווידר דיין שכינה אין דער שטאט ציון און עס זאל מקוים ווערין ובא לציון גואל שיק קיין ציון דיין דער לייזער אמן סלה:

שלש עשרה מדות

דיא דאזיגע תחנה זאל מען זאגין אז מען נעמט אויס דיא ספר תורה
אום ראש השנה און אום יום כפור דרייא מאהל :

יי יי אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא עון ופשע וחטאה ונקה :

דער נאך זאגט מען דאס :

רבש״ע איך טוא מיך אן לעהגן אן דיא י״ג מדות וואס זיינען אייטיל דער בארעמיקייט איך טוא מיך דא שטעלין בעטין דיין הייליגן נאמן דען אזוי וויא מען טוט עפענען דיא טיר פון דעם ארון הקודש דאס מען זאל אוים ציהען דיין הייליגע ספר תורה אזוי זאלסטו עפענען דיינע טויערן פון דער בארעמיקייט און זאלסט אונז אונזערע זינד וואס מיר האבן גיטאהן

מהל

מוחל זיין · אזוי וויא מיר האבין אן גיטאן דיין היילגע ספר תורה אין ווייסע מענטעלאך אזוי זאלסטו מאכן ווייס אונזרע פלעקן פון דער נשמה וואס מיר האבן איין גיפלעקט מיט אונזרע זינד ווי אין דער תורה שטייט ווען אייערע זינד וועלין זיין רויט וויא רויטע פארים וועל איך זיי ווייס מאכין :

רבש״ע אזוי וויא מיר טוען איצונד ארויס נעמן דיא תורה וואס ווערט גירופן ספר אזוי זאלסטו אונז היינט אן שרייבן אין ספר החיים אין ספר ברכה און אויך וועלן מיר טאן לייגן איצונד אין דיין ספר תורה וויא דוא האסט שרה איר תפלה צו גיהערט און דם וואר ראש השנה אויך וועלן מיר היינט לייגן צו מפטיר ווי דו האסט צו גהערט דיא תפלה פון דיא צדיקת חנה אזו זאלסטו אויך צו הערן די גיבעט וואס מיר טוען דיך בעטין · אזוי וויא דו האסט אום ר״ה ארוס גינומן דיין קנעכט יוסף פון דער תפיסה אזוי זאלסטו אונז אויך ארוס נעמן היינט פון דם יום הדין און דו האסט אן גשריבן אין דיין היילגע תורה אז אלע טויערן וועלן ניט פאר שלאסן אויף תפלה צו טאן צוא דיר צו שרייען און וויינן · דער הער אונזער גיבעט שרייב אונז אן צו אגיזונט יאהר און זאלסט אונז ניט אוועק נעמן חלילה פון דר וועלט פאר זיבעציג יאר כדי מיר זאלן חלילה ניט לאזן קליינע יתומים מיר זאלן זיי קענן דער ציהען זייא זאלן לערנן דיין היילגע תורה פון דיין היילגן נאמן וועגן און זאלסט אויך ניט אוועק נעמן אונזרע קינדר פר אונזער לעבן אויך האסטו אן גישריבן אין דר תורה אז מען זאל ערליך האלטן פאטר און מוטער אויף זייער עלטער · דרום ליבר פאטר דר בארמיגר · מיר טוען וויינן און בעטן דיין נאמן אז דו זאלסט חלילה ניט אוועק נעמן אונזרע קליינע קינדר פאר אונזר לבן · פאטער דער בארמיגר גאט מיר טוען פאלן אויף אונזער פנים און מיר בעטן דיך זאלסט פון אונז ניט אוועק נעמן אונזרע טאגען דען דו האסט אן גישריבן איך וועל טאן קלאגין זייער ביטער וויא איין אשה וואס טוט קלאגין אויף איר מאן · דרום רבש״ע בעט איך דיך דוא זאלסט אונז ניט שיידין · און אויך פאטער דר בארמיגער טוען מיר דיך בעטן דו זאלסט ניט חלילה אוועק נעמן אונזרע ברידער און שוועסטר דען אונזרע מרערן זאלן דורך לעכערן איין מיר צוא דיין היילגן שטול אונזר תפלה זאל קומן אין דיין הייכט אריין · און אויך טוען מיר בעטן פאטר דער בארמיגן מיר טוען איצונד צו ברעכן אונזר הארץ אויף דרייצעהן שטיק אנטקעגן דיינע שלש עשרה מדות מיר ווילן שוין מער ניט זינדיגן נור פארגיב אונז אונזרע זינד · דיינע היילגע נביאים האבן גזאגט צו דיא ישראל עס וועט זיין אצייט עס וועט קומן משיח הצדיק און וועט אייך אויס לייזין דרום בעטין מיר דיך זיי דאך מקיים זייער רייד און שיק אונז דיין הילף אז עס זאל קומען דר גואל צדק און אויך טוען מיר בעטין אז דוא

זאלסט אונז געבין שפע פון דיין הייליגער נאמען מיר זאלן חלילה ניט דארפן צו איין מענשינס גאב און משיח זאל קומען במהרה בימינו אמן:

תחנה פאר שופר בלאזין

רבש"ע דוא האסט אונז גיבאטין ווען עס וועט קומען ראש השנה זאל מען שופר בלאזן און דענסטמאל זאלן אונזרע מעשים טובים פר דיר גידאכט ווערן און דער קול פון שופר זאל קומען פאר דיר און עס זאל צו רייסן אלע ביזע גזירות פון אונז אלע משחיתים וואס מאכן אצוויישן שייד צווישן אונז און צווישן דיר אז אונזר גיבעט קענן ניט ארויף קומען פאר דיר און זאלסט אפ טאן דאס ביזע גלוסטיקייט פון אונז מיר זאלן דער הערן אז דוא וועסט מיט דעם גרויסן שופר בלאזין און איין זאמלין אלע דיא פאר לארענע און פאר שטויסענע פון דיין פאלק ישראל אין הייליגע לאנד אריין און מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן דיין הייליגע שכינה · דער מאן דיך ליבר גאט און פאר שפרייט אונזרע פיינד פון אונז און באוילג מיר גאט איך בין ארעם און נוט בדערפטיג מיינע אויגן הייב איך אויף צו דיר אז דו זאלסט מיך מאכן אנטרינן פון מיינע געצן וס מיינע פיינד שפרייטן אויף מיר היט מיך ווי שווארץ אפיל פון אויג ווארום איך בין דיין דינסט און וויל דיך דינן גיטרייא און דו זאלסט זיין מיין העלפער און מיין באשיצר ליבער גאט עס זאל זיין איין צייט פר דיר צו פר נעמען און צו הערין מיין גיבעט ווייא מיר רופן אן זאלסט אונז ענטפערן ווי דאס בלאזען צו רייסט אלע ביזע גזירות און דוא נעמסט דיך פון דיין שטול וואס איז אייטיל דין און זעצט דיך אויף דער שטול פון רחמים אזו זאלסטו דיך איבער מיר מרחם זיין און זאלסט אויס הערען אונזער גיבעט און דער לייגערן אונזרע יארין אז מיר זאלן קענין פאר ריכטין וואס מיר האבין אום רעכט גיטאן קענין דיר און דער וועק אונזר הארץ ווידער צו קערין זיך צו דיר און לערין אונז וויא מיר זאלן אונזר פיינד דעם שטן ברעכין וואס ער היט אונז און זאגט איך וועל דיא . ישראל יאגין און גרייבען און וויל אויס לערין זיין שווערד אויף . זייא דרום ליבער גאט פון דעם קול שופר זאלסטו אים מאכין פאלן ער זאל ניט קענן אויף שטיין צו ליידין אויף דיין פאלק ישראל אין דעם ערשטין קול פון שופר זאל גדאכט ווערן פר דיר דער זכות פון אברהם אונזער פאטער און פון דעם אנדערן קול פון שופר זאל גידאכט ווערן דער זכות פון יצחק אונזער פאטער און מיט דעם דריטין קול פון שופר זאל גידאכט ווערן דער זכות פון יעקב אונזר פאטער און מיט דעם פערטין קול זאל גידאכט ווערן דער זכות פון דוד המלך די פיר סדרים וואס הייסט תקיעה שברים תרועה תקיעה זייא זאלן אונזרע עלטערינס זכות אויף

בריינגען פאר דיר אונ דער שטן זאל קיין מאכט האבען אונ זאל אויס איין גוטר מלאך ווערין אונ ער זאל אויף אונז איבער דאנק גוטעס ריידען אונ זאלסט אונז אן שרייבן צו דעם נייעם יאר וואס דא קומט אויף אונז אונ אויף כל ישראל צו פרנסה אונ צו ברכה אונ הצלחה אונ מיט אונזערע קינדר ליך מיט גרוים שפע אן מידיקייט אונ מיט רוח אונ מיט פרייד אז איך זאל ניט קומן צו איין חרפה אונ בושה אונ זיצין שטיל אז איך זאל קענען דינען דיין הייליגן נאמען אונ ניט באדארפן קיין מענטשינס גאב אונ אונזערע הייזער זאל פול זיין מיט אלעם גוטן אונ אונזערע קינדער זאלן ניט געמינערט ווערן פאר אונזער לעבין אונ זאלסט דער ווייטערין פון אונז אלע טרויערקייט אונ זאלסט אונז ווייזין גרויסע פרייד אונזערע שונאים זאלין אן אונז קיין נקמה האבין אז עס זאל צווישין אונז קריג ניט זיין נייערט ברכה אונ הצלחה אונ שלום אונ איין זכות פון שלום זאלן מיר גיך אונ באלד דר לייזט ווערן אמן :

סדר תקיעות

פאר תקיעת שופר זאגט מען דעם למנצח זיבן מאהל :

למנצח לבני קרח מזמור : כל העמים תקעו כף הריעו לאלהים בקול רנה : כי יי עליון נורא מלך גדול על כל הארץ : ידבר עמים תחתינו ולאמים תחת רגלינו : יבחר לנו את נחלתנו את גאון יעקב אשר אהב סלה : עלה אלהים בתרועה יי בקול שופר : זמרו אלהים זמרו זמרו למלכנו זמרו : כי מלך כל הארץ אלהים זמרו משכיל : מלך אלהים על גוים אלהים ישב על כסא קדשו : נדיבי עמים נאספו עם אלהי אברהם כי לאלהים מגני ארץ מאד נעלה :

למנצח צום גיזאנג פון דיא קינדר קרח : כל העמים אלע פעלקר שטעקט אריין די הענט טוט שאלן אויף שופרות אונ טרומייטן אונ טוט זינגן צו גאט מיט איין קול פון גזאנג פר שמחה : כי יי עליון דען גאט איז דר גאנץ אובערשטר איין פארכטיגר גרוסר מלך אוף דר גאנצר וועלט : ידבר עמים ער האט מאכן פירן די פעלקר וואס זיינן גקומן אויף ירושלים זיי זאלן אונטר אונז זיין אונ די קיניגרייך זיינן גיוען אונטר אונזערע פיס : יבחר לנו ער האט אונז אויס דר ווילט אונזר נחלה דס הערשאפט פון יעקב וואס ער האט ליב תמיד : עלה אלהים בתרועה גאט ב"ה איז ווארין דר הייכט מיט שאלונג יי בקול שופר גאט ווערט גלויבט מיט דעם קול פון שופר : זמרו אלהים זמרו זינגט אונ לויבט צו

גאט זינגט צו אונזר מלך: כי מלך נווארום דר מלך פון גאר דר וועלט איז גאט זינגט מיט קלוגשאפט מלך: אלהים דער געוועלטיגער גאט טוט קניגן אויף דיא פעלקר. דר געוועלטיגר גאט זיצט אוף זיין היליגר שטול: נדיבי עמים דיא בווילגע פון פאלק טוען זיך איין זאמלעקין ירושלים דאס פאלק פון גאט דער גאט וואס אברהם האט גיהאלטן פאר איין גאט ווארום צוא גאט וואס געוועלטיגט דר באשיצר פון דר וועלט ער איז זייער דר הויבין:

איידער מען בלאזט דיא תקיעות זאגט מען דיא פסוקים:

קולי שמעת אל תעלם אזנך לרוחתי לשועתי:

מיין שטים האסטו גיהערט. פאר בארג ניט דיין אויער פון מיין גישרייא

ראש דברך אמת ולעולם כל משפט צדקך:

דער אן פאנג פון דיין רייד איז וואהר. און צו אייביג איז דיין גירעכטקייט:

ערוב עבדך לטוב אל יעשקוני זדים:

זייא ערב פאר מיר צו גוטין. לאזין מיך דיא מוטווילגע ניט פאר צוקען:

שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב:

איך פרייא מיך מיט דיין זאג גלייך אזו וויא איינער גיפינט פיל נאך רויב:

טוב טעם ודעת למדני כי במצותיך האמנתי:

לערין מיך פאר שטאנד און וויסענשאפט. דען אין דיין געבאט גלויב איך:

נדבות פי רצה נא יי ומשפטיך למדני:

דיא בווילגונג פון מיין מונד נעם אן מיט ווילן. און לערן מיך דיין גריכט:

דר תוקע זאגט די ברכות דער נאך בלאזט ער שופר און נאך איטליכן סדר זאגט מען יהי רצון:

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו. וצונו לשמוע קול שופר:

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה:

תקיעה	שברים	תרועה	תקיעה
תקיעה	שברים	תרועה	תקיעה
תקיעה	שברים	תרועה	תקיעה

יהי רצון עס זאל בווילנט פר דיר גאט מיין גאט און גאט פון מיינע עלטערן דאס בלאזן תקיעה שברים תרועה תקיעה וואס מיר האבן היינט געבלאזן זאלסטו מאכן איין קרוין דורך דעם

מלאך וואס איז איבר דעם געזעצט און זאלסט טאן מיט אונז אצייכן צו גוטין און זאלסט דר פילן איבר אונז דער בארימקייט. געלויבט ביסטו גאט בעל הרחמים:

תקיעה	שברים	תקיעה
תקיעה	שברים	תקיעה
תקיעה	שברים	תקיעה

יהי רצון עס זאל זיין בווילנט פר דיר גאט מיין גאט און גאט פון מיינע עלטערן דס בלאזן תקיעה שברים תקיעה וואס מיר האבן היינט געבלאזן זאלסטו אן נעמן דורך דעם ממונה וואס איז געזעצט דרויף אזו וואל ווי דו האסט אן גנומן דורך אליהו און זאלסט דר פילן איבר אונז דער בארימקייט. געלויבט ביסט

גאט בעל הרחמים:

תקיעה תרועה תקיעה

תקיעה תרועה תקיעה

תקיעה תרועה תקיעה גדולה

ובכן יהי רצון עס זאל זיין באוויליגט פר דיר גאט אונזר גאט און גאט פון אונזערע עלטערן דס די מלאכים די גייען אויף פון דעם שופר און פון תקיעה שברים תרועה תקיעה און פון תקיעה שברים תקיעה און פון תקיעה תרועה תקיעה זאלין אריין גיין פאר דיין כסא הכבוד און זיי זאלן גוטס פאר אונז פיר שפרעכן צו פר געבין פאר אונזערע זינד אמן:

דר נאך זאגט דער חזן דאס מיט אהויך שטים:

אשרי העם יודעי תרועה יי באור פניך יהלכון: בשמך יגילון כל היום ובצדקתך ירומו: כי תפארת עזמו אתה וברצונך תרום קרננו: אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה: אשרי וכו׳

תחנה פאר יום כפור

דיא תחנה זאגט מען אום יום כפור צום אויס נעמען:

ריבש״ע דו ביסט איין בעל רחמים און הייסט אל רחום וחנון ארך אפים איך בוק מיך פר דיר מיט מיין הייך און מיין קאפ איז איין גיבוקט און מיט צובראכן הארץ מיט גרוס פארכט און בעט מחילה און כפרה אויף מיינע זינד וואס איך האב גיטאן אגאנץ יאר סייא געוועהן איין גרויסע זינד אדר אום גערן און איך האב קיין תשובה גיטאן נים מער מיר האבן איין האפנונג אז אין דר צייט ווערן גיעפינט דיינע טויערן פון אייטל רחמים און דו ביסט אויך אייטל רחמים דו ביסט אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא עון ופשע וחטאה ונקה און האסט אונז גיבאטן דעם יום כפור זאלסטו אונז פאר געבן דיא זינד און האסט אונז דעם טאג פאר באטין פינף ענוים אז מיר טארין נים עסין און טרינקן. דס אנדרע איז מיר טארן זיך נים וואשן. דס דריטע איז מען טאר זיך נים שמירן מיט אייל. דס פערטע איז מען טאר נים גיין אין שיך. דס פינפטע איז מיר מוזין זיך אפ שיידן פון אונזרע מאנען. די פינף זאכן זאל זיין אכפרה אויף אונזרע עבירות. דאס ווייניג עסין זאל אכפרה זיין אויף דעם וואס מיר האבן אגאנץ יאר גיגעסן און גיטרונקן וועלכע וואס אסור איז גיוועהן דורך דעם תענית וואס פייער איז אריין גיקומן אין גוף זאלין אונזרע נשמות אין דעם פייער גילייטערט ווערן און דאס פייניגן פון וואשן זאל מכפר זיין וואס מיר האבן אגאנץ יאר מיט גרוסע פלעקן איין גירייכט אונזר נשמה ווס מיר האבן נים רעכט גיוואשן אונזרע הענט און די פייניגן פון שמירן זאל מכפר זיין ווס מיר מיט אונזרע עבירות האבין פר שמעלט גוטע שמע אז עס האט גיקאנט ארויס קומען און דאס פייניגן פון דעם וואס מיר גייען אן שיך זאל מכפר זיין ווס מיר זיינען גילאפן מיט אונזרע פיס צו אלעס בייזן און האבין ניטן געלכע זאכן וואס מיר זיינען געוועזן ניטע מיר זאלין זיין אין מרס און טער אין מרס

איז מוז ער אן שיך שטיין · און דם פיינינן נעם מיר שיידין זיך אפ פון אונזרע מאנען זאל מכפר זיין וואס מיר האבין זיך ניט רעכט נוהג גיוועזן מיט קדושה מיט אונזרע מאנען · דרום ליבר גאט דער וועקדיין גרוים דער בארימקייט צו אונז צו היקף פאר ניב אונז דורך דיא פינף פיין וואס מיר פייניגין זיך אין דעם היילינן טאג יום כפור אונזרע זינד · זאלסט אונז ברייננין מיט גרוים פרייד דאס יאר אין אונזער היילינע לאנד אריין אמן סלה:

בחודש השביעי באחד לחודש יהיה לכם שבתון:

אין דעם זיבעטין חדש דעם ערשטין טאג אין חדש זאל זיין צו אייך ארוהונג און בייא אלע ימים טובים שטייט ניט דאס ווארט לכם נייערט דאס מיינט דער פסוק דער טאג פון ראש השנה גיהער צו אייך אז איר וועט וועלן דאס איר וועט תשובה טאן און וועט חרטה האבין אויף אייערע עבירות וועט דער טאג יום טוב אבער חלילה אז מיר טוען קיין תשובה ניט איז דער טאג קיין יום טוב דרום טוען מיר צו ברעכין אונזרע הערצר פאטער דער בארמינער נעם איצט אן אונזער תשובה דען איצונד איז דער שטן צומישט און קען ניט מקטרג זיין אויף אונזר ניבעט דען איצונד האבין מיר אלע איין דעה און מיר טוען אלע רופין ביין היילינן נאמען מיט גרוים צוא בראכענע הערצער נעם אונזער תשובת רבים דען אין דער היילגר תורה שטייט דאס דער חילוק איז צווישן אתשובה פון איחיד און צווישן אתשובה פון רבים דען די תשובה פון איין יחיד העלפט נור נייערט איידר דר גזר דין איז אבער חלילה אז דער גזר דין איז שוין העלפט ניט קיין תשובה פאר איחיד אבער אתשובה פון רבים העלפט אפילו ווען עס איז שוין גיוועזן דער גזר דין דרום בעטין מיר אונזערע אמהות זיי זאלין בעטין פר אונז אז אונזר תשובה וואס מיר טוען זאלט איר ברייננן פאר דעם כסא הכבוד און אויב חלילה דער גזר דין איז שוין גיוועזן צוא בייזין זאל דער זכות פון תשובה בייא שטיין און איר זאלט בעטין אז השי"ת זאל אונזרע זינד אוועק ווארפין און אונזערע מצות זאלין מכריע זיין. דיא עבירות אזוי וויא זיין מדה איז נושא עון ער הייבט אויף דיא עבירות דאס דיא מצות זאלין איבער וועגין דרום טוא איך בעטין אז מיר זאלין אן גישריבין ווערין צו פרנסה אמן:

תחנה פון סליחות

דיא תחנה זאל מען זאגן אין דער פריא צוא סליחות פאר ראש השנה ז"

אדון עולם הער פון דער גאנצר וועלט דוא ביסט גיוועזן איין קיניג נאך

איידר דו האסט באשאפן דיא וועלט און דו האסט אלסדינג באשאפן אזו וויא דוא האסט גיוואלט פון דיין כבוד וועגין און וועקען זיך צו דיר גלייכן אדער אנטקעגין דיר זיך שטעלין ווער קען דער ציילין דיין גרוסקייט און דיין אכפערקייט · דאס שטארקייט און דאס הערשאפט איז אין דיין האנט · דוא ביסט איין איינציגר גאט · דוא קענסט מיך דר לייזן און מיך דער פרייען ווען איך רוף צו דיר · אין דיין האנט באהאלט איך מיין נשמה אז איך טוא שלאפין · און אז איך טוא וואכין קערסטו ווידר אום מיין נשמה אין מיין גוף אריין · אז גאט איז מיט מיר טו איך גאר ניט זארגין און מורא האבן פר קיין שום זאך · פאטר גאט זעה פון דיין היילינג ארט און דר בארים זיך איבער אונז און העלף אונז דען אז אונזער בית המקדש איז גישטאנן איז בייא אונז ווייניג זינד גיוועזן דען אונזר היילינג הויז האט אונז דיא זינד פאר געבין אויך דיא קרבנות פון בייא נאכט האבין פאר געבין אויף די עבירות וואס מען האט גיטאן אגאנצין טאג איצונדערט מיט וואס זאלן מיר צו דיר קומן דרום זאלסטו פר דיר נעמן אונזערע צוברָאכענע הערצר און שמערצונג און עס זאל פאר דיר אן גינומען ווערין אונזער תפלה אזויא וויא איין קרבן עולה און היינט טוען מיר וויינען און שרייען פאר דיר אז דוא זאלסט אונז אונזער בית המקדש בויען במהרה בימינו אמן :

רבונו של עולם הער פון דער גאנצר וועלט איך קום בעטין פאר דיר מיט

איין צו בראכין הארץ און מיט איין צו בראכין גימיט · איך וייס [illegible] מיר קיין שום עצה ניט צו געבין וואס איך זאל טאן צו דעם יום הדין הגדול והנורא וואס דא קומט צו דעם נייעם יאר חאטש אונזערע חכמים האבין מתקן גיוועזן אזעטליכע טעג פאר ראש השנה זאל מען אויף שטיין גאנץ פריא און מען זאל זאגין סליחות מיט גרויס תפלה ובקשה כדי עס זאל אן גינומען ווערין פאר השם יתברך אבער זייא האבין נאר גימיינט אזעלכע מענשן וואס זיינען ריין פון זינד די זאלן בעטן פאר השם יתברך ער זאל זיי געבין זייער באדערפניש אבער ניט אזו איין מענש ווי איך בין דען איך וייס וואל אז איך בין פול מיט זינד און וויא אזו קען איך בעטן פון השם יתברך אז ער זאל מיר געבן פיל גוטס דען דם באדערפניש פון מענשין איז פיל און איך בין נאר ניט ווערט · פון דעסט וועגן האב איך מיר פארט דער וועקט מיט גרויס מורא און ציטערניש צו בעטן השם יתברך · איך וייס ניט וואס זאל איך טאן מיט וואס זאל איך איבער בעטן דיין פנים און מיט וואס זאל איך דיך באווילינן אז דוא זאלסט מיך פאר געבין מיינע זינד וואס

איך האב גיטאן · אויב מיט תשובה און ווידוי קען איך מיר באוויליגן צו דיר טוא איך בודאי תשובה און בין מתודה פאר דיר גאט מיין גאט און גאט פון מיינע עלטערן איך האב גיזינדיגט און געשולדיגט און ווידער גישפעניגט פאר דיר און דו ליבער גאט דווא ביסט דאך איין דער בארמיגר און פאר טראגסט די זינד פון אלע זיי מיר אויך מוחל · און אויב מיט תפלה און תחנה ביסטו מוחל מאך איך פאלין ליבער גאט מיין גיבעט פאר דיר· און אויב מיט גיוויין און גישריי ביסטו מוחל אזו טו איך וויינען און זיפצן וויא איז צו מיין לייב אויף מיינע זינד דען דווא ביסט אזו איין גאט וואס מען בדארף צו דיר ניט פיל שרייען דו פאר געסט די צובראכנע הערצר אזו וויא אליהו הנביא האט גיזאגט צו די פאלשע נביאים שרייט שטארק צו אייער גאט טאמער וועט ער דער הערין אבער אונזער גאט פאר נעמט באלד אונזער גיבעט · און אויב מיט איין צוא ברכין הארץ פאר גיבסטו דיא זינד אזוי צוא ברעך איך מיין הארץ פאר דיר און דווא ווייסט דאך וואל וועלכע הערצער זיינען צוא בראכין :

רבונו של עולם איך טוא דיך בעטין אז דו זאלסט זיך איבר מיר דר בארמן און זאלסט זיין אליין מיין מליץ ביי דעם משפט דען איך וואלט גערן האבן עולם הזה און עולם הבא נאר מיט מיינע מעשים האב איך עס גיווים ניט פאר דינט נאר מחמת איינס אן דאס אנדערע קען ניט זיין דען מחמת דאגות פרנסה קען מען ניט רעכטן גאט דינן דרום וויל איך ביידע די וועלט און יענע וועלט אבער איך ווייס ניט וועלכעס זאל איך פריער אן הייבן צו בעטן אז עס זאל פר דיר אן גינומען ווערן דרום טו איך בעטן אז דער זכות פון די אבות זאל מיר בייא שטיין פר דעם יום הדין און איך בעט דיך הער פון דער גאנצר וועלט אז דו זאלסט עפענען דיא טויערן פון דעם הימיל אזו ווי דו האסט גיעפינט אז די ישראל זיינען גשטאנען אויף דעם בארג סני און האבן מקבל גווען די תורה האסטו געפונט אלע הימלן מען זאל זעהן אז דו ביסט איין יחיד אין אלע עולמות אזו בעט איך דיך אז דו זאלסט זיי עפענען צו מיין תפלה

רבונו של עולם אזו ווי דו האסט אן גנומען די טרערן פון דיא היילגע מלאכים בשעת אז אברהם האט זיין ליבען זאן יצחק גיוואלט ברייננן צו דער עקידה זיינען די טרערן גיפאלן אויף דעם מעסר און אברהם האט אים דרום ניט גיקאנט שעכטן און דורך דם וואס זייערע טרערן זיינן אראפ גפאלן זאלן אונזערע טרערן ארויף קומן פר דיר צו דעם נייעם יאר און אויך אזו ווי בשעת אסתר איז גינאנגן צום מלך אחשורות צוא בעטן פאר דיין פאלק ישראל האסטו מיט איר גשיקט איין מלאך און אסתר האט באקומן חן אין

דייַנֶע אויגן אַזוֹ זָאלְסְטוּ לִיבֶּער גָאט בַּיי אוּנְזֶר מִשְׁפָּט שִׁיקְן אָזֶעלְבֶּע מַלְאָכִים זיי זָאלְעֶן מַאכְן טְרֵיפִין אויף אוּנְז חֵן וְחֶסֶד אִין דייַנֶע הֵיילִיגֶע אויגְן אוּן אִיךְ בִּין פַאר זִיכֶערְט אִין דייַן גְרוֹיס גִינָאד אַז דוּא וֶועסְט מִיר בְּוַדַאי הֶעלְפְן דֶען עֶס אִיז נִיטָא קֵיין שׁוּם צַדִיק אויף דֶער וֶועלְט אַז עֶר זָאל נִיט זִינְדִיגְן אוּן אִיךְ אָרוּם מֶענְשׁ אִיךְ קֶען מִיךְ נִיט מַאכְן פַאר קֵיין רָשָׁע חַס וְשָׁלוֹם אַז אִיךְ זָאל זָאגְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין חַס וְשָׁלוֹם צוּ מִיר קֵיין הִילְף נִיט דָא דֶען מִיר ווייסְן אוּן גְלוֹיבֶּען אַז הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ הָאט גִיוואוּסְט בְּשָׁעַת אַז עֶר הָאט דִיאַ וֶועלְט בַּשַׁאפְן אַלֶע דוֹרוֹת וָואס וֶועט זַיין בִּיז לֶעָתִיד לָבֹא אוּן וֶועלְכֶן מֶענְשְׁן עֶר הָאט גִזֶעהְן אַז עֶר וֶועט נוּצְן הָאט עֶר אִים בַּאשַׁאפְן אוּן דֶעם מֶענְשְׁן וָואס עֶס וֶועט פוּן אִים גָאר קֵיין נוּץ נִיט זַיין הָאט עֶר אִים נִיט בַּשַׁאפְן דְרוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ לִיבֶּער גָאט דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶר בַּארֶעמֶן אִיבֶּער מִיר צוּ דֶעם נַייעֶם יָאר דֶען דוּ בִּיסְט אוּנְזֶר דֶר בַּארְמִיגֶר גָאט אוּן מִיר זַיינֶען דַיין לִיבּ פָאלְק אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט גְשְׁרִיבֶּן וֶוער אִיז אַזוֹ וִוי דַיין לִיבּ פֶאלְק אוּן דוּא בִּיסְט אוּנְזֶער גָאט דְרוּם לִיבֶּער גָאט דוּא זָאלְסְט אוּנְז אַלֵיין מִשְׁפְּטִין דֶען צוּ דִיר אִיז שׁוֹין דוּא זָאלְסְט מִשְׁפֶּטִין דַיין פָאלְק אַזוֹי וֶועט אויף אוּנְז מְקוּיָם וֶוערִין דֶער פָּסוּק גָאט וֶועט טָאהְן אַצֵייכִין צוּ גוּטִין דֶען דוּא גָאט בִּיסְט אוּנְזֶר גָאט אוּן אוּנְזֶר טְרֵייסְטֶר אוּן דוּא זָאלְסְט אוּנְז שִׁיקְן אוּנְזֶער גוֹאֵל צֶדֶק הַיינְטִיגֶעס יָאהר אָמֵן סֶלָה :

שְׁמַע הֶער צוּ לִיבֶּער גָאט מַיין תְּפִלָּה וָואס אִיז מִיט אַצוּרִיסְן גֶעמִיט גְלַייךְ וִוי אִיךְ וָואלְט גִיבְּרַאכְט אַקָרְבָּן עוֹלָה אַזוֹ וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט אֵיין צוֹא בְּרָאכְן הַארְץ אוּן אֵיין צוּ שְׁטוּיסְן גִימִיט אִיז גְלַייךְ וִויא אַקָרְבָּן צוּ גָאט דְרוּם זָאלְסְטוּ נִיט פַר שֶׁעמֶן מַיין צוּ בְּרָאכְן הַארְץ אוּן דִי זָאג פוּן מַיין שְׁטַאמִילְדִיגְן צוּנְג זָאל פַאר דִיר גְלַייךְ זַיין וִויא אִיךְ הָאבּ דִיר גִיבְּרַאכְט אַפֵייעֶר אָפְּפֶר אוּן עֶס זָאל אָן גִינוּמֶן וֶוערִין פַר דַיין כִּסֵא הַכָּבוֹד אַז דוּא זָאלְסְט זִיךְ אִיבֶּער אוּנְז מְרַחֵם זַיין אוּן זָאלְסְט מִיר חַס וְשָׁלוֹם נִיט פַאר דַארְבֶּען הָאטְשֶׁע מַיינֶע זִינְד זַיינֶען גְרוֹיס דֶען אַלֶע מֶענְשִׁין לֶעבְּן נָאר מִיט דַיין גִינָאד דֶען מִחֲמַת דַיין דֶער בַּארִימְקַייט טוּסְטוּ חֶסֶד חִנָם · אַלְמַאכְטִיגֶר גָאט לָאז מִיךְ מִיט אַלֶע מַיינֶע פְרַיינְד לֶעבְּן אוּן זָאל זַיין אָן זִינְד אוּן אָן שַׁאנְד אוּן דוּא זָאלְסְט דִיךְ אַלְץ אִיבֶּר אוּנְז דֶר בַּארֶעמֶן מִיט דַיין גְרוֹיס דֶער בַּארֶעמְקַייט אַזוֹ וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט אִיז אֵיין דֶער בַּארֶעמִיגֶר אִיבֶּר אַלֶע זַיינֶע בַּאשֶׁעפֶענִשׁ אוּן מִיר זַיינֶען דָאךְ דַיינֶע קִינְדֶער דְרוּם לִיבֶּר גָאט דֶער בַּארֶעם דִיךְ אִיבֶּער אוּנְז פוּן דַיין לִיבְּן כָּבוֹד וֶועגְן מִיר זָאלְן נִיט נִידֶערִיג זַיין בַּייא אַלֶע לַייט אָמֵן :

אָנָא יְיָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אִיךְ בֶּעט דִיךְ אַלְמֶאכְטִיגֶר גָאט אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אִיבֶּער מִיר מְרַחֵם זַיין אֵל מָלֵא רַחֲמִים דוּא בִּיסְט דָאךְ פוּל מִיט רַחֲמִים דֶער

בארעם דיך איבער מיר ליבער גאט אז מיינע קינדער און קינדס קינדער זאלן נים שטארבן פאר מיין לעבן · שטראף מיך ניט ליבער גאט דוא ביסט דאך איין דער בארימהערציגער גאט און דו האסט אן געשריבן אין דיין היילינגער תורה ווען איינער געפינט איין נעסט מיט פייגעלאך זאל ער די מוטר אוועק שיקען און די קינדער צו נעמען האטשע אז די פייגלאך ווערן דר וואקסן קענען זייא נים זייער פאטר און מוטר און די פאטר און מוטר קענן זיי ניט פון דעסט וועגין האסטו פארט גוזר גיוועזן מען זאל ניט נעמן די קינדער פר די מוטר אין די אויגן מכל שכן מיר האבן גרוים מיה איי מיר דר ציהן אונזרע קינדער דורך דיין גנאד נהערסטו בנבאי אונז העלפען מיר זאלען זיי דער ציהען און אויך זייערע קינדער דר ציהן צו גאטס דינסט און עס זאל אן אונז מקוים ווערן דר פסוק עטרת זקנים בני בנים ותפארת בנים אבותם דאס איז טייטש איין קרוין איז צו די עלטערן פון זייערע קינדס קינדער און דאס שיינקייט פון די קינדער איז אכבוד צו זייערע עלטערן און ווען איך האב דאס ביא דיין

ליבן נאמען ניט פאר דינט בעט איך דיך איין מתנת חנם :

אב הרחמן פאטר דער בארמיגער גיב מיר מיט מיין מאן און מיט מיינע קינדער פרנסה פון דיין האנד און ניט פון קיין מענשן דען די גאב פון אמענשן איז גישט קען דען אמענש געבן וואס דער אנדערער באדארף און ווען ער גיט שוין עפיס ניט ער אים ניט אין דער צייט אבר דו ליבער גאט דוא ווייסט איטליכין מענשינס בדערפענעס אין איטליכע רגע וואס ער בדארף דרום רבונו של עולם זאלסטו אונז שפייזין פון דיין היילינגער האנט אמן · רחום צדיק דער בארעמיגער גאט רעכט פארטיגער לאז מיר אזוי גוט זיין פאר דיר גאט אזו ווי אקליין ווערעמיל וואס ווערט גישפייזט דורך דיין האנט אזו ווי עס שטייט אין פסוק פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון דאס איז טייטש דו עפינסט דיין האנט און מאכסט זעטן אלע באשעפעניש אויף דר וועלט דורך דיין גוטס · פאר לאז מיך ניט דו פאטר פון דר גאנצער וועלט איך זאל דיך קענן דינן ביז מיין רעכטע צייט וועט קומן צו שטארבען דען דער נאך וועל איך דיך שוין ניט קענען דינען דרום אלמעכטיגער גאט זאלסט מיך ניט פר לאזן גאר די צייט פון מיין לעבן און מיינע גלידר זאלן ניט פאר שלאפען כדי איך זאל דיך קענן דינן אזו ווי עס געהער צוא זיין און אז איך וועל באדרפין שטארבן זאל איך שטארבן פון דיין ריינע האנט און מיין מיתה זאל זיין איין כפרה אויף מיינע זינד עס זאל זיין באוויליגט די זאגן פון מיין מויל און די גערעאנקען פון מיין הארצין פאר דיר גאט מיין

באשעפער און דער לייזער ביז אייביג אמן סלה :

יהי רצון מלפניך עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט מיין גאט און גאט פון

מיינע עלטערן אז עס זאהל זיין דיא היינטיגע צייט וואס איך שטייא
פאר דיר צו בעטין אויף מיר און אויף מיין מאן און קינדער און אויף כל
ישראל זאל זיין איין דער בארעמיגר צייט אז דו זאלסט אונז באהיטן פאר
אלע קריינק און פר אלע שפלות און פר שעמונג אז מיר זאלן ניט פאר
שעמט ווערן ווייגן אונזערע זינד און מיר זאלן ניט פר שעמט ווערן וועגן
גרוים עניות · ליבר גאט זאלסט אונז שיקען דעם גואל צדק אמן :
ליבער הער גאט תאטשע די וועלט איז אקליינע וועלט אבער אז מען האט
ניט קיין נוטס אויף דער וועלט קען מען יענע וועלט אויך ניט האבען
דרום בעט איך דיך ליבער גאט אז דו זאלסט מיין תפלה ניט פאר שעמען
און זאלסט מיר דער פרייען מיין הארץ דען מיינע וואונדין זיינען אזויא גרוים
אז איך קען זיי גאר ניט ארוים רידין · זאל איך זיי זאגין פר איין מענשן וואס
קאן ער מיר העלפין ווען ער וועט שוין אפילו אויף מיר רחמנות האבן און
בפרט טאמער איז ער מיר גאר אשונא וועט ער זיך נאך פרייען אויף מיין
צער · אוי איז צו מיר פר וועמען זאל איך קלאגין מער ווי פר דיר · ליבער
גאט איך בעט דיך דו זאלסט מיינע פיינד ניט דר פרייען וואס זייא שטייען
אויף אויף מיר דוא ביסט דאך איין שטארקר גאט דרום זעה וואסערע יסורים
איך טראג אויף מיין הארץ און שטראף מיינע שונאים וואס ווילין אויף מיר
שלעכין זעהן דוא זאלסט מיר גידיינקען דעם זכות פון דיא אמהות אז איך
זאל שוין מער קיין צער ניט האבין ביא מיינע קינדר און ביי אלע מיינע
נוטע פריינד · און מיר זאלן גישפייזט ווערין פון דיין הילף בכבוד און מיר
זאלין צו קיינם ניט באדארפין · ליבער גאט לאז אונז געניסין דעם זכות פון
אונזער מוטר חנה אז זיא איז גיגאנגין אין משכן אריין תפלה צו טאן און דר
נביא עלי הכהן איז דארט גיוועזן האט זיא נאר גירירט מיט דיא לעפצן און
איר קול האט מען ניט גיהערט אזו האט דר נביא צו איר גיזאגט גייא ארוים
דו פאר טרונקענע פרויא וואס האסטו צו טאן אין בית המקדש האט זיא
גיענטפערט ניין מיין הער נאר איך בין איין אשה וואס איך האב איין שווער
גימיט אזו האט ער פר איר גיבעטין האסטו איר גיהאלפין אזוי זאלסטו מיר
ליבער גאט אויך ענטפערן · ליבר גאט שטראף מיך ניט ווען איך האב שוין
אפילו גיזינדיגט בעט איך דיך ליבר גאט און דער בארעמיגר גאט גיי מיט
מיר מיט מדת הרחמים און ניט מיט מדת הדין אזוי ווי יעקב אבינו ע"ה
האט דיך גבעטין ווען זיינע קינדר וועלן חס ושלום שולדיג זיין זאלסטו זיי
גדיינקען וואסערע צרות ער האט פר זיי געליטן איידר ער האט זיי אויף
גיצויגן אזו בעט איך דיך אויך אז איך זאל חס ושלום קיין צער ניט זעהן
אין מיינע קינדער · און איך ווייס וואל אז איך בעט דיך צו פיל איך בין

כנבאי ניט ווערט צו שטיין אפילו פאר דיר נאר ווייל דו באנערקסט אז דער מענש זאל דיך בעטן און דוא דער בארעמסט זיך איבר אים · דרום בעט איך דיך גאט אז דוא זאלסט מיך ניט אוועק ווארפען אויף מיין עלטער ווען מיין כח גייט אוים · ליבער גאט לאז מיך ניט פאלען אין דער האנט פון איין מענשען דען עס איז קיין גרעסערער צער ניט דא וויא איין מענטש באדארף צום אנדערין דרום בעט איך דיך אז דוא זאלסט מיך היטען דער פאר און זאלסט מיר געבין חן אין ביינע אויגין און אין דיא אויגין פון לייטן מיר מיט מיין מאן און מיינע קינדער צו לעבין אין עושר און אונזערע קינדער און קינדס קינדער זאלין עוסק זיין בתורה טאג און נאכט און מיר זאלען אוים פירען דיא וועלט מיט כבוד און ווען עס וועט קומען מיין לעצטע צייט זאל קיין שטן קיין מאכט ניט האבען איבער מיין נשמה און דוא זאלסט מיר שיקען מלאכי רחמים און מיין חלק זאל זיין מיט דיא נשים צדקניות אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט · ליבר גאט פאר שעם מיך ניט ווען איך טוא פאר דיר בעטין וואס קען איך פאר אמענשען ניט אוים ריידן זאג איך פאר דיר מיין שווער געמיט ווארום דו ביסט איין שטארקער און איין דר בארעמיגר גאט דוא נעמסט אן אלע געבעט · איך בעט דיך ליבער גאט דער ווייטער דיך ניט פון מיר · ווען עס וועט אויף מיר חס ושלום זיין איין צרה און איך וועל דיך רופין זאלסטו מיר ענטפערין און מיינע נוטע פריינד זאלן זיך פרייען ווען זיי וועלן זעהן אויף מיר פיל נוטס · און מיר זאלען האבען פיל נוטס אמן סלה :

תחנה לראש חודש אלול ולראש השנה

דיא שיינע תחנה זאל מען זאגן ראש חודש אלול אלע טאג ווען מען הערט שופר בלאזין בשבת אום ראש השנה מיט גרוים כוונה :

אל מלך יושב על כסא רחמים ... דוא ביסט אזא האפטיגער גירעכטער גאט דוא ביסט גירעכט און דיין משפט איז גרעכט און דו ביסט בן אלע באשעפינש מיט ווארהייט און מיט גירעכטיקייט · מה נאמר ומה נדבר וואס זאלין מיר ריידן אדער וואס זאלן מיר שרייבן דער מנהג איז צווישן אונז ישראל דאס מען אן פאנגט דרייסיג טעג פאר ראש השנה שופר צו בלאזין אום וועגין צו דער וועקן די לייט צו דר תשובה דרום דארף יעדר מענש ציטערן און דר שרעקין זיך ווען ער הערט שופר בלאזין און זאל זיך שטעלן מיט גרוים פארכט און אנגסט און ציטערניש און גידענקט פר הקב"ה קעגין דעם יום הדין הגדול והנורא :

רבש"ע דו הער פון דר גאנצר וועלט דא בין איך גיקומן צו פאר דיר מיט איין צו בראכן הארץ און מיט אשווערן גימיט צו בעטן פון דיין הייליגן

שערקטיגין נאמען אמחילה סליחה כפרה אויף מיינע עבירות די איך גיטאן האב אין מיינע טעג מיינס לעבין עס זייא דיא עבירות וואס בשוגג אדער במזיד עס זייא בדבור אדער במחשבה אדער במעשה בעט איך דיך דוא אלמעכטיגער גאט דו זאלסט דאך אן זעהן מיין צער פון מיין הארצן וואס איך האב פון מיינע עבירות וועגין דו זאלסט מיר מוחל זיין אמחילה גמורה אויף אלע מיינע חטאים וואס איך האב גיטאן דען ווען דו ווילסט מיר חס ושלום נית מוחל זיין צוא וועסען זאל איך מיך קערין אדער ווענדין דרום בארמהארציגר גאט פון דר גאנצר וועלט דו האסט דאך ליב דעם מענשין ווען ער בארייאט און האט תשובה אויף זיינע עבירות און וויל זיי ניטער טאן און בעט דיר מיט גאנצין הארצן אוי לי ני לי ווייי צוא מיר וואס איך האב גיטאן מעשים רעים ווי האב איך מיין נשמה באשמירט און באזילפערט דיא דא אחער קומט פון אהיילינגן ארט הש״י האט מיר זיא גיגעבין דאס איך זאל זי היילינגן און ריין האלטין אז איין אבן טוב. וואס וועל איך טאן און וואס וועל איך אן הייבין אדר וועם וועל איך ענטפערין ווען הש״י וועט מיך פארערין און וועל מוזין חשבון געבן פר זיין היילינגן כסא הכבוד דרום בעט איך דיך דו ליבר בארעמהארציגר גאט אז דו זאלסט דיך דר בארימען איבר מיר ארימען זינדיגן מענטשין און דוא זאלסט מיר גידיינקן מיינע זכיות און זאלסט הערין מיין תפלה וואס איך טו פר דיר איצונדרט מתפלל זיין און געם פר דיר מיינע טרעריזן דען ווען שוין אלע טויערן זיינן צו גישלאסן אבר די טויערן פון טרערן זיינן דאך ניט פר שלאסן און דו זאלסט דאך אן זעהן מיין צער פון מיין הארצן און טוא דיך מרחם זיין איבער מיין גוף און נשמה און זאלסט מיר מוחל זיין אמחילה גמורה און זאלסט מיך מיט מיין מאן און קינדר אן שרייבין דו ליבר גאט צוא אשנה טובה לחיים ולשלום לששון ולשמחה גאולה שלמה למצוה ולצדקה און זאלסט אויף אונז גוזר זיין גזירות טובות ישועות ונחמות און דוא זאלסט מבטל זיין אלע גזירות רעות פון מיר און פון מיין מאן און קינדער און מיינע קינדס קינדער און פון אלע דיא מיר ליב זיינען און פון כל ישראל אמן סלה:

דיא תחנה זאל מען זאגין אום ראש חודש אלול און אויף מאנטיג און דאנערשטיג ווען מען זאגט סליחות בפרט אום ראש השנה און אום יום כפור:

ה׳ ה׳ דו ביסט איין בארעמהארציגער גאט און דער בארימסט דיך איבער אלע מענשין האטשע ער זינדיגט און דו ביסט איין בארעמהארציגער גאט און דער בארימסט דיך איבר דעם מענטשין וואס ער האט גיזינדיגט און ביסט אים מוחל דורך תשובה:

אל דו ביסט איינעדיגער גאט דו ביסט גינעדיג און בארמהארציג צו דעם

וואס דיך מיטין גאנצן הארצן רופט אן אזוי דר בארימסטו דיך איבר אים·
רחום און דו ביסט איין בארמהארציגר גאט און דער בארימסט דיך איבער
דעם מענטשין וואס טוט דיך בעטין אז דו זאלסט זיך איבר אים דער בארימן
און זאלסט איהם טאהן אום זונסט חסד חנם ווען ער טוט דיך בעטין מיטין
גאנצין הארצן אזוי דר בארימסטו דיך איבער אים און ביסט אים מוחל זיינע
עבירות· וחנון און דו ביסט איין לייט זעליגער גאט דו טוסט לייטזעליגען צו
דעם דער דא קומט מיט תפלה צו דיר אזו דער בארימסטו אים· ארך אפים
דו דער לייגערסט דיין גרים צארין און דו ביסט ניט גיך צו דר צערנן אפילו
צו דעם רשע· אייקסט ניט צו צאלין דעם מענשין נאך זיינע מעשים רעים
נאך נייערט דו טוסט אים ווארטין טאמער וועט ער תשובה טאן· ורב חסד
און דו טוסט פיעל גינאד צו די לייט וואס האבין קיין זכות ניט· ואמת און
דוא ביסט איין ווארהאפטיגער גאט דוא שטראפסט דעם מענטשין אויף זיין
זינד אבער דער נאך ווערסטו אים געבן איין גוטין שכר לעולם הבא אויף דעם
גוטס וואס ער האט גיטאן אויף דר וועלט· נוצר חסד לאלפים דו גידיינקסט
דאס גוטס וואס דר צדיק האט גיטאן אויף דר וועלט ביז זיין טויזנט גיבורט·
נושא עון דו פאר טראגסט די זינד צום מענטשין וואס ער האט גיזינדגט· אז
ער טוט תשובה פאר גיבסטו אים· ופשע אזו איין עבירה וואס דער מענטש
טוט אום גערין און ער טוט תשובה פאר גיבסטו אים די זינד תיכף· וחטאה
אפילו די עבירות וואס דר מענטש קען זיך היטן פר ניי סיי מיט הערין אדער
מיט זעהן אדר מיט רייד· ונקה און דו ריינגסט דעם מענטשין פון זיין זינד·
ווען ער טוט תשובה מיט זיין גאנצין הארצן ווערט פון די עבירות זכיות:
רבונו של עולם הער פון דר גאנצר וועלט דו זאלסט דר הערן מיין בקשה צו
גוטן און דו זאלסט מיר און מיין מאן און מיינע קינדער פאר געבין אלע
זינד וואס מיר האבין גיטאן און מיר האבין גיזינדיגט און גישולדיגט און
גימיסטייט קעגן דיין היילגן נאמן און דו זאלסט אונז נידיינקן איצונד צו דם
יום הדין צו גוטן צו איין כתיבה וחתימה טובה און צו העלפן אונז מיט דער
בארימהקייט און זאלסט מיך מיט מיין מאן און מיינע קינדר גידיינקן איצונד
צו לאנג לעבן מיט גיזונד און מיט שלום און זאלסט אונז געבין איין גרינגע
פרנסה דען איצונד איז ליבר גאט די צייט וואס דו צייכנסט אן דעם מענשין
פרנסה אויף דעם גאנצן יאר דרום בעט איך דיך דו אלמעכטיגר גאט זאלסט
אונז טאן לפנים משורת הדין דוא זאלסט אונז אן שרייבין צוא איין גרינגע
פרנסה ובכבוד עם זאל ניט זיין מיט בזיון חס ושלום נאר מיט כבוד און
מיט היתר ניט מיט איסור חס ושלום דען דו ביסט דער הער פון דר גאנצער
וועלט דער וואס שפייזט אלע באשעפינש פון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטין

רען די אויגן פון אלע בשעפניש פון דר גאנצר וועלט טוען האפן צו דיר ליבר גאט און דו אלמעכטיגר גאט גיסט איטליכן זיין בדערפניש און עסין שפייז אין זיין צייט און דוא זאלסט אונז אן שרייבין צו איין גוט לעבין דאס מיר זאלין רעכט האלטן דיינע ליבע הייליגע תורה און מצות און דו זאלסט אונז געבן שכל און חכמה דאס מיר זאלן פאר שטיין דיין היילינע תורה און מצות און זאלסט שיקן ארפואה שלימה צו אונזר ווייטאג דאס מיר זאלן באלד דער לייזט ווערין פון אונזער איינגשאפט און גיב אונז ברכה והצלחה אין אלע אונזרע עסקים און אין אלע אונזרע משא ומתן וואס מיר טוען און דו זאלסט געבן אין די הערצער פון די מלכים און זייערע יועצים אויף אונז צו גוטן און עס זאל זיין דר ווילן פון דיר אלמעכטיגר גאט אז די רייד און די זאג פון מיין מויל און די גדאנקן פון מיין הארצן זאלן זיין בווילינט פאר דיר דען דוא ביסט מיין באשעפער און מיין דער לייזער אמן כן יהי רצון:

דער נאך זאגט מען ואני תפלתי דרייא מאהל:

תחנה שערי שלוב

דיא נייע תחנה זאגט מען ווען דער חזן זאגט ברכת כהנים:

רבונו של עולם מיר בעטין דיך לייט זעליג אונז בזכות אברהם אבינו אויך האבין מיר צו געניסען דעם זכות פון די עקידה פון יצחק. שפייז און קלייד אונז בזכות יעקב וועלכער האט גיבעטין לחם לאכול ובגד ללבוש. ליבר גאט לאז אונז בייא שטיין דער זכות פון שרה רבקה רחל ולאה. און שיק אונז אלע הייליגע מלאכים די זאלין אונז באהיטן פר אלם בייזן. און גיב מיר מיט מיין מאן און קינדר איין גוטן מזל און פרנסה און גיזונד. אדיר במרום שוכן בגבורה דו אלמאכטיגר גאט וואס רוהט אין הימעל אתה שלום ושמך שלום דוא און דיין נאמען איז איטיל שלום יהי רצון שתשים עלינו ועל כל עמך בית ישראל חיים וברכה למשמרת שלום דאס דוא זאלסט אונז כל ישראל געבין גוטע פרנסה און גיזונדהייט מיט לוטער שלום:

ליבר גאט איך האב חרטה אויף מיינע זינד דאס איך האב גיזינדיגט פר דיר איצונד קום איך און פאל פאר דיר וויא איין קנעכט פר זיין הערין און ווי איין דינסט מויד פאר איר ווירטין אזו טו איך מיינע אויגין צו דיר און שרייא אויף מיין הארץ און מיין אטום קלאפט אין מיר פאר מורה דרום בעט איך ליבער פאטר זיי זיך מרחם איבר אונז זיי אונז מוחל אונזרע זינד און טוא אפ דיין צארין פון מיר און גייא מיט מיר במדת החסד ורחמים וויא דיין מדה איז איטיל חן וחסד און באהיט מיך פאר זינד. וויא עס שטייט גישריבן נאך אונזער עידער קערין וועסטו אונז דער בארימען:

דעם מזמור זאגט מען ביידע טעג ראש השנה נאך מעריב :

לדוד מזמור צו גאט איז די ערד איר דער פילונג די גאנצע וועלט און די וואס זיצין אין איר : כי הוא דען ער ביא ימים האט ער גינרונד פעסט זיא . געבן ארץ ישראל איז פר האנגן פיל ימים און זיא שטייט אויף דעם וואסר: מי יעלה ווער איז ראוי צו גיין אויף גאטס בארג דאס בית המקדש און ווער גיהער צו שטיין אויף זיין היילגין ארט : נקי כפים ווער עס האט ריינע הענט פון גזל און האט אקלאר הארץ וואס ער האט ניט גישווארין פאלש : ישא דער וועט פון גאט ב"ה אויף הייבן צבענטשונג און וועט האבין גינאד פון גאט זיין העלפער : זה דור דאס מיינט מען דעם דור וואס פארשטן אים וואס זיי באגערן צו שטיין פאר דיר : שאו שערים ווערט דער הייבן אייער הויבט טויערין וואס זיינן איביג און עס וועט קומן דר מלך וואס גאר דר כבוד גיהער צוא אים : מי זה ווער איז דאס דר מלך הכבוד . דער שטארקר גאט דר וואס שטארקט מלחמה : שאו שערים הויבט אייך אויף אייער הויפט טויערן זיינן איביג היילג וואר . עס וועט אריין קומען דער מלך וואס צו אים גהער דער כבוד: מי הוא זה ווער איז דער מלך הכבוד . גאט וואס הערשט אויבין און אונטין איז ער דער מלך הכבוד אויף איביג :

דעם שיר המעלות זאגט מען ימים נוראים נאך ישתבח :

שיר המעלות ממעמקים פון דעם טיפן הארצין האב איך דיך גאט גירופין: אדני שמעה בקולי הער צוא גאט מיין קול פון מיין גיבעט : אם עונות אויב דו גאט וועסט היטן מיינע עבירות און וועסט מיך שטראפין אויף זייא ווער וועט דען קאנן בשטיין דרויף : כי עמך הסליחה ווארום ביי דיר אין דיא הענט איז מוחל צו זיין עבירות כדי אז מיזאל מורא האבן פאר דיר : קויתי יי איך טוא האפען צוא גאט וואס ער האט מיר מבטיח גיוועזן : נפשי לאדני מיין לייב טוט האפן צו גאט מער איידער די היטער ביי דער נאכט האפן עס זאל טאג ווערן : יחל ישראל איר יודן טוט האפין צוא גאט ווארום מיט גאט איז דר חסד און פיל מאל האט ער אייך שוין אוים גילייזט : והוא יפדה ווארום גאט וועט אוים לייזן דיא ישראל פון אלע זייערע עבירות :

אום ר"ה ויו"כ צוא מוסף אז דער חזן האלט וכתוב זאגט מען דאס :

אבינו אונזער פאטער גידיינק דיין דער בארימקייט און באצווינג דיין צארן און פאר לענגר מארד און שווערד און הונגער און גיפיינקניש און פאר דארבונג און מגפה און בייזע באגעגניש און אלע קראנקהייטין און אלע שטרויכלונג אלע בייזע גזירות און אומזיסטע פיינדשאפט פון אונז און פון אלע דיינע קינדער דיין ישראל :

תחנה להזכרת נשמות

איין נייע תחנה וואס מען זאל זאגן פאר הזכרת נשמות :

רבונו של עולם הער פון דר וועלט וואס דו ביסט דר באשעפר פון מענשן און
האסט אים בשאפן אגוף מיט א נשמה · דר גוף איז עפר מן האדמה שטויב פון
דר ערד און די נשמה איז גינומן גווארין פון אונטר דיין היילגן כסא הכבוד ·
און ווען דער מענש שטארבט שיידען זייא זיך פערנאנדער יעדער גייט
אוועק צו זיין ארט · דעם גוף לייגט מען אריין אין קבר און ער ווערט
פאר פוילט און ווערט אום גיקערט צו דער ערד · און דיא היילגע נשמה
פליט אוועק צוריק צו איר היילגן רוהונג צו איר היילגן וואונונג פון וואנען זיא
איז גינומען גיווארין · אשרי האיש וואל און גוט איז צו יענעם וועלכער ער
האט גוטס גיטאן אין דיא צייט פון זיין לעבין אויף דער וועלט ער האט
פאריכט וואס ער האט באדארפט ער האט ערפילט וואס דו האסט גיבאטין
אין דיין היילגע תורה און האט גיטאן דיינע מצות ער איז גיוועזן פרום צו
גאט און גוט צו לייטין · יענע נשמה קומט גלייך נאך דעם טויט צו איר ערשטין
ארט עס איז איר די וועג ניט פארשטעלט און ניט פערצוימט און זיא ווערט
ניט אבגיהאלטין און גרייכט גוטער און קלאר צו דעם ארט וואס איר גיצעלט
איז גיוועזן פריער · דען דוא שיקסט דיינע היילגע מלאכים זיי זאלין יענע
נשמה צו נעמען און ברייגגן גלייך צו דיר און דו פרייסט דיך מיט איר וויא
א פאטער וואס האט באקומען צו זעהן זיין טייער קינד וואס האט אים אלאנגע
צייט ניט גיזעהן · וואול און גוט איז יענע נשמה · צו איר תענוג און צו איר
פערגעניגן איז גאר קיין גלייכין ניטא · אבער עס שטייט דאך אין פסוק כי
אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא איז טייטש עס איז גאר
אונמעגליך צו א מענש זאל טאן גאר גוטס און קיין מאל ניט זינדיגין · און
דיא זינד מאכין נאך דעם טויט איין אייזערנע וואנד און איין צוים פאר די
נשמה זיי פארשטעלין איר וועג און זיא קען ניט ארויף גיין צו איר רוהע ·
און אנדערע מענשן ווערין אבגינומען פון דער וועלט אין די יונגע יארין
און אויב זיי האלטין אים לעבין גיוועזע יארין וואלטין זיי אפשר פעריכטן
וואס זייא האבין קילע גימאכט אבער וויל זיי גייען אוועק פון דער וועלט
פאר דער צייט אדער זיי האבין נאך ניט פעריכט וואס זיי האבין באדארפט
פעריכטען · דורך דעם קענען זייערע נשמות ניט גרייכן צוריק צוקומען
צוא זייער ערשטען היילגען ארט און האבען קיין מנוחה ניט · אבער
דוא ביסט א גאט פון חסד און פון רחמים · דוא ערוועקסט דיינע רחמנות
פיל מאהל אין יאר · יום כפור · שמיני עצרת · פסח · שבועות צו דיינגן
און צוא דער מאנען דיא נשמות און מעלה זיין עס זאהל חלילה פון זייא
קיינר ניט פערשטויסין ווערין און פארפאלין ווערין אין קדום · אין דיינע פיר

צייטן

צייטן איז דיינע ערבארימקייט גרוים צוא ברייגען יענע נשמות צוא זייער
היילגע רוהע צו דער הייבן זיי און דער הויכן זיי און זעצין זיי צווישען
דיא היילגע נשמות פון אלע צדיקים קדושים וטהורים :

על כן דרום קומן מיר איצט אין איינע פון יענע פיר צייטן צו פר דיר גאט ב״ה
מיט צו בראכענע הערצער מיט הייסע טרערין מיר וויינען און בעטין פון
דיר אדון הנשמות העך פון אלע נשמות דו זאלסט צונעמן אונזר דאזיגע תפלה:
יהי רצון מלפניך. עס זאל זיין דר ווילין פון דיר גאט ב״ה דו זאלסט עפענען
די טויערן פון רחמים און זאלסט ערוועקן היינטיגן טאג דיינע ערבארמקייט
אויף די היילגע נשמות דו זאלסט זיי דיזן טאג דרמאנען און דיינקען צו מעלה
זיין זיא צו דער הויבין און צו דער הויכין זיי · צו געבן זיי מנוחה צווישין די
היילגע נשמות פון צדיקים און צדקניות · בזכות די תפלות וואס מיר זיינען
מתפלל בזכות די היילגע תורה וואס מען האט גילייענט ובזכות די צדקה
וואס מיר זיינען מתנדב · זעה און פאר נעם דיא גיוויינען און די טרערין וואס
ווערין היינטיגן טאג פר גאסין אין אלע שולין און בתי מדרשים · און פאר
נעם מיינע טרערען אויך האטשי איך בין ניט ווערט · נאר בזכות תפלת
רבים זאלסטו מיין גיוויין אויך הערין · דוא זאלסט געבען רוהונג צוא אלע
היילגע נשמות און צו די היילגע נשמה פון מיין (פלוני) וואס האט גהייסן
מיטן נאמן (פלוני) · מיינע זינד און מיינע בייזע מעשים זאלסטו איצט ניט
דער מאנען איך זאל ניט גורם זיין חלילה מיט מיינע שלעכטע מעשים צוא
ערוועקן דעם מדת הדין אויף די נשמות פון מיינע עלטערין וואס האבן מיר
גיבראכט אויף דער וועלט · מיינע זינד זאלין ניט זיין אמחיצה פאר זייערע
נשמות הקדושות זיי זאלין ניט קומען חלילה צוא זייערע היילגע מדרגות ·
נייערט אונזערע גוטע מעשים זאלסטו אויף זייא דער וועקין · דעם זכות פון
אונזערע מצות און דעם זכות פון אונזער צדקה וואס מיר זאגן צו צוגעבן · און
בפרט דר זכות פון אונזערע קליינע קינדר זאל דער וועקט ווערין אויף דיא
היילגע נשמות פון אונזערע עלטערין וואס האבין אונז גיבראכט אויף דער
וועלט · אז זייערע נשמות זאלן דר הויכט און דר הויבין ווערין · און בפרט
זאלסטו גאט ברוך הוא דר הויבין און אויף ברייגען אויף אהויכע מדרגה די
נשמה פון מיין (פלוני) און דו זאלסט צו נעמן מיין גיבעט ברחמים אמן :

ואתנה נשמות הקדושות און איר היילגע נשמות וואס מיר בעטין און מיר
זיינען מתפלל פון אייערט וועגן צו דר מאנן אייך · בעטן מיר אייך איר
זאלט אייך אויך דר מאנן אויף אונז · איר זאלט אייך אן אונז אויך ניט פאר
געסן וויא מיר פאר געסן זיך ניט אן אייך · איר זאלט ניט פאר געסן אייערע
קינדער וואס איר האט גילאזן אויף דער וועלט וואס איר האט זייא אויף

גיהארגעוועט מיט מאטערניש מיט צער מיט גיוויין און מיט טרערין וואס איר האט זייא גימאסטין און גיוואויגן און איר האט פון זייא ניט אראפ גינומען אייערע אויגן. זאלט איר היינט אויך פון אונז ניט אראפ נעמען אייערע אויגין. איר זאלט אייך דר מאנן אויף אונז און אויף אונזערע מאגען און אויף אונזערע קינדער. איר זאלט אייך ערוועקין פון אייער הייכע און היילגע רוהע און איר זאלט זיין פאר אונז גוטע מליצים פאר השם יתברך איר זאלט בעטין פאר אונז דעם אלמעכטיגין גאט ער זאל זיך מיט אונז ניט באגיין חלילה מיט דין אויף צוא זוכין פון אונז זיינע חובות גייערט ער זאל זיך מיט אונז באגיין מיט חסד און ברחמים. ער זאל אונז מוחל זיין אונזערע זינד און אונזערע תפלות זאלין אן גינומען ווערין. ער זאל אונז העלפין אין אונזערע נויטין (יום כפור זאל מען זאגין ער זאל אונז חתמנן צום לעבין) ער זאל אונז דער לייכטערין דיא יארין אונז און אונזערע מאגען און אונזערע קינדער און אונזערע ברידער און שוועסטער און אונזערע קרובים און אלע אונזערע גוטע פריינד. מיר זאלין ניט אפ געריסין ווערין פון דער וועלט אן אצייט. אונזערע קינדער זאלין זיך חלילה ניט הארעוועין ביי אפרעמדע מוטער. און מיר זאלין אויך קיין אלמנות ניט בלייבן און אונזערע קינדער זאלין ניט בלייבין קיין יתומים. אונזר זון זאל ניט פינצטער ווערין אין מיטין טאג. מיר זאלין ניט וויסין פון קיין קלאג און פון קיין בראך. אונזערע קינדער זאלין ביא אונז אויך אין גאנצין זיין עס זאל פון אונזער שטוב קיינער ניט פעלין. און צו אלע אלמנות און יתומים זאל גאט ב"ה זיין אפאטער און אבאשיצער ער זאל היילין אלע צו בראכענע הערצער. ער זאל אונז צו שיקין פרנסה בכבוד און יושר מיר זאלין ניט באדארפין אן רירין אפרעמדין און מיר זאלין ניט קומן צו שאנד וואס דאס איז גלייך וויא גישטארבין. און מיר זאלין זוכה זיין מגדל צוא זיין אונזערע קינדער צו דר היילגע תורה זיי זאלין זיין פרום צו גאט און גוט צו מענטשן. איר היילגע נשמות פאר דעם זכות וואס מיר גיבין צדקה פון אייערט וועגין בעט פאר אונז השם יתברך ער זאל אונז שטארקען אונזערע הערצער צוא גיין אין זיין רעכטין וועג מיר זאלין ניט פערטרונקן ווערין אין די תאוות פון דר וועלט. מיר זאלין ניט פערפירט ווערין פון יצר הרע בזכות אונזערע אבות אברהם יצחק ויעקב און בזכות אונזערע אמהות שרה רבקה רחל ולאה. און בזכות די נשמות פון אלע צדיקים און צדקניות און מיר זלין זוכה זיין צו זעהן בנין בית המקדש און תחית המתים במהרה בימנו אמן:

מען איז זיך נוהג צו דר מאנן די נשמות פון די עלטערין אין שלש רגלים און אום יום כפור און מען זאגט צו צו געבן צדקה וועגין די נשמות:

נאך איין פאטער זאגט מען דאס:

יזכור אלהים נשמת אבא מורי פב"ב שהלך לעולמו בעבור שאני נודר צדקה בעדו ובשכר זה תהא נפשו צרורה בצרור החיים עם נשמות אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן ונאמר אמן:

יזכור דוא ואלסט געדיינקען גאט די נשמה פון מיינעם פאטער ער הייסט מיט זיינעם נאמען (פב"פ) דער דא איז געגאנגען אויף יענער וועלט וואלסטו גידיינקען אים אום ווילען דאס איך בין מנדר צדקה פון זיינעט וועגין און פאר דעם שכר זאל זיין נשמה רוען אין גן עדן מיט די נשמות פון אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה און אנדערע צדיקים און צדקניות דיא זיינען אין גן עדן און מיר וועלין זאגין אמן:

נאך איין מוטער זאגט מען דאס:

יזכור אלהים נשמת אמי מורתי פב"פ שהלכה לעולמה בעבור שאני נודב צדקה בעדה ובשכר זה תהא נפשה צרורה בצרור החיים עם נשמות אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן. ונאמר אמן:

יזכור דו וואלסט גדיינקען גאט די נשמה פון מיין מוטער זיא הייסט מיט איר נאמען (פב"פ) דאס זיא איז געווארען גינומען אויף יענער וועלט וואלסטו גידיינקען אים ווילן דאס איך בין מנדר צדקה פון איר(ע)ט וועגין און פאר דעם שכר זאל איר נשמה רוען אין גן עדן מיט דיא נשמות פון אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה און אנדערע צדיקים און צדקניות דיא זיינען אין גן עדן און מיר וועלען זאגען אמן:

אויף אנדערע קרובים זאגט מען דאס:

יזכור אלהים נשמת אבי ואמי זקני וזקנותי דודי ודודותי אחי ואחיותי בין מצד אבי בין מצד אמי שהלכו לעולמם בעבור שאני נודב צדקה בעדם ובשכר זה תהיינה נפשותם צרורות בצרור החיים עם נשמות אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן ונאמר אמן:

יזכור דו זאלסט גידיינקען דאס די נשמה פון מיין עלטער פאטער און מוטער
ברידער און שוועסטער און פעטערס און מומעס וואס זיינען גיגאנגען
אויף יענער וועלט. אום ווילין דאס איך בין מנדר פון אירענט וועגין
פאר דעם שכר זאלין זייערע נשמות רוען אין גן עדן מיט די נשמות פון
אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה און די אנדערע צדיקים
דיא זיינען אין גן עדן און מיר וועלין זאגין אמן:

יזכור אלהים נשמת פב"פ ונשמת כל קרובי וקרובותי הן מצד אבי והן מצד אמי הן שהומתו הן שנהרגו הן שנשחטו ושנשרפו ושנטבעו ושנחנקו על קדוש השם בעבור שאתן צדקה בעד הזכרת נשמותיהם ובשכר זה תהיינה נפשותיהם צרורות בצרור החיים עם נשמותיהם של אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן ונאמר אמן:

יזכור דו זאלסט גידיינקען דאס די נשמה פון דעם זעלבינין (פב"פ) און דיא
נשמה פון אלע מיינע פריינד און די נשמה פון מיינע פריינדס פריינד
סייא דיא וואס זיינען פון מיין פאטערס קרובים סייא פון מיין מוטערס
קרובים אויך די וואס זיינן גישטארבין אויף זייער בעט און אויך דיא וואס
נים אויף זייער בעט זאלסטו היינט גידיינקען אום ווילין מיין געבין צדקה
וועגין זייערע נשמות צוא גידיינקען און זאלין רוען אין גן עדן מיט דיא
נשמות פון אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה און אנדערע צדיקים
דיא זיינען אין גן עדן און מיר וועלין זאגין אמן:

לזכר אל מלא רחמים שוכן במרומים המצא מנוחה נכונה על כנפי השכינה במעלת קדושים וטהורים כזוהר הרקיע מזהירים את נשמת (אבי מורי) פב"פ שהלך לעולמו בעבור שאני נודר צדקה בעד הזכרת נשמתו. בגן עדן תהא מנוחתו. לכן בעל הרחמים יסתירהו בסתר כנפיו לעולמים ויצרור בצרור החיים את נשמתו ה' הוא נחלתו וינוח על משכבו בשלום ונאמר אמן:

אל מלא רחמים גאט ברוך הוא וואס ער איז פול מיט דער בארימקייט ער רוהט אין היכל מאד גרייכן איין רעכט רואונג אויף דעם בשיצונג פון דר שכינה מיט היליגע און ריינע מעלות אזו וויא דאס לויטערקייט פון הימל זאל לייכטין די נשמה פון מיין פאטער (פב״פ) וואס ער איז אוועק גיגאנגען צו זיין וועלט עס הייסט ער איז גישטארבין. פון וועגין וואס איך בין מנדר צדקה בשעת מען האט דער מאנט זיין נשמה עס הייסט בשעת מען האט גיזאגט יזכור. זיין רואונג זאל זיין אין גן עדן. דרום וועגן דר צדקה גאט ב״ה וואס ער איז איין דר בארמיגר זאל אים באהאלטן אין זיין באהעלטעניש מיט באשיצונג אויף אייביג און זאל זיין איין גיבונדען אין בונד פון אייביג לעבין זיין נשמה דם מיינט מען לעולם הבא. גאט ב״ה איז זיין ארב. און ער זאל רוען אין זיין קבר מיט שלום און דרויף וועלין מיר אלע זאגין אמן:

לנקבה אל מלא רחמים שוכן במרומים המצא מנוחה נכונה על כנפי השכינה במעלת קדושים וטהורים כזוהר הרקיע מזהירים את נשמת (אמי מורתי) פב״פ שהלכה לעולמה בעבור שאני נודר צדקה בעד הזכרת נשמתה בגן עדן תהא מנוחתה לכן בעל הרחמים יסתירה בסתר כנפיו לעולמים ויצרור בצרור החיים את נשמתה יי הוא נחלתה ותנוח על משכבה בשלום ונאמר אמן:

אל מלא רחמים גאט ב״ה וואס ער איז פול מיט דר בארימקייט ער רוהט אין הימיל מאד גרייכין ארעכטי רואונג אויף דעם באשיצונג פון דר שכינה מיט היליגע און ריינע מעלות אזוי וויא דאס לויטערקייט פון הימיל זאל לייכטין די נשמה פון מיין מוטער פב״פ וואס זיא איז אוועק גיגאנגען צו איר וועלט עס הייסט זיא איז גישטארבין. פון וועגין וואס איך בין מנדר צדקה בשעת מען האט דער מאנט איר נשמה עס הייסט בשעת מען האט געזאגט יזכור. איר רואונג זאל זיין אין גן עדן. דרום וועגין דער צדקה גאט ב״ה וואס ער איז איין דער בארמיגער זאל איר באהאלטין אין זיין באהעלטעניש מיט באשיצונג אויף אייביג און זאל זיין איין גיבונדין אין בונד פון אייביג לעבין איר נשמה דאס מיינט מען לעולם הבא. גאט ב״ה איז איר ארב. און זיא זאל רוען אין קבר מיט שלום און דרויף וועלין מיר אלע זאגין אמן:

שי שברך ווער דא האט געבענטשט אונזערע עלטערין אברהם יצחק ויעקב
דער זאל בענטשן (ר' פב"פ) ווייל ער האט מנדר געוועזן אין דער צדקה
אום ווילן די נשמות דיא מיר האבין היינט מזכיר געוועזן פאר הקב"ה און
דער נאך פון דיין היילגע תורה וועגין און דער נאך פון דעם היליגין טאג
וועגין דער היינט איז · און פאר דעם שכר זאל אים הקב"ה היטין און
באשירמען פון אלע לייד און באליידיגער און פון אלע קראנקהייט זאל אים
הקב"ה היטין (ליום כפור און זאל אים אן חתמנן צום לעבן און צו געזונד אין
דעם יום הדין וואס היינט איז) און זאל שיקין אבענטשונג און באגליקונג אין
אלע זיינע ווערק מיט כל ישראל זיינע ברידער און מיר וועלין זאגן אמן :

דיא תחנה זאל מען זאגין נאך מזכיר נשמות :

יהי רצון מלפניך עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט מיין גאט און גאט פון
מיינע עלטערן דאס דו זאלסט לייכטן היינט מיט דיין גרויסן גינאד אויף
דיא היילגע נשמות די דא ריידין מיט ליב און בעטין אויף דיין הייליג
פאלק ישראל און צווישען זייא זאלסטוא דער לייכטען אויף דיא נשמה פון
מיין פאטער און מוטער און אויף דיא נשמות פון אלע מיינע פריינד הן מצד
אבי הן מצד אמי און אלע דיא נשמות וואס שטייען אין דיא דריי שורות
פון גן עדן און טוען ליבען גאט אונזער קיניג און בעטין לעבן און פרייד
אויף אונז דיינע ליבע קינדער · אויך בעט איך מיט גרויס קראפט דיין
דער בארימקייט אז דיינע אויערין זאלין פר נעמן צו מיין גיבעט · פר נעם
מיט דער בארימקייט אז דוא זאלסט מבטל זיין פון דיין פאלק ישראל
אלע דיא גרים צארין פון דיא משחיתים און אלע דיא פורעניות און זאלסט
דער לייכטערין אונזערע טעג מיט · שמחה און מיט חיים ושלום ופרנסה
טובה שיהיה אצלי תורה וגדולה במקום אחד דאס זאל אויף אונז מקוים
ווערין עושר וכבוד אריכות ימים ושנים בנים בעלי פנים עד מאה שנים
און מיר זאלין דינען צוא דיר גאט מיט גרויס נחת און עס זאל זיין דיין
גינאד אויף אלע היילגע נשמות און אויף דער נשמה פון מיין פאטער
און מוטער און זייא זאלין אויף גיין און זאלין קומען און זאלין גרייכין אז זיי
זאלין ווערין גידאכט זייער גוט גידעכנש פאר דיין היילגען דער בארמיגען
שטוהל און דארטין זאל זיין זייער רואונג און זאלסט איין בינדין זייערע
נשמות און דיא נשמות פון אבי ואמי לפני ולפנים אויף דעם היליגין
ארט וואס קיין אויג קאן ניט פאר שטיין נאר דוא אליין און זאלסט לייכטען
זייערע נפשות מיט לויטערקייט און זעט זייא מיט פעטקייט דיין הויז
און דער באך פון גן עדן זאל זייא אן טרינקען און די נשמות וואס האבין
נאך קיין כח ניט צו קומען צו זייער רואונג און צווישען דיא נשמות איז

די נשמה פון מיינע קרובים בעט איך דיך דוא ליבער גאט דער דא לייבט אויף דער ערד און די לייט וואס וואוינען אויף דער ערד בארימהערציגער גאט דער לייבט דיין שכינה און זאלסט צו דעקן זייערע עבירות און זאלסט זאגן צום מלאך וואס איז ממונה איבער זייא צו גרינגערן פון זיי דאס משפט און זייא זאלין געפינען איטליכער זייער רעכטע רואונג בשלום און זיי זאלין גיין ממדרגה למדרגה אונטער דיא פליגעל פון דיא כרובים אמן :

תחנה בעד נשמת המת

דאס זאל מען זאגן נאך דעם דאוונען אין דער פרי און צווישן מנחה און מעריב ווען איינער איז ר"ל אין אבל נאך פאטער אדער נאך מוטער אדער נאך אנדערע דעם ערשטן יאר נאך דעם טויט און אין יארצייט מקבל צו זיין פר די נשמה. אויך ווען מען עס זאגן הזכרת נשמות:

אנא יי מלא רחמים איך בעט דיך גאט קיניג פון דער וועלט דו ביסט פול מיט דער בארימהערציקייט וואס אין דיין האנד זיינען די נשמות פון אלע לעבעדיגע און דער רוח פון אלע לעבעדיגע און דער רוח פון אלע מענטשן. עס זאל זיין אן גינומען פאר דיר אונזער לערנען און אונזער תפלה מאן וועגן דער נשמה פון מיין פאטער (מוטער)(פריינד) (פב"פ) און דו זאלסט זיך ערבארימען מיט דיין גרויס גינאד צו עפענען (אים) (איר) דיא טויערין פון חסד און פון רחמים און דיא טויערין פון גן עדן. און דו זאלסט מקבל זיין דיא נשמה מיט גרויס ליבשאפט און דוא זאלסט שיקן דיינע הייליגע מלאכים דאס זיי זאלין פירין די נשמה און זעצין זיא אונטער דעם עץ החיים ביי די נשמות פון צדיקים וצדקניות חסידים וחסידות. און זיא זאל זיך זעטיגען פון די לויטערקייט פון דער שכינה און צו זעהן זיא פון דיין גוטין וואס עס איז פר באהאלטן פר דיא צדיקים און דער גוף זאל רוהען אין קבר מיט ערעכטע רואונג מיט שלום און מיט שמחה אזוי וויא אין פסוק שטייט יבוא שלום ינוחו על משכבותם ער זאל קומען מיט שלום און זאל רוהען אויף זייער געלעגער. און אויך שטייט אם תשכב לא תפחד ווען דו וועסט ליגן אין קבר וועסטו זיך ניט שרעקן און דיין שלאף וועט זיין זיס. און זאלסט (איר) (אים) מוחל זיין פון חבוט הקבר און פון ווערים און מאדן און דו זאלסט (איר) (אים) מוחל זיין און פאר געבין די חטאים ופשעים. ווארום עס איז ניטא אמענטש וואס זאל אויף דער וועלט ניט זינדיגן. און זאלסט גידיינקען (זיינע)(אירע) זכיות און צדקות וואס (ער)(זיא) האט גיטאן. און זאלסט משפיע זיין אויף דער נשמה צו מאכן פעטיגע (אירע) ביינער אין קבר פון די פיל גוטין וואס איז פאר באהאלטן פאר די צדיקים ווי אין פסוק שטייט פיל איז די גוטין וואס איז פאר באהאלטן פאר די גאטס פארכטיגע לייט. אויך שטייט ער טוט היטען זיינע ביינער זיי זאלין ניט צו בראכין ווערין. און (ער)(זי) זאל רוהען זיכער און בארוט פון זיינע פארכט. און זאל ניט זעהן דעם גיהנם. און די

נשמה זאל זיין אן גיקניפט איין איבינגן לעבין · אונ דר גוף זאל לעבדיג ווערן בשעת תחית המתים מיט אלע טויטע פון ישראל מיט דער בארימקייט · אונ זאלסט אן זיי מקיים זיין דעם פסוק כל יושבי תבל ושוכני ארץ וגו׳ אלע וואס וואנן אויף דר וועלט אונ די טויטע וואס רוען אין דר ערד · אז גאט ב״ה וועט ערהובן איין פאן וועט איר זעהן · אז מיוועט בלאזין מיט דעם שופר הגדול של משיח וועט איר הערן · בשעת אז משיח וועט קומען וועלן אויך די מתים הערן אונ וועלין אויף שטיין אונ וועלין לעבעדיג ווערין אמן ואמן :

דער נאך זאגט מען דאס :

אל מלא רחמים שוכן במרומים גאט ביסט פול דער בארימקייט דו רוהסט איבר מלאכים המצא מנוחה נכונה בצל כנפי השכינה מאך געפינן ארכטע רוואונג אין שאטין פון דיא פליגעל דיא שכינה במעלות קדושים וטהורים כזהר הרקיע מזהירים אין הויכין גראד דיא הייליגע ריינע נשמות וואס זייא פאר לייכטין זייער לויטערקייט וויא דיא לויטער פון הימעל זאלסטו דארט געבין דיא נשמה (פב״ב) וואס איז גיגאנגען אויף דער אייביגער וועלט בעבור שנדר צדקה אין דעם זכות וואס איך האב ניגעבין צדקה פאר גידעכעניש דיא נשמה לכן בעל הרחמים יסתירהו בסתר כנפיו לעולמים זאלסט פאר בארגין אירע זינד מיט דיא פליגעל אויף אייביג זאל אויף שטיין תחית המתים וינוח על משכבו בשלום זאל ליגן אויף דעם גילעגער מיט פרייד ונאמר אמן :

ואת נשמה קדושה וטהורה · אונ דוא הייליגע אונ ריינע נשמה וואס איך טוא היינטיגען טאג בעטין פון דיינט וועגין · דאס גלייכין זאלסטו פון מיינט וועגין אויך תפלה טאן אונ בעטין הקדוש ברוך הוא · דוא זאלסט פון מיינעט וועגין זיין אגוטער מליץ צו דער הובין מיין מזל אונ דעם מזל פון מיין מאן אונ מיינע קינדער צוא דער ליינגערין אונזערע יאהרין צו ליימזעליגען אונז מיט גיזונד · מיט פרנסה · מיט כבוד אונ מיט נחת · מיר זאלין זיין פערהיט פון קראנקהייטין פון שלעכטע איבערנאנגען · פון טויט אן אצייט רחמנא ליצלן · פון אלע אומגליקין · דו הייליגע נשמה וויא דוא ביסט צוא מיר גיוועזן טראיי פאר דיין לעבין זאלסטו אזוי צוא מיר זיין טראיי איצט אויך אונ ניט פאר געסין זיך אן מיר אונ אויף אלע וואס זיינען אנגיהאנגען אונ גיהערין צו מיר · בזכות די צדקה וואס איך גיב פון דיינט וועגין בזכות דיא תפלות וואס איך בין מתפלל אונ איך זאל זוכה זיין צו דער לעבין דיא צייט ווען דוא וועסט אויף שטיין תחית המתים אין גיכין אמן :

זיין הימלישער פאטער · דו גינעדיגר גרויסר גאט · וועלכער דו קוקסט פון

דיינע הויכע הימלען אויף דיינע קלענסטע געשעפפע פון דער ערד · צוא דיר באריםהערציגר גאט קערן זיך אלע צובראכענע הערצר · צו דיר ווענדן זיך אלע בעטריבטע געמיהטער · צו דיר מיין גאט ווענדע איך מיר אויך אין דיזן פאר מיר היילינן טאג · צוא דיר ברייננ איך איצונד מיין שטירמישעס הערץ און דיא הייסע טרערין פון מיינע אויגין · ערהערע מיר גרויסר גאט. פערגעם דאס גיבעט פון דיין דינסט וועלכע קניהט פר דיר מיט איין איין גיבויגענעם קאפף · מיט ציטערענדע קניא · פול איז מיין הארץ · פול ווי דער גרויסער ים · מיינע געדאנקען זיינען בעטריבט צו זייט און צו שפרייט · און איך וויים אליין ניט וואס זאל איך דיר פריהער בעטין · וואמיט איך מיין שטירמישעס הערץ בערוהיגען זאל:

נון איז גיקומען דיא שטונדע אז איך זאל מיינע ליבע עלטערין פארלאזין · מיינע טהייערסטע אוף דער וועלט וועלכע איבער מיר זא פיל מיהע און זארג געטראגין האבין , צו זאמען מיט מיין פאטערליכעס הויז פערלאז איך איצונד מיינע יוגענד פריינדין אלעס · אלעס וואס מיר ליב און טהייער איז אום זיך איינעם מאנע צו בעגעבן וועלכין דו מיין גאט פיר מיר בעשטימט האסט · גרויסער וועלט הערשער · וועלכער דוא בעשטימסט דאס לאז פון יעדען מענשין · דוא גרינדעסט זיינע טריט אויף דעם גאנצין לעבין · נור דוא אליין ווייסט וועלכער שווערער ערנסטער שריט שטייט מיר איצונד פאר · שרעקליך איז פאר מיר דעם איבערגאנג אין דיא טויערין פון מיין לעבען · דען איך בין נאך גאנץ אונערפארין · און שרעקליך קומען מיר פאר דיא נייע לעבינס שולדען וועלכע איך נעם איצונד אויף זיך · א גאט · ערהערע מיין איניגסטען גיבעט · נעם צו מיינע הייסע טרערין וועלכע איך פערגים פר דיר איצונד · בעגליק מיין וועג וועלכין איך אונטערנעם · שיק דיינע מלאכים די מלאכי השלום זייא זאלין מיר בעגלייטין אויף מיין נייעם וועג · דוא זאלסט שיקין ברכה ושלום צווישען מיר און דעם מאן וועלכין דוא האסט פאר מיר בעשטימט · איך זאל אלע מיינע שולדען אלם פרוי בעצאלען · אלע מיינע פליכטין לויט דיין היילינע פארשריפט ערפילן · דוא זאלסט מיר איבר געבן לחן ולחסד אין דיא אויגן פון מיין מאן עס זאל צווישין אונז ניט הערשן קיין קנאה קיין שנאה · און נור שלום ושלוה · אהבה ורצון זאלן אונז בעגלייטן אין וועג פון אונזר גאנצין לעבין · דוא זאלסט אונז צו טיילען איין רוהיגעס לעבין · און פרנסה פון דיין פולע האנד · בכבוד ולא בבזיון · בנחת ולא בצער און איך וועל לויבין און זעגנען דיין היילינן נאמען מיין גאנצין לעבין · אמן:

תחנה ששה סדרים

פון דעם ערשטין טאג סליחות ביז ראש השנה זאגט מען קומט אין שול אריין זאגט מען דיזע תחנה :

רבון העולמים האר פון אלע וועלטין קדמו עיני אשמורות לשפוך ליבי כמים מיינע אויגין האבין גיפעדערט צו וואך ווערין פאר טאג צו פארגיסין מיין הארץ אזוי וויא וואסער אין גין גאט מיין גאט וואס בין איך און וואס איז מיין לעבין און מיין כח און מיין גירעכטיקייט און וואס זיינען מיינע גוטע מעשים דאס איך זאל מיט זייא קומען פאר דיר פאר וואר איך בין גימינערט און לער פון גוטס און בין פול אויף אלע מיינע זייטען מיט אלע אומריינקייט און גרויסע אום ווירדיקייט אוי לי וואוי לנפשי ווי איז צו מיר און וויא איז צו מיין לייב דען איך האב גיזינדיגט :

סלח לי אבי שבשמים :

פאר גיב מיר מיין פאטער אין הימל וואס איך האב גיזינדיגט מיט פיל זאכין סיי אום גערין סיי גערין מיט נוויט אדער מיט מיין ווילין און אויף אלע גרויסע עבירות וואס איך האב גיטאן און פיל מאל האב איך דיך דער צערינט וואס עס איז גאר ניט צו דער ציילן און דו גאט האסט מיר גוטס גיטאן אלע צייט אבער איך האב דיר שלעכין בצאלט דרום טו איך מיך טרכטן איך וועל מודה זיין אויף גאר מיינע זינד פאר דיר גאט און וועל מיינע טרערין פאר גיסן אפ צו וואשין מיט זיי גאר מיינע זינד :

סלח לי אבי שבשמים :

פאר גיב מיר מיין פאטער אין הימל דען איך בין דיר מודיע מיינע זינד און פאר דעק ניט מיין מיסטייט . ווי אזו זאל איך דען מיינע זינד פאר הייליו אז דו גאט ווייסט גאר מיינע נארישקייטן און וויא אזוי זאל איך פאר בארגן מיינע זינד ווען דו זוכסט אויס אלע מיינע חדרים פון מיין בויך און מיינע נירן און וויא אזו זאל איך לייקענן אין דיין גוטין ווען דוא ווייסט דאס באהעלטעניש פון מיינע מחשבות און מיין הערץ . פאר וואר איך האב גיזינדיגט ווייא איז צו מיר :

סלח לי אבי שבשמים :

פאר גיב מיר מיין פאטער אין הימל דען איך לעהן מיך אן אויף דיין גרויס דר בארמקייט און דיין גנאד וואס פון אייביג אן און אויף דיין שטארק לייט זעליקייט דאס דו שטעקסט דיין האנד צו די זינדיגע און ווייזט זיי די וועג פון תשובה זיי זאלן זיך אום קערין פון זייער בייזן וועג אזו וויא אין פסוק שטייט טוב וישר יי על כן יורה חטאים בדרך דאס איז טייטש גאט איז איין גוטער און ארכט פארטיגר דרום טוט ער ווייזן די זינדגע אין דעם גוטן וועג. רבש"ע שיק דיין ליכט און דיין ווארהייט זייא זאלן מיך פירן דעם רעכטן וועג ווייזן :

סלח לי אבי שבשמים :

פאר גיב מיר מיין פאטער אין הימל דען איך קום פר דיר מיט איין צו שטויסן הארץ און צו בראכן גימיט און ווארף פר דיר מיין גיבעט אזו ווי איין עני ביי דר טיר דאס דו זאלסט מיר ווייזן דיא וועגן פון תשובה און זאלסט מיך אויף ברייננגען פון אום ריינקייט צוא ריינינן אלע מיינע צוויי הונדערט אכט און פערציג אברים און אלע מיינע גלידער און זאלסט מיך לערנען דעם וועג צו גיין אין אים איך זאל גינענט ווערין צו טאן דיין ווילן דען דוא ביסט ראך אין פיל פאר געבער און דוא ווילסט ניט אין דעם טויט פון דיא זינדיגע

ליט דורך דעם איך פון דיר ליבער גאט דוא זאלסט אן נעמען דאס גיבעט פון דיא סליחות וואס מיר זאגען מיר זאלען מיט זייא בייא דיר אויס בעטען סליחה און מחילה און כפרה אויף אלע אונזערע בייזע מעשים :

סלח לי אבי שבשמים :

פאר גיב מיר מיין פאטער אין הימעל דען ווען מיינע זינד זיינען גיווען וואס שאטען זיי צו דיר נאר צו מיר אין ווייא און צו מיין לייב אין ווינד וואס איך האב צו דיר גיזינדיגט . און ווען מיינע זינד האבען מיר גרייבער גיגראבען און האבען אויף מיר גיבראכט קלאג און זיפצען אין דאך צו דיר גאט פיל דיר בארמהערציגקייט און פר געבונג . גאט מיין וואס גרינגס דאס נעמט פון מיין לעבען דאס איך בין ווי איין אויס גיקלויבטע גראז און ווי איין בלאט פון דעם בוים . מיין אנהייב איז פון ערד און מיין סוף איז צו ווערים . מיינע טעג זיינען ווי איין שאטען וואס פאלט איבער און ווען מיין נשמה ווערט פון מיר אויס גיין ווערט מען מיך אין דער ערד טראגען . מיין לייב ווערט הייסען און מיין הארץ ווערט אין מיר וויא טאן איך בין דאך נאר ערד און אש איצונד בין איך דא און שפעטער וועל איך פר רוקין מיין גיצעלט אין דעם קבר וואס מען ווערט פון מיינט וועגען גראבען און ווען איך זאל אפילו טויזנד יאר לעבען וועל איך זיין גלייך אז איך בין גאר נים גיווען . גאט מיין גאט מעק אפ אזוי ווי אוועקגיין מיינע זינד . פאר לעש דיא קוילן פון מיינע זינד מיט דעם וואסער פון דיא טרערן וואס טוען רינען פון מיינע אויגען :

עליך נפשי אקונן בלב מר . אויף דיר מיין לייב טו איך קלאגען מיט אביטער הארץ ווי אזוי איך האב דיך אויס גירוסן פון דעם קוואל פון לעבען און הייליגקייט און האב דיך ניקלאגט אין דעם ארט פון טוים און אום ריינקייט . איך לא חמתי עליך בת היקרה . ווי אזוי האב איך נים רחמנות גיהאט אויף דיר מיין נשמה דאס דוא ווערסט גירופן מיינע טאכטער . וויא צוא מיר וואס האב איך גיטאן . וויא אזוי האב איך מורד גיווען אין גאט דאס ער איז איין קיניג איבער אלע קינינן . וויא אזו האב איך פוגם גיווען מיין נשמה און האב פאר ביטן איין שטייענדיגע וועלט אויף איין איבער גיפארענע וועלט . וואס וועל איך טאן אז עס ווערט קומען דער טאג וואס איך ווער גידיינקט צוא שטארבען און נידערין אין גרוב . ווי צו מיר און מיין הארץ טוט אויף מיר וויי זיין דרויף וואס איך האב מורד גיווען אין גאט דער דא איז ריין . דיינע באווייזער זיינען ריין און איך בין שענדליכע און איין זינדיגע . ווי גישריען אויף מיר :

סלח לי אבי שבשמים :

פאר גיב מיר מיין פאטער אין הימעל דען איך שעמי און בין זיך מתודה איין גיבויגן מיין קאפ און צו בראכין מיין הארץ און מיט שלאפע הענט און אלע מיינע גלידער זיינען צו גאנגען . איך בעט פון דיר סליחה מחילה וכפרה אויף גאר וואס איך האב גיטאן אזוי. איין זאך וואס עס איז גיבליבן אין דיינע אויגען און עס טוט מיר באנק און זארג מיך אויף די יארין וואס זיינען איבער גיפארין פון דער צייט אן וואס איך בין צו מיין שכל גיקומען ביז דעם היינטיגען טאג וואס איך האב גאר מיינע יארין פאר טאן צו נארישקייט צו זאט מאכען מיין יצר הרע און צו פאר לערין מיין גליק . צו מאכען נידעריג און אום ריין און ווערדיגן מיט אום ריינקייט און אום ווערדיקייט מיין טייערן שכל וואס דו האסט מיר גיגעבען :

סְלַח לִי אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם :

פאר גיב מיר מיין פאטער אין הימל דען איך צו רייס מיין הארץ מיט מיין ווייגן און אין פארגעניש טוט מיין לייב וויינען און איך בין זייער ניפיינט און מיין כח איז גישטרויכילט־פאר וואר דו האסט ביסט דאך איין דער בארמיגער און באגערסט פון דיינע לייט זיי זאלין אום קערין פון זייער אום רעכט זייא זאלין שוין מער ניט טאן . אזו ווי אין פסוק שטייט קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳ דאס איז טייטש נעמט מיט אייך רייד און קערט אייך אום צו גאט :

סְלַח לִי אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם :

פאר גיב מיר מיין פאטער אין הימל טו מיט מיר גרויס גנאד און שטארק מיך צו צוויינגן מיין יצר הרע איך זאל שוין מער ניט זינדיגן און זאלסט אויס שטרעקן דיין רעכטע האנט און צו נעמען מיין תשובה פאר דיר העלף מיר צו מקיים זיין אלע זאכין וואס איך נעם אויף מיר היינטיגן טאג צו טאן איך זאל מיך שטארקן אין דיינע מצות אזו ווי אונזרע חכמים האבן גיזאגט הבא לטהר מסייען אותו דאס איז טייטש ווער עס קומט זיך ריינגן העלפט מען אים . אריין הארץ באשאף אין מיר און אביי גימיט באניי אין מיר איך זאל זיין גיהיט צו האלטן דיין גיבאט און זאל ניט גישטרויכילט ווערין אין קיין שום עבירה און זאלסט פלאנצן אין מיינע גידאנקען דיין פארכט דאס עס זאל מיך ניט שרעקן קיין בייזע מחשבות און פרעמדע גידאנקען בפרט אין דער צייט ווען איך וועל מיך שטעלין תפלה טאן פאר דיר . נאר אלע מיינע גידאנקען זאלין זיין אן גיגרייט צו דיין דינסט צו דינען דיך מיט ליבשאפט און פריילעכקייט. אלע מעשים זאלין נאר זיין פון גאטס וועגין און איך זאל זיין גוט צו גאט און צו לייטן איך זאל קיינעם ניט מקנא זיין און זאל באשירמעט ווערין פון כעס און חנופה און רכילות און לשון הרע איך זאל נאר גאנץ זיין מיט גאט און מיט מענטשן :

סְלַח לִי אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם :

פאר גיב מיר מיין פאטער אין הימל און נעם מיך ניט צו פון דער וועלט ביז איך וועל פאר ריכטין וועלכעס איך האב פאר דארבין און מיינע זינד זאלן ניט גידיינקט און גידאכט ווערן ווען איך וועל דיר מיין נשמה געבין און מיינע קינדער און קינדס קינדער זאלין אלע לערנן דיין הייליגע תורה און עס זאל זיין דיין פארכט אויף זייער פנים זיי זאלין ניט זינדיגן צו דיר און ווען מיין כח וועט זיך אויס לאזין זאלסטו מיך ליבער גאט ניט פר לאזן און אין דר צייט פון מיין עלטער זאלסטו מיך ניט אוועק ווארפן פון פר דיר . און מער מיך צו וואשן און ריינגן פון מיינע זינד . אין גירעכטע וועגן זאלסטו מיך פירן און פון דיין באהאלטן גוטס זאלסטו מיך אן זעטין . דאס טרייסטונג פון ציון און ירושלים זאלסטו מיר ווייזן און עס זאל זיין אצונד איין דער בארעמיגע צייט צוא באווילינגן מיך און מיינע תפלות צווישן אלע יודישע תפלות : יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי . אָמֵן :

דיא תחנה זאגט מען ראש השנה ווען מען קומט אין שול אריין : ווען שבת איז ראש השנה זאגט מען ניט די תחנה :

זְכוֹר לָנוּ בְּרִית אַבְרָהָם אָבִינוּ :

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון אונזער פאטער אברהם וואס פון דריי יאר אן האט ער דער קענט זיין באשעפער און האט גילאזט ווישן דיין נאמען אויף גאר דער וועלט און

אין מיט צעהן פרוב גיפרובט גיווארן גידיינק אונז ליבער גאט זיין זכות דען מיר טוען ציטערן אונ פארכטן פאר דעם יום הדין ווען מיר טוען זיך באדיינקען דאס היינטיגן טאג טוסטו דיך זעצן אויף דעם שטול אונ טוסט משפטן דיינע באשעפעניש אונ עס ווערט גילייענט פאר דיר דער בוך פון אלע מעשים פון דיא מענטשין פון גאר דער וועלט · קיין זאך איז פאר דיר ניט פאר הויקן אונ קיין פאר געסונג איז פאר דיר ניט דא · דער מאן דיך ליבער גאט אין אונזער פאטר אברהם אונ דער בארם דיך אויף זיינע קינדער אונ די צעהן טאג פון ראש השנה ביז יום כפור אין זיין זכות וואס ער איז מיט צעהן פרוב גיפרובט גיווארן :

זכור לנו זכות שרה אמנו :

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון אונזער מוטער שרה וואס זיא איז אין דעם טאג ראש השנה נפקד גיווארן אונ שרייב אונז אן בספר החיים אונ מיר זאלין האבין קינדער תלמידי חכמים . רבש״ע דוא האסט איר צו ניינציג יאר איין איינציגן זון גיגעבין אונ האסט איר צו גיזאגט דאס זיינע קינדער וועלין זיין פיל ווי שטערין אין הימל איצונד ליבער גאט זאל איר זכות ביישטיין דאס אירע קינדער וואס זייא זייגען דיין פאלק ישראל זאלין חלילה ניט פאר לענט ווערן אונ זייער נאמען זאל ניט אויס גימעקט ווערין אונ שרייב אן אגוט לעבין מיר אונ מיין מאן אונ מיינע קינדער אונ קינדס קינדער אונ כל ישראל אמן :

זכור לנו עקידת יצחק אבינו :

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון אונזער פאטער יצחק וואס מען האט אים מקריב גיוועזן אויפין הר המוריה · רבש״ע עס זאל זיין גלייך וויא זיין אש איז גיהופינט אויף דעם מזבח אונ זיין בלוט איז פאר גאסין אונ דאס קול פון דעם שופר וואס מיר וועלין בלאזין זאל פאר טומלען אלע וואס קומען מקטרג צו זיין אויף דיין פאלק ישראל אונ זאלסט צו רייסין דעם גזר דין . אונ מיט דעם קול פון שופר זאלין ארויף גיין פאר דיר אלע אונזערע תפלות אונ בקשות דאס דו זאלסט אונז אן שרייבן צו איין גוט אונ גיבענשט יאר :

זכור לנו זכות רבקה אמנו :

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון אונזער מוטער רבקה וואס זיא האט זיך גיפלייסט דאס אונזער פאטער יעקב זאל נעמען די ברכות פון אונזער פאטער יצחק אזו זאל זיא שטיין אונ זיין אגוטע מליצה אויף אונז אירע קינדער דאס מיר זאלין אן גישריבין ווערין צוא גוטין אונ אלע ברכות פון אונזער פאטער יצחק זאל אויף אונז גישעהן אונ עס זאל דר וועקט ווערן איר גרויסר זכות אין אירע קינדר היינט אין דעם יום הדין :

זכור לנו זכות יעקב אבינו :

גידיינק אונז ליבר גאט דעם זכות פון אונזר פאטר יעקב . אזו ווי דו האסט אים גיהאלפין פון עשו אונ פון לבן אזויא זאלסטו אונז העלפין פון כל המקטרגים זיי זאלין אונז ניט קענען מקטרג זיין צו דעם יום הדין . אונזער משפט זאל ארויס גיין פאר דיר לטובה מיט גרויס דער בארימקייט מיר זאלין האבין אגוטין משפט מיט אונזערע מאנען אונ אונזערע קינדר . אונ אזוי וויא ער איז גיבענשט גיווארן פון זיין פאטער יצחק דאס ער זאל קיין קול גיהאלפין ווערין אזוי זאל אונז זיין זכות ביישטיין דאס דוא זאלסט אן נעמען דאס קול פון אונזערע תפלות אונ דאס קול פון דעם שופר מיר זאלין גישריבן אונ גיחתמת ווערין צו אלעם גוטין :

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת רָחֵל אִמֵּנוּ :

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון אונזר מוטר רחל וואס זיא האט גיוויינט און גיקלאגט ווען נבוזראדן האט די יודין אין גלות גיפירט ביז דוא האסט איר צו גיזאגט דאס דוא ווערסט אונז אום קערין צו אונזער לאנד . ליבער גאט גידיינק אונז איר זכות . און דעם זכות וואס מיר טוען אצונד שופר בלאזין דאס דו זאלסט גיך מקיים זיין דאס וואס דו האסט איר מבטיח גיוועזן און מיר זאלן זוכה זיין צו הערין שופר של משיח גיך און באלד אמן כן יהי רצון :

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת לֵאָה אִמֵּנוּ :

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון אונזר מוטער לאה און קער דיך צו אונזר גיוויין אזויא ווי דו האסט אן גינומן איר גיוויין דאס זי זאל צו עשו ניט גינומען ווערין און זיא זאל אין זיין גורל ניט פאלין דען דו ביסט איין גאט וואס הערט דאס קול פון גיוויין . קוק פון דעם היכל ארוס און זעה ווי דיין פאלק טוען אלע וויינען מיט ביטערע טרערין און טוען ציטערין פון דעם פארכט פון דיין משפט מיר זאלין חלילה ניט פאלין אין דעם גורל פון דעם שטן און די מקטרגים וואס קומען צוא מקטרג זיין אויף אונז . רבונו של עולם קער דיך בעסער צוא דעם קול פון אלע גוטע מלאכים וואס שטייען פאר דיין שטול און בעטין גוטס אויף דיין פאלק ישראל און קער דיך ניט צו דעם קול פון דעם שטן וואס קומט צוא זאגין אויף זייא . שריי אן אויף אים ער זאל זיין מויל ניט עפענען און ער זאל פאר טומלט ווערין פון צו ריידין בייז . און דאס קול פון דעם שופר מיט אונזערע תפלות זאלין אויף גיין פאר דיר אן שרייבין אונז אין דעם ספר הצדיקים לחיים טובים אמן :

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת שִׁבְטֵי יַעֲקֹב :

גידיינק אונז ליבר גאט דעם זכות פון די שבטים די קינדר פון יעקב וואס האבין אלע באנאנד דיין נאמען גיאיינצינט דען אידער יעקב איז גישטארבן האט ער זיינע קינדער צו נויף גירופין און האט גיזאגט צו זיי ליבע קינדער טאמער איז חלילה צווישן אייך דא איין פסול אזוי ווי מיין עלטער פאטער אברהם האט גיהאט איין זון ישמעאל אדער מיין פאטר יצחק דאס ער האט גיהאט איין זון עשו . אזוי האבן די שבטים אלע באנאנד גיזאגט שמע ישראל דאס איז טייטש הער צו ישראל דאס איז יעקב . יי אלהינו יי אחד דאס איז טייטש גאט אונזר גאט איז איין איינציגר גאט און מיר דינען אלע צו דעם גאט וואס אברהם און יצחק און דו אונזער פאטער האבן גידינט דרום גידיינק אונז ליבער פאטער זייער זכות דען מיר טוען אלע איינציגין דיין נאמען אלע טאג און מיר טוען דיך הייגט אום ראש השנה פאר איין קיניג איבער אונז קריינען אלע יאהר :

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת יוֹסֵף הַצַּדִּיק :

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון יוסף הצדיק דאס אין דעם טאג האסטו אים ארויס גיצויגן פון זיין תפיסה וואס זיין האר פוטיפער האט אים דער הויבין צוא זיין איין מושל אויף דעם לאנד מצרים אזוי רבונו של עולם אין זיין זכות זאלסטו דער הויבין אונזער מזל מיר זאלין חלילה קיין בלבול ניט האבין דאס מיר זאלין אין תפיסה זיצין און זאלסט רופין צוא די גיפיינקטע אין פרייהייט און זאלסט אויף בינדין זייער שלאס הייגטיגין טאג :

זכור לנו זכות משה רבינו :

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון משה רבינו דאס ער איז אין דיא טעג אויף דעם הימיל געוועזן און האט פון אונטערט ווענין דיא לוחות גינומען און זעה ליבער גאט דאס מיר זיינען מקיים אזוי וויא דוא האסט אונז גיבאטין מיר זאלין היינטיגען טאג שופר בלאזן זיי אויך מקיים אזו ווי דוא האסט גיזאגט צו משה רבנו סלחתי כדברך · דאס איז טייטש איך האב פאר געבין אזו ווי דיינע רייד :

זכור לנו זכות אהרן הכהן :

גדיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון אהרן הכהן דאס זיין מדה איז גיוועזן צו שלום מאכין צווישען מאן און ווייב און צווישין מענטשין וואס האבן זיך גיקריגט באנאנד. אזו אויך רבונו של עולם זאלסטו אים געבין רשות דאס ער זאל אמליץ זיין פר דיר אויף דיין פאלק ישראל און אפ טאן דיין גרים צארין פון אונז. זאלסט אונז אן שרייבין צו איאר פון פריד און שלוה און שטילקייט · צו נחת און ניט קיין צער חלילה :

זכור לנו זכות דוד מלכנו :

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון דוד אונזער קיניג וואס דוא האסט אים פון אלע זיינע פייגד גיהאלפין אזו העלף אונז רבונו של עולם אין זיין זכות פון אלע בייזע מלאכים און מקטרגים און משחיתים וואס האבין פיינדשאפט אויף דיין פאלק ישראל און אויך קיין שונא און קיין פייגד זאל אין אונז קיין נקמה ניט האבין און זאלין אין אונז ניט דער פרייט ווערין :

זכור לנו זכות צדיקים וצדקניות :

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון אלע צדיקים און נשים צדקניות וואס זיינען גיוועזן פון דער צייט פון אדם הראשון ביז היינטיגען טאג זייער זכות זאל אויף אונז מגין זיין דאס דער גואל צדק זאל שוין קומען עס זאל זיין תחית המתים און מיר זאלין שוין הערין שופר של משיח במהרה בימינו אמן :

דיא תחנה זאגט מען אום הושענה רבה פאר הלל :

אנא יי האל הגדול הגבור והנורא · איך בעט דיך גאט דער גרויסער און שטארקער און פארכטיגער נון איך קום פאר דיר מיט גרוים פחד און ציטערנעש און איך טוא צוא דיר תפלה מיט גרוים כונה היינט אין דעם טאג דער דא איז דער הינטערשטער טאג פון דעם גמר פון דער חתימה היינט אין דעם טאג טוען גיחתמת ווערין די קוויטלאך פון יעדער מענטש וואס עס ווערט זיך מיט אים פאסירין אגאנץ יאר · ער זאל לעבן אדר שטארבען · ער זאל זיינע יארין אויס לעבין אדער ער זאל ח"ו זייא ניט אויס לעבין · ער זאהל שטארבין אין וואסער אדער אין פייער · דורך איין שווערד אדר דורך איין חיה · פאר הונגער אדער פאר דארשט · אין שטורים אדער אין מארד · ער זאל דער ווארגין ווערין אדער ער זאל פאר שטיינערט ווערין · ער זאל רוען אדער ער זאל זיין נעווענד · ער זאל זיין גישטילט אדער ער זאל ווערין פאר

צוקט. דאס מיינט מען פרעמדע זאלין אוועק נעמען זיין געלט בגזילה. ער זאל האבין שלום און געזונד און שטארק זיין. אדער ער זאל געשטראפט ווערין מיט יסורים. ער זאל פאר ארימט ווערען אדער ער זאל רייך ווערין ער זאל ארויס פון זיין גדולה אדער ער זאל דער הויבין ווערין. והיום מזה און היינטיגין טאג הושענא רבה טוט גיגעבין ווערין דאס קוויטיל מיט דעם גזר דין צום מענשין עס זייא אויף גוטס און עס זייא אויף שלעכטס דרום בין איך גיקומען רבונו של עולם צו בעטין פאר דיר דוא זאלסט מיר געבין דאס גוטע קוויטיל מיר און מיין מאן און מיינע קינדער לעבין און גיזונד פרנסה בכבוד אויך גאר דיין פאלק ישראל זאלסטו געבין קוויטליך פון אגוט לעבן און פרנסה מיט שפע און הצלחה און אלעם גוטין:

אל מלא רחמים גאט וואס דו בסט פול מיט דר בארימקייט ווען מיר האבין גיטאן אזוי וויא אונזער נארישקייט טוא דוא אזו וויא דיין שטייגער איז און פאר גיב אונז דען דוא ביסט איין פיל פאר געבער. ווען מיר האבין דיר באצאלט שלעכטס פאר גוט. צאל אונז דער בארימיגער פאטר גוטס פאר שלעכטס. דען וואס וועט דיר ארויס קומן מיט אונזער בלוט ווען דו וועסט אונז פאר דארבין און וועסט אונז מאכין נידערין אין גרוב פון גיהנם דורך אונזערע זינד. ניט דאס איז דיין שבח און ניט דאס איז דיין לויב. דיין לויב איז צוא פירין זיך מיט דיינע קינדער מיט גינאד און דער בארימקייט. אנא רחום איך בעט דיך דר בארימיגר פאטר קוק אויף די גירעכטיקייט פון דיינע קנעכט וואס זיי האבן יענע צייטין גיטאן זייער לייב צו גיטויט ווערן איבר דיר און האבן קיין חס ניט גיהאט אויף זייער לייב און אויף זייערע קינדער און האבין פאר מיאוסט אין דעם לעבן פון דר וועלט און האבן מבטל גיוועז זייער ווילין פאר דיין ווילן און האבין גיהייליגט דיין גרויסין נאמען און זיינן גילאפין צום שעכטין און האבין גישטרעקט זייער האלז און עס זיינן צו נויף גיקומן דאס בלוט פון פאטרם מיט קינדר מוטרם מיט יונגע קינדר שוועסטער און ברידר חתנים מיט כלות מאנן מיט ווייבער זיינן גיהארגט גיווארין אויף קידוש השם. ארץ ערד דעק ניט צו זייער בלוט ביז גאט וועט לוזין פון דעם הימל. רבונו של עולם די אלע זאכין נידיינק און באדיינק זיך און שטיל דיין צארין פון דיין פאלק ישראל און באנייא אויף אונז אגוט יאר א יאר פון אויס לייזונג אין דעם זכות פון אונזערע הייליגע אבות אברהם יצחק ויעקב אמן:

רבונו של עולם גידיינק אונז מיט איין גוט גידעכעניש פאר דיר:

רבונו של עולם גיב אונז דאס קוויטיל פון גוטין לעבין:

רבונו של עולם גיב אונז דאס קוויטיל פון גוטע פרנסה:

רבונו של עולם דר בארם דיך אויף אונז און אויף אונזערע קליינע קינדרליך:

רבונו של עולם עס זאל ברומען דיינע דער בארימקייט אויף אונז :

רבונו של עולם אפאר לענדונג זאלסטו ניט טאן מיט אונז :

רבונו של עולם טוא פון דיינט וועגין אויב ניט פון אונזערט וועגין :

רבונו של עולם דער פיל דאס גיבעט פון אונזער הארץ צו נומין :

רבונו של עולם עפין אונז איין טויער צוא אונזער תפלה :

רבונו של עולם גיבענש מיט אונז דיינע ברכות :

רבונו של עולם גיבענש מיט אונז דיין הילף :

רבונו של עולם מאך אונז גירעכט אין דיין משפט :

רבונו של עולם גינעהן אונז דעם סוף פון אונזער אויס לייזונג :

רבונו של עולם גינעהן אונז דעם טאג פון אונזער הילף :

רבונו של עולם גינעהן אונז צוא דיין דינסט :

רבונו של עולם זעה אין דעם ארומקייט פון דיין פאלק ישראל :

רבונו של עולם פאר נעם אונזער גישרייא :

רבונו של עולם גיב זעט און ברכה אין דעם לאנד און אויף גאר דער וועלט

רבונו של עולם גיב ברויט וויא פיל מען דארף צו דיא עניים פון דיין פאלק ישראל דאס זייא זאלין ניט דארפין אן קומען איינער צום אנדערן :

רבונו של עולם אונזער תפלה זאל זיין גלייך אזו וויא דיא קטורת וואס דער כהן גדול האט גידעמפט אויף דעם מזבח :

רבונו של עולם טו וועגן דיין נאמען און האב רחמנות אוף דיין פאלק ישראל

רבונו של עולם טוא פון וועגין דיא וואס זיינען גיהרגט און פאר ברענט גיווארין און זיינען אום גיקומען אויף קידוש השם :

רבונו של עולם דער בארים דיך אויף דיין גימיין פאלק :

רבונו של עולם דער בארים דיך אויף מיר און אויף מיין מאן און אויף מיינע קינדער :

רבונו של עולם נעם פון מיר ניט צוא מיין פרנסה :

רבונו של עולם גיב הצלחה אין דיא ווערק פון מיינע הענד :

רבונו של עולם העלף מיר דאס קיין שונא זאל אין מיר ניט דער פרייט ווערן :

רבונו של עולם העלף מיר איך זאהל האבען פרומע און גוטע קינדער :

רבונו של עולם העלף מיר איך און מיין מאן זאלין מגדל זיין אונזערע קינדער צוא דיין הייליגער תורה :

רבונו של עולם העלף אונז מיר זאלען חלילה ניט האבען קיין בראך אין אונזער לעבין :

רבונו של עולם העלף אונז דאס קיין שלאפקייט זאל ניט געשעהן אין אונז :

רבונו של עולם פאר נעם מיינע ביטערע טרערין :

רבונו של עולם הער צוא מיין קול פון גיוויין :

רבונו של עולם גידיינק אונז דעם זכות פון דיא היליגע אבות אברהם יצחק ויעקב :

רבונו של עולם גידיינק אונז דעם זכות פון שרה רבקה רחל לאה :

רבונו של עולם גידיינק אונז דעם זכות פון אלע צדיקים וצדקניות :

רבונו של עולם בווילינג דאס גיבעט פון דיא הושענות וואס מיר ווילען זאגין און זאלסט אונז חתמנן צוא איין גוט גיבענטשט יאהר :

דיא תחנה זאגט מען ווען דיא כהנים דוכנן אז דער חזן הייבט אן צו זאגין רצה :

אלהינו ואלהי אבותינו · אונזער גאט דער גאט פון אונזערע עלטערין אברהם יצחק ויעקב הנה בני אהרן כהניך נון דיא קינדער פון אהרן דיינע כהנים וועלין איצונד אויף הייבן די הענט צו בענטשין דיין פאלק ישראל מיט גאר זייער הארץ און וועלין זאגין די ברכה וואס דו האסט זיי גבאטין דם מיט דער ברכה זאלין זיי בענשין דיין פאלק ישראל ווען זיי שטעלין זיך צום דוכנן.

רבונו של עולם פאר נעם דאס ·גיבעט פון די כהנים וואס בענטשין דיין פאלק ישראל און מיר זאלין גיבענטשט ווערין אלע יודן באנאנד און אויך איך מיט מיין מאן און מיינע קינדער צווישין זייא צו גוטין לעבין און גוטע פרנסה פון דיין פולער גבענצטער האנט מיר זאלן ניט דארפן אן קומען צו איין בשר ודם און מיר זאלין זוכה זיין צו האבען קינדער און קינדס קינדער גוטע און פרומע גאטס דינערס און גאטס פארכטיגע · זאלסט אונז היטין פון אלעם בייזין קיין שונא זאל אונז ניט קענען טאן קיין שלעכטס און זאלסט דער לייכטין דיין פנים צו אונז מיר זאלן קענען דר האלטין דיין היילגע תורה מיר זאלן ניט ווידר שפעניגן אנטקעגן דיר און זאלסט אונז לייט זעליגן מיט אלם גוטן מיט איין גוטן לעבן · לעבין פון גיזונד · לעבן פון פרנסה · לעבין פון שפייז · לעבן פון נערונג · לעבן פון רייכקייט · לעבן פון אגוטן מזל · און זאלסט אונז נושא פנים זיין ווען דו קומסט אונז משפטן אין דעם זכות פון אהרן הכהן מיט זיינע קינדער און זאלסט טאן צו אונז פריד און שלוה און שטלקייט . עס זאל חלילה ניט קומען קיין שרעק אין אונזער הויז :

אתה האל המרומם על כל ברכה ותהלה · גאט וואס דו ביסט דר הויבן אויף אלע בענטשונג און לויב . עס איז אנפלעקט פר דיר דם איבר אונזרע זינד איז דר בית המקדש חרוב גווארן און עס איז צו גינומען גיווארן די ליכט פון אונזרע אויגן און ווען דר בית המקדש איז גישטאנן פלעגן די . ישראל מקריב זיין קרבנות צו פאר געבן אויף זייערע זינד און די כהנים זיינן גשטאנן אויף זייער דוכנן און די לוים מיט זייער גזאנג אבער היינט האבין מיר דם אלץ און גווארן ווייל דאס איז אונז גיבליבן דם די כהנים קומן צו בענטשן דיין פאלק

ישראל מיט דער ברכה וואס דו האסט זיי גיבאטן דרום בעט איך דיר רבונו של עולם פאר נעם די ברכות פון די כהנים וואס בענטשין אונז און עס זאל פר דיר זיס זיין אונזר גיבעט גלייך אז איין קרבן . איך בעט דיך דער בארמיגער פאטר זאלסט מיט דיין גרויס דר בארמקייט זיך דר בארימן אוף אונז און זאלסט בויען דיין בית המקדש פון אייטל פייער און טרייסט די שטאט ירושלים דאס דו זאלסט אום קערין אירע קינדער צו איר . קער אום דיין שכינה קיין ציון און דעם סדר פון קרבנות קיין ירושלים און דארט וועלין מיר דיך דינען מיט פארכט אזו ווי די טעג פון אייביג און אזו וויא די פריערדיגע יארן . יהיו נייא זאלן זיין צו בוויליגונג די זאג פון מיין מויל און דאס טראכטן פון מיין הארץ פאר דיר גאט מיין באשעפער און אויס לייזער . אמן :

ברכת כהנים

יברכך יי וישמרך

ווען דער חזן זאגט דאס ווארט וישמרך זאגט מען דאס :

רבונו של עולם איך בין דיין און מיינע חלומות זיינען דיינע עס זאל זיין דער ווילין פאר דיר גאט אז אלע מיינע חלומות זאלן זיין אויף מיר און אויף כל ישראל צוא גוטן עס סיי איך האב מיך גיחלמט אויף זיך זעלבסט עס סאיי אויף אנדרע . און עס סיי אנדרע האט זיך גחלמט אויף מיר . אויב זייא זיינען גוט שטרק זיי און זיי זאלן מקוים ווערן אין מיר און אין זיי אזו ווי די חלומות פון יוסף הצדיק . און אויב זיי דארפן היילונג זאלסטו זיי היילין אזו ווי דיא וואסער פון מרה דורך משה רבנו און אזו ווי דוא האסט גיהיילט צוא מרים פון אירע קרעץ . און די וואסר פון דר שטאט יריחו דורך אלישע . און נעמן פון זיינע קרעץ . און חזקיהו מלך יהודה פון זיין קריינק . און אזו וויא דוא האסט פאר קערט די קללה פון בלעם הרשע צו איין ברכה אזו זאלסטו פאר קערין אלע מיינע חלומות אויף מיר און אויף כל ישראל צוא גוטין און זאלסט מיך היטין און ליטוועליגען און באווילינין . אמן :

יאר יי פניו אליך ויחנך :

ווען דער חזן זאגט דאס ווארט ויחנך אזו זאגט מען נאך איין מאל דעם רבונו של עולם וואס מען האט פריער גיזאגט :

ישא יי פניו אליך וישם לך שלום :

דער שפרי ציון שרייבט ווען דער חזן זאגט דאס ווארט שלום זאל מען נית זאגן דעם רבונו של עולם נייערט דעם יהי רצון וואס ווייטער שטייט :

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי עס זאל זיין דער ווילין פאר דיר גאט מיין גאט און גאט פון מיינע עלטערין אז דו זאלסט טאן אום ווילין דיא

הייליקייט פון דיינע חסדים און אום ווילען דאס גרויסקייט פון דיינע דער
בארימקייט וואס זיינן פאר שפרייט איבער דער וועלט און אום ווילן דעם
ריינקייט פון דיין נאמען דעם גרויסין און שטארקין און פארכטיגן וואס אין
אים איז דא צוויי און צוואנציג אותיות דאס זייא גייען ארוים פון די פסוקים
פון ברכות כהנים די ברכה איז גיזאגט גיווארין אוים דעם מויל פון אהרן מיט
זיינע קינדר דיין הייליג פאלק אז דו זאלסט זיין נאהענט צו מיר ווען איך טוא
רופן צו דיר און זאלסט פאר נעמן מיין גבעט און מיין גשריי אלע צייטין אזו
וויא דוא האסט גהערט דאס גישרייא פון יעקב אבינו וואס ער הייסט איש
תם און זאלסט מיר געבין מיט מיין גאנץ הויז גיזינד אונזר שפייז און פרנסה
מיט ברייטקייט ניט בצמצום · מיט היתר ניט מיט איסור · מיט נחת ניט
מיט צער · פון דיין ברייטע האנד · אזו ווי דו האסט גיגעבן ברויט צו עסן און
קליידר אן צו קליידן צו יעקב אבינו דער דא הייסט איש תם און זאלסט אונז
געבען צו ליבשאפט צוא חן און חסד און צו רחמים אין דיינע אויגען און אין
לייטינס אויגין אזו וויא דוא האסט גיגעבין יוסף הצדיק אז דר פאטער האט
אים אן גיטאן דיא זיידענע העמדיל · צוא חן און חסד און רחמים אין דיינע
אויגין און אין לייטינס אויגין · און זאלסט טאן מיט מיר וואונדער און
נסים און צייכען צוא גוטען און זאלסט מיך באגליקען אין מיינע וועגען
און גיב אין מיין הארץ פאר שטאנד צוא פאר שטיין און צוא קליגין און
מקיים זיין די רייד פון דר תורה מיט אירע סודות זאלסט מיך מציל זיין
פון אום גערן איך זאל מיך חס ושלום ניט טועה זיין אין דר תורה און זאלסט
מאכין ריין מיינע גידאנקען און מיין הארץ צוא דיין דינסט און זאלסט דער
לייגערין מיינע טעג און מיין מאן און קינדערס טעג מיט אלעם גוטין און
אזים לעבין מיט פיל שטארקייט און פריד אמן סלה :

דיא תחנה זאגט מען שמחת תורה ווען מען קומט אין שול דיא תורה קושין :

יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו עס זאל זיין דער ווילין פאר
דיר גאט אונזער גאט דער גאט פון אונזרע עלטערין דאס עס זאל זיין
דיא שעה וואס מיר עפנען דעם ארון הקודש און מיר קומן קושן דיין ליבע
הייליגע תורה אשעה פון דער בארימקייט · אשעה פון גינאד · אשעה פון
בווילינונג. עס זאל גיזעהען ווערין פאר דיר דער זכות וואס מיר קומן איצונד
דיין ליבע הייליגע תורה קושן און זאלסט אונז עפנען טויערן פון לעבין ·
טויערן פון גיזונד · טויערן פון גוטע פרנסה · טויערין פון גוטין מזל · טויערן
פון גליק · און זאלסט אונז באגליקן אין אלע אונזרע וועגין וואו מיר וועלין
זיך קערין און ווענדין מיר זאלן קענען דער האלטן דיין ליבע תורה און אירע
מצות מיט אלע זייערע פרטים און דקדוקים אזוי וויא דיין ווילין איז און מיר

זָאלין זוֹכֶה זיין צוּ מְגַדֵל זיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צוּ גָאטִים דִינְסְט . און אין דֶעם זְכוּת וָואס מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אִין דֶעם לִיבִין הֵיילִיגִין יוֹם טוֹב מִיט דַיין תּוֹרָה זָאלְסְטוּ אוּנְז דֶער פְרֵייעֶן אוּנְזֶער הַארְץ מִיט אַלֶעם גוּטִין עֶס זָאל נִיט גִישֶׁעהֶן צוּ אוּנְז אַלֶע אוּנְזֶערֶע לֶעבּ טֶעג קַיין טְרוּעֶרְקַייט און קַיין קְלָאג און קַיין זִיפְצֶען און זָאלְסְט אוּנְז בַּאשִׁירְמֶען פוּן אוּנְזֶערֶע לֵייד :

תוֹרָה תוֹרָה קוּק אָן דַיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶער דָאס זֵיי קוּמֶען צוּ דִיר צוּ קוּשִׁין דִיךְ מַחֲמַת גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִין זֵייעֶר הַארְצִין אִיז צוּא דִיר און טוּעֶן זִיךְ אָן מִיט שֵׁיינֶע טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶר פוּן דַיין כָּבוֹד וֶועגִין דְרוּם זָאלְסְטוּ אוֹיף אוּנְז אַיין גוּטִין זְכוּת זָאגִין פַּאר הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ דָאס עֶר זָאל אוּנְז גֶעבִּין אַיין גוּט יָאר מִיט פִיל בְּרָכוֹת מִיט עוֹשֶׁר און כָּבוֹד און מִיר זָאלִין זוֹכֶה זיין צוּ גֵיין קוּשִׁין דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ :

בְּשַׁעַת מֶען קוּשְׁט דִיא תּוֹרָה זָאגְט מֶען דֶעם פָּסוּק דְרַייא מָאל

יִשָּׁקֵנִי מִנְּשִׁיקוֹת פִּיהוּ כִּי טוֹבִים דּוֹדֶיךָ מִיָּיִן :

דִיא תְּחִנָּה זָאגְט מֶען אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶער שׁוּל :

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט זָאלְסְט אָן נֶעמֶען אַלֶע אוּנְזֶערֶע תְּפִלוֹת וּבַקָשׁוֹת וָואס מִיר הָאבִּין דִיךְ גִיטָאן בֶּעטִין אִין דֶער הֵיילִיגֶער שׁוּל און מִיר זָאלִין חַס וְשָׁלוֹם נִיט פַאר שֶׁעמְט וֶוערִין דֶען מִיר טוּעֶן שׁוֹין אִיצוּנְד אַוֶועק גֵיין פוּן דַיין הֵיילִיגֶער שׁוּל און מִיר טוּעֶן זִיךְ פְרֵייעֶן דֶער מִיט וָואס מִיר זֵיינֶען דָא אִין שׁוּל גִיוֶועזֶן און מִיר הָאבִּן גִיטָאן קוּשִׁין דַיין לִיבֶּע הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס זִי וֶוערְט אָן גִירוּפִין תּוֹרַת מֹשֶׁה און אִין דֶעם זְכוּת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָׁלוֹם זָאלְסְטוּ אוּנְז שְׁטַארְקִין אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער אַז מִיר זָאלִין חַס וְשָׁלוֹם קַיין מָאל נִיט אַוֶועק גֵייגִין פוּן דֶעם וֶועג וָואס דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט אוּנְז גִישַׁאפְט נָאר מִיר זָאלִן קֶענֶען מְקַיֵים זיין אַלֶע מִצְוֹת וָואס אִין דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט . און בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים און אַלֶע פְרוּמֶע לַייט זָאלִין מִיר זוֹכֶה זיין צוּ הָאבִּין גוּטֶע קִינְדֶער און זֵיי זָאלִין זִיךְ מִיהֶען אִין דֶער תּוֹרָה טָאג און נַאכְט און מִיר זָאלִן זוֹכֶה זיין אִיבֶּער אַיאָר אִין דֶער הֵיילִיגֶער שׁוּל וִוידֶער צוּ גֵיין אָמֵן סֶלָה :

און דֶער נָאךְ גֵייט מֶען בְּשָׁלוֹם אַהֵיים און עֶס אִיז אַיין מִצְוָה בְּשַׁעַת דִי וַוייבֶּר גֵייעֶן פוּן שׁוּל זָאלִין זֵיי הַאלְטִין דִיא אוֹיגִין אַרָאפּ צוּ דֶער עֶרְד כְּדֵי קַיין מַאנְסְפֶּערְזָאנֶען זָאלִין אוֹיף זֵייא נִיט קוּקִין און אוֹיךְ זֵייא זָאלִין אוֹיף קַיין מַאנְסְפֶּערְזָאנֶען נִיט קוּקִין . וּבִזְכוּת זֶה וֶועט אוּנְז הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ הִיטִין פוּן עֲבֵירוֹת אַלֶע אוּנְזֶערֶע טֶעג אָמֵן :

אין געבעט אויף ראש השנה

היום רצה את שועתי אשר אשננה :

היינט פאר נעם מיט דיין גוטין ווילין מיין געשריי וואס איך טוא ביידין :

תכתבני לחיים טובים בזה ראש השנה :

ליבער גאט זאלסט מיך שרייבין צו אגוט לעבין אין דעם ראש השנה :

היום איום ונורא מלכותך :

היינט איז זייער שרעקליך און פארכטיג דיין מלוכה :

נסקרים כל באי עולם בסקירות צפיתך :

אלע מענשין וואס קומען אויף דער וועלט וועררין געקוקט מיט איין קוק

תתרומם ותתנשא בגאותך :

דו זאלסט דער הויכט און דער הויבין וועררין מיט דיין הערשאפט :

אנא יי הושיעה נא :

איך בעט דיך ליבער גאט העלף אונז : היום רצה וכו׳

היום במשפט יעמיד ארץ :

היינט מאכט גאט שטיין די ערד מיט משפט :

שמך מפארים מה אדיר שמך בכל הארץ :

דיין נאמען באשיינט מען ווי שטארק איז דיין נאמען אויף גאר דער ערד :

תפן אלי ברחמים ותעטרנו ברצון כצנה :

ליבער גאט קער דיך אום צו מיר מיט דער בארמקייט און מאך מיך ארום

קריינען מיט דיין גוטין ווילין וויא מיט אפאנציר : היום רצא וכו׳

היום גאות לבש עוז התאזר :

היינט טוסטו אן קליידן זיך מיט הערשאפט און אן גורטן זיך מיט שטארקייט :

רצה והחליצנו מצר וקרע רוע גזר דיני :

לאז נין דיין ווילן און ציי מיך אויס פון דעם שונא און צוריים מיין בייזן גזר דין :

ברק השנון תשיב לנדנה :

די שארפע שווערד זאלסט אום קערין אין איר שייד אריין : היום רצה וכו׳

היום דרוש וחקור כל תעלומה :

היינט טוסטו פארשין און קלערין אלע פאר הולענע זאכין :

לידון כל אשר באפו רוח ונשמה :

צו משפטין אלע באשעפעניש וואס האבין אין זיך איין אטום און א נשמה :

קימני והחייני וירבו ימי על האדמה :

באשטעטיג מיך און לאז מיך לעבן. לאזן מיינע טעג גימערט וועררן אוף דר ערד :

שעה קולי ביום אקרא ושועתי האזינה :

פאר נעם מיין קול ווען איך טו דיך רופן און מיין געשריי זאלסטו פאר נעמן :

היום הרת עולם ראשית בריאתך :

הײנט האסטו אן געהויבען צו באשאפען די וועלט פאר אלע באשעפענעש:

ישבת לכסא מכון לשבתך:

דוא ביסט געזעסין אויף דער שטול וואס דוא האסט אן געברייט צו זיצין
אויף אים בייא דעם משפט:

צדיק אתה יי וישר משפטיך:

דוא ליבער גאט ביסט גערעכט און דײנע משפטים זײנען גערעכט:

געור בשטן מלהסטין ותסבול עד שיבה וזקנה:

שרייא אן אין דעם שטן אז ער זאל ניט מקטרג זיין אויף אונז און זאלסט
אונז טראגין ביז אויף דער עלטער: היום רצה וכו׳

היום ספרו לנו אבותינו ותקוה יתנו לך כל איתנים:

הײנט האבין אונז אונזערע עלטערין דער ציילט אז אלע שטארקע
געהערין צו דיר האפין:

המחיה את כלם:

ער איז מחיה אלע באשעפענעש פון גרויס ביז קליין:

ופוקד נפש כל חי תחת השבט נמנים:

ער ציילט אלע לעבעדיגע לייבער אזוי ווי מען ציילט די שאף מיט דער רוט:

רחם כרחם אב על בנים והמצא לנו חנינה:

דער בארים דיך איבער אונז וויא איין פאטער דער בארימט זיך איבער
זײנע קינדער און מאך אונז געפינען לייטזעליקײט: היום רצה וכו׳

היום זוכר אתה מעשה עולם:

הײנט טוסטו געדײנקען די מעשים פון דער גאנצער וועלט:

כל תעלומות נגלות לפניך אין נסתר ונעלם מפניך:

אלע פאר הוילענע זאכין זײנען פאר דיר אנטפלעקט עס איז ניט פאר האנדין
קיין פאר בארגענע זאך פאר דיר:

עיניך משוטטות בכל הארץ ובוחן לבות כלם:

דײנע אויגין קוקין אויף דער וועלט און דוא פרובסט אלע הערצער:

דיניו ומשפטיו אמת וכל מעשהו באמונה:

גאטס דינים און משפטים זײנען אמת און אלע זײנע מעשים זײנען באגלייבט:

היום רצה וכו׳

היום חיים ומתים נפקדים:

הײנט ווערין דער מאנט פאר דיר דיא לעבעדיגע און טויטע:

ספים ינועו מקול רעש ומאימת השם חרדים:

טויערין טוען ציטערין און ווערין דער שראקין פאר דער פארכט פון גאט:

מקל הגיון לבי ופלולי אשר אשנה:

פרנעם די גידאנקען פון מיין הארץ און מיין תפלה ווס איך טו ריידן: היום רצה וכו׳
היום טרף נתן ליראיו :
היינט גאט ב״ה שפייזט צו די וואס פארכטין זיך פאר אים :
נוהג בחסדו ובטובו הגדול כל ברואיו :
גאט איז זיך נוהג מיט זיין חסד און זיין גרוים גוטס מיט גאר זיינע בשעפעניש:
נוצר חסד לאלפים לאהביו ומיודעיו :
ער טוט היטין זיין חסד צו טויזנד גיבורט צו זיינע גיליבטע מענטשין :
הראנו חסדך וישעך לזכות בדינא :
וייז אונז דיין חסד און דיין הילף אז מיר זאלין גירעכט זיין ביים דעם דין: היום רצה וכו׳
היום יכתב בספר הזכרונות חיים ומות גדולה ושפלות עשירות וטרדת מזונות:
היינט ווערט אן גישריבין אין ספר הזכרונות דאס לעבין און דער טוט גדולה און שפלות עשירות און די טרדה פון פרנסה :
מעתה ועד יום הכפורים הוא כתב יכול להשתנות:
פון אצונד ביז יום כפור האטשע דאס איז שון אן גישריבן גיווארין קען דאס נאך אנדערש ווערין :
צדקה ותפלה להרבות אז יש לו תקנה :
צדקה און תפלה אז ער וועט מערין קען ער נאך האבין א תקנה: היום רצה וכו׳
היום כל המעשים ייראו מאימת זעמך :
היינט טוען זיך אלע דיינע מעשים פארכטין פאר דיין צארין :
זה היום תחלת מעשיך בדנך יציר כפיך :
דאס איז דער טאג וואס דו האסט דן גיוועזן צו אדם הראשון :
לזכרון הוקם לעד ליום הדין להראות תקפך :
דער טאג איז גישטעלט גיווארין צו איין גידעכעניש צו איום הדין כדי דו זאלסט ווייזין דיין שטארקייט :
ואתה רחום טרם נקרא אתה תענה :
און דו דער בארמיגער איידר מיר טוען דיך רופן זאלסטו אונז ענטפערן: היום רצה וכו׳
היום לוכד חכמים בערמם :
היינט טוט גאט באצווינגען די חכמים מיט זייער חכמה :
קרוץ מחומר עפר מן האדמה :
דער מענטש איז גיווארין אויס גישניטין פון דער ערד :
כצל עובר ימיו משול כחרש הנשבר :
אזוי וויא א שאטין גייען אוועק זיינע טעג ער איז גיגליכין צו איין צובראכענעם שארבין :

פדני מרדת שחת המצא כופר נפשי ופדיונה :

דער לייז מיך פון צוא נידערין אין גיהנם און מאך גיפינען איין כפרה אויף מיינע זינד : היום רצה וכו'

היום מלוך על כל העולם כלו בכבודך והנשא על כל הארץ ביקר הודך :

היינט טוסטו גיוועלטיגען אויף גאר דער וועלט מיט דיין כבוד און ווערסט דער הויבין איבער דער וועלט מיט דיין לויבונג :

זכרנו ברצון עמך ופקדנו בישועתך לראש פנה :

גידיינק דיין פאלק און העלף זייא צו מאכען זייא וויא אווינקול שטיין :

אותנו דן בעמידה לקצר ולפשר מלהקוות ברחמים :

דוא זאלסט אונז משפטן שטייענדיג צוא מאכין קורץ און לעבליך מיר זאלין ניט ווערין אפ גיברויט אין דיא הייסע קולין פון דיין רגזה :

חוסה נא עלינו בזאת אני בוטח אם תחנה עלי מחנה :

דער בארים דיך איבער אונז . אויף דעם וואס דו ביסט אונזר גאט האב איך אבטחון ווען מיוועט מיט מיר מלחמה האלטין : היום רצה וכו'

היום עזרנו אלהי ישענו וצדקנו במשפט וכימות עניתנו שמחנו :

היינט זאלסטו אונז העלפין דוא גאט אונזער העלפער און מאך אונז גירעכט אין משפט און אזוי וויא דיא טעג פון אונזר פיין דער פריי אונז :

זאת לעולם על ישראל ונשלם פרים שפתינו :

דאס איז פון אייביג מוטל אויף דיא ישראל אז מיר זאלען תפלה טאהן מיט אונזער מויל :

סכת דוד הנופלת הקם על מכונה :

דאס בית המקדש וואס איז איין גיפאלין זאלסטו אויף ריכטין אויף איר אויף ריכטונג : היום רצה וכו'

היום פקדנו בפקורת ישועה ורחמים :

היינט זאלסטו אונז גידיינקן מיט אגעדעכעניש פון הילף און דר בארימקייט :

אהבת נעורים זכור ואהבת קדומים :

דיא ליבשאפט פון אונזער יוגינד און דאס ליבשאפט פון פאר צייטין זאלסטו אונז גידיינקען ליבער גאט :

ותטעמו בהר נחלתך מכון לשבתך עולמים :

פלאנץ אונז אין אונזער בארג דיין ירושה וואס דוא האסט אן גיבריט צוא דיין זיצונג אויף אייביג :

טהרנו בזריקתך מים טהורים כבראשונים :

מאך אונז ריין מיט דיין טאן שפריינגען אויף אונז ריינע וואסער וויא צום ערשטין : היום רצה וכו'

היום צוה ישועות יעקב :

היינט זאלסטו גיבאטין אז עס זאהל קומען דיא הילף פון יעקב :

מבשול חסר מקרבנו ולב העקוב :

טוא אפ פון אונז דעם יצר הרע וואס מאכט אונז שטרויכלען און דאס פאר קרימטע הארץ :

האזין שועתנו ברחמיך יי ותחנוני קול יעקב :

הער נעם דאס געשרייא מיט דיין דער בארימקייט און דאס גיבעט וואס עס איז מיט דעם קול פון יעקב :

נוראות הפלא יום לשנה :

מיר בעטין דיך ליבער גאט טוא מיט אונז גרויסע וואונדער אין דעם טאג ראש השנה : היום רצה וכו'

היום ראש השנה לשנים ולשמטות ויובלות

היינט איז ראש השנה צו דיא יארין און צו שמטות ויובלות :

סמכנו ותנחמנו בנחמות כפולות :

לעהן אונז אונטער און טרייסט אונז מיט טאפעלע טרייסטונג :

גאולתנו תמהר ותעשה לנו נפלאות גדולות :

אונזער אויס לייזונג זאלסטו איילין און טוא צו אונז גרויסע וואונדער :

מלטנו מכל רעות בזה ראש השנה :

זייא אונז מציל פון אלעם בייזין אין דעם ראש השנה : היום רצה וכו'

היום קבל ברחמים וברצון את תפלתנו :

היינט זיי מקבל מיט דער בארמקייט און מיט דיין גוטן ווילן אונזרע תפלות :

נכתב לחיים טובים ותמהר גאולתינו :

מיר זאלן אן געשריבן ווערן צו גוטן לעבן און זאלסט איילן צו אויס לייזן אונז

דרשנו לטובה ויקראו לפניך זכיותינו :

פארשט אונז צו גוטן און עס זאל ווערין גילייענט פאר דיר אונזרע זכיות :

ותמלא שחוק פינו ולשוננו רנה :

און עס זאל דער פילט ווערין אונזער מויל מיט פרייד און אונזער צונג מיט גיזאנג : היום רצה וכו'

היום שמע מלכיות וזכרונות ושופרותינו :

היינט זאלסטו אונז אויס הערין מלכיות און זכרונות ושופרות :

לתקוע בשופר גדול לחרותינו :

צו בלאזין מיט איין גרויסין שופר אז מיר זאלין פרייא ארויס גיין :

בתפלה רצה והשב את שבותנו :

אונזער תפלה זאלסטו באווילינן און קער אום אונזער אוסגערונג אין

אונזער לאנד אריין :

כְּבוֹד הַלְּבָנוֹן יִתְגַּלֶּה וּבְשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן עֵינֵינוּ תֶּחֱזֶינָה :

דָאס כָּבוֹד פון דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זָאל אַנְפְּלֶעקְט וֶוערין און אַז דוּ וֶועסְט דיך אום קֶערין קֵיין צִיּוֹן זָאלִין מִיר זוֹכֶה זֵיין צוּ זֶעהֶן דָאס מִיט אוּנְזֶערֶע אויגן :

הַיּוֹם רְצֵה אֶת שַׁוְעִי אֲשֶׁר אֲשַׁנֶּנָה :

הַיינְט פַר נֶעם מִיט דֵיין גוּטִין ווילִין מַיין גִישְׁרַיי וָואס אִיךְ טוּ הַיינְט ריידן :

הֲשִׁיבֵנוּ יְיָ אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה :

מַאךְ אוּנְז אוּם קֶערִין צוּ דִיר לִיבֶּער גָאט וֶועלִין מִיר תְּשׁוּבָה טָאן :

לְאַמְּצֵנוּ וּלְעָמְדֵנוּ בְּכוֹבַע יְשׁוּעוֹת לְהָנוֹת מִזִּיו הַשְּׁכִינָה :

צוּ שְׁטַארְקִין אוּנְז אוּן צוּ קְרַיינְגֶען אוּנְז מִיט אַיין קְרוֹין פוּן הִילְף מִיר זָאלִין הֲנָאָה הָאבִּין פוּן דֶער לוֹיטֶערֶער שְׁכִינָה. אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן :

תחנה לראש השנה

דִיא תְּחִנָּה זָאגְט מֶען בֵּיידֶע טֶעג ראש הַשָּׁנָה נָאךְ לִיכְט בֶּענְטְשְׁן :

הִנְנִי בָּא לְדַבֵּר לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם :

נוּן אִיךְ קוּם אַצוּנְד צוּ רֵיידִין פַר דִיר גָאט וָואס דוּ בִּיסְט מַיין פָאטֶער אִין הִימֶל אוּן שְׁטֶעל מִיךְ אַנִידֶער צוּ תְּפִלָּה טָאן פַאר דִיר דֶער בַּארִימְהֶערְצִיגֶער פָאטֶער :

בְּלֵב נִשְׁבָּר וְרוּחַ נְמוּכָה וְקוֹמָה כְּפוּפָה :

מִיט אַיין צוּ בְּרָאכִין הַארְץ וָואס עֶס צוּ גֵייט אִין מִיר אַזוֹי וִויא וַואסֶער אוּן מִיט אַיין נִידֶערִיגִין גִימִיט אוּן אַיין גִיבּוֹיגִין שְׁטַאנְד :

כִּי יִרְאָה וּרְעָדָה אֲנִי מֵאֵימַת דִּינְךָ :

דֶען אִיךְ פָארְכְט מִיךְ זֵייעֶר אוּן צִיטֶער פוּן דֶער פָארְכְט פוּן דֵיין מִשְׁפָּט וָואס דוּא זֶעצְט זִיךְ הַיינְט צוּ מִשְׁפָּטִין גָאר דִיא וֶועלְט :

זֵכֶר כָּל הַמַּעֲשִׂים לְפָנֶיךָ בָּא :

הַיינְטִיגֶען טָאג טוּט פַאר דִיר קוּמֶן דָאס גִידֶעכְנִישׁ פוּן אַלֶע מַעֲשִׂים וָואס דֶער מֶענְשׁ טוּט אַגַאנְצִין יָאר סַיי דִי זַאכִין וָואס עֶר טוּט אוֹיפִין בַּארְלִיךְ אוּן סַיי דִי זַאכִין וָואס עֶר טוּט פַאר בָּארְגֶענֶער הֵיידּ :

הַיּוֹם יִכָּתְבוּ הַבְּרִיּוֹת לַחַיִּים וְלַמָּוֶת :

הַיינְטִיגִין טָאג טוּעֶן גִישְׁרִיבִּין וֶוערִין אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ פוּן דֶר וֶועלְט צֵיי זָאלִין לֶעבִּין בְּלַייבִּין אָדֶער זֵייא זָאלִין גִיטֵייט וֶוערִין :

וְאָנֹכִי אִשָּׁה קְשַׁת רוּחַ הַנִּצֶּבֶת בְּלֵב מַר :

אוּן אִיךְ אִשָּׁה (פלונית בת פלונית) הָאבּ אַיין שְׁוֶוער גִימִיט אוּן אִיךְ שְׁטֵייא מִיט אַבִּיטֶער הַארְץ דֶען אִיךְ טוּא מִיךְ בַּדֵיינְקֶען אוֹיף מֵיינֶע מַעֲשִׂים פוּן אַגַאנְץ יָאר :

מיין אטום איז קורץ פון צו ריידין פאר דיר דערבארימדיגער פאטער און עס בלייבט אין מיר קיין נשמה ניט איך זאל עפענען איצונד מיין מויל:

ידעתי את מריי ואת ערפי הקשה :

איך וויים זייער גוט וואל מיין ווידר שפעניקייט אקעגין דיר און וואס איך בין הארט אקעגדיג גיוועזן פון צו הערין אין דיינע ליבע הייליגע גיבאט :

סלפתי את דרכי ושמעתי ליצרי הרע :

איך האב פאר קרימט מיינע וועגין און האב גיהערט איז דעם קול פון דעם יצר הרע וואס האט מיך אן גירעט אז איך זאל טאן חטאים ועונות ופשעים צו דר צערעגען דיין ליבין הייליגין נאמען :

אוי לי ואוי לנפשי כי תמאתיה :

וויא טו איך שרייען אויף מיר און וויי אויף מיין לייב דען איך האב זיא פר אום ריינינגט מיט מיינע בייזע מעשים וואס איך האב גטאן אגאנץ יאר:

איזה זכות אבקש בקומך לשפטני :

וואס פאר איין זכות קען איך גיפינען אויף מיר און אויף מיין לייב ווען דו וועסט אויף שטיין צוא משפטין מיך היינט אין דעם יום הדין:

רחם עלי כרוב רחמיך לצדקני במשפט :

רבונו של עולם איך בעט דיך האב אויף מיר רחמנות אזויא וויא דיין פיל דער בארימקייט צוא גירעכט מאכין אין דעם משפט און זאלסט אן שרייען אין די מקטרגים זיי זאלין ניט ריידין קיין בייז אויף מיר:

כי רחום וחנון אתה ומרבה לסלוח :

דען דו ביסט אדערבארמיגער און איין לייטזעליגר און טוסט מערן צו פאר געבין אויף די זינד פון דעם מענשן האטשע ער זינדיגט פיל מאל . וויא באלד ער טוט תשובה מיט זיין גאנץ הארץ געמסטו אן זיין תשובה:

הלא אנו בניך ואתה אבינו :

ליבער גאט פאר וואר דו ביסט דאך אונזער פאטער און מיר זיינען דיינע קינדער דרום גיהערסטו דרבארימען זיך אויף אונז כרחם אב על בנים אזוי ווי איין פאטער האט רחמנות אויף זיינע קינדער :

אל תעש כלה לשארית ישראל עמך :

זאלסט ניט טאן קיין פאר לענדונג צוא דעם איבער בלייבונג פון דיין ליב פאלק ישראל וואס זיי זיינען איבער גיבליבן זייער איין ווינציגע צאל:

זכור דמם אשר נשפך כפלגי מים :

גדיינק דער בארימיגער גאט דאס בלוט פון דיין פאלק ישראל וואס עס איז יענע צייטען פאר גאסען געווארין אזו וויא טייכען מיט וואסער וואס זיא זיינען געטויט געווארען אויף קידוש השם

ואל ישפך דמם עתה בחרב מלאך המות :

און אין דעם זכות זאלסטו זיי אן שרייבין צו איין לעבדיגן יאר און עס זאל ניט
פאר נאסין ווערין זייער בלוט דורך דער שווערד פון דעם מלאך המות :

וראה עמך כלם מתקבצים אל בית תפלתם :

און קוק ליבער גאט ווי אזו דיין ליב פאלק ישראל טוען זיך היינט איין זאמלן
מיט אנאנדער אין די שולן צו וויינען און שרייען און טאן תפלה פאר דיר :

זועקים אליך בלב מר ודורשים חסדיך :

זיי טוען שרייען צו דיר אלע מיט אביטער הארץ און מיט אצוברכין גימיט
און פארשטין פון דיר דוא זאלסט מיט זיי טאן גנאד און דער בארימקייט:

מצפים לישועתך ועיניהם לך תולים :

זיא טוען האפן צו דיין גוטע הילף און זייערע אויגען הייגען צוא דיר און
קוקין ארויס אז דוא זאלסט זיך דער בארימען אויף אונז און שרייב
אונז היינטיגען טאג אין דעם ספר פון לעבין :

ואתה אל רחום זכרנו לחיים טובים ומתוקים :

און דו דער בארעמיגער גאט בעט איך דיך דו זאלסט אונז גידיינקן צו איין
גוטן לעבין און זיסע יאהרין מיך און מיין מאן און מיינע קינדער
און כל ישראל אחינו :

ותעלה לפניך לרצון ברכתי על הנרות :

און עס זאהל אויף גיין פאר דיר דער בארעמדיגער פאטר צום גוטן ווילין
דיא ברכה וואס איך האב גימאכט אויף דיא ליכט וואס איך האב
אן גיצונדין לכבוד דעם הייליגין יום הדין :

בחסדיך המקרבים את משפטי להאירה :

און אזו ווי איך האב גיטאן דער לייכטין מיין הויז מיט די ליכט וואס איך
האב גיבענטשט אזו רבונו של עולם זאלסטו דערלייכטין מיין משפט
דוא זאלסט מיך משפטן צוא גוטין :

ולא יחשך אור חיי נפשי בעולם הזה :

און עס זאל חלילה ניט פינצטער ווערין דאס לייכטיקייט פון דעם לעבין פון
מיין לייב אויף דער וועלט . מיין שיין זאל ניט פאר גיין אזו וויא דיא
שיין פון דער זון גייט אונטער אויף דער נאכט:

ותאיר את מזלי לפרנסה טובה וכלכלה :

און זאלסט דער לייכטין ליבער גאט מיין מזל און דאס מזל פון מיין מאן
און מיינע קינדער צוא אגוטע פרנסה און שפייז מיר זאלין ניט דארפן
אן קומען צוא דער גאב פון איין בשר ודם נייערט צוא דיין פולע
גיבענטשטע האנד :

וְאֶת עֵינֵי בַּעֲלִי וְזַרְעִי תָּאִיר בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה:
און די אויגען פון מיין מאן און מיינע קינדער זאלסטו דער לייכטין אין דיין הייליגער תּוֹרָה אזו וויא איך האב דער לייכט גאר מיין הויז מיט דיא ליכט וואס איך האב גיבענטשט לִכְבוֹד ראש השנה:
וְלֹא תִבְעַר עָלֵינוּ חֲמָתְךָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם:
ליבער גאט דער בארעמדיגער גאט עס זאל ניט ברענען אויף אונז דיין גרים צארין פון היינט ביז אייביג און זאלסט מיט אונז גאר טאן גינאד און דער בארימקייט:
וְתַכְרִית וּתְכַלֶּה כָּל הַמְקַטְרְגִים עַל יִשְׂרָאֵל:
זאלסט פאר שניידין און פאר לענדין אלע וואס ריידין פאר דיר ביז אויף דיין ליב פאלק ישראל שרייא אן אין דעם שטן און אין אלע ביינע מלאכים זיי זאלין פאר שליסין זייער מויל פון צו ריידין אויף אונז ביז:
וְהָאֵר פָּנֶיךָ עַל מִקְדָּשְׁךָ הַשָּׁמֵם אָמֵן סֶלָה:
און מאך לייכטין ליבער דר בארעמדיגער גאט דיין הייליגע שיין אויף דעם בית המקדש וואס ער איז וויסט און חרב שוין פון ווי פיל יאר און מיר זאלין זוכה זיין צו צינדין ליכט אין דער הייליגער מנורה במהרה בימינו אמן סלה:

סדר תשליך

ראש השנה דעם ערשטין טאג נאך מנחה גייט מען צוא איין טייך און מען זאגט דאס און ווען עס גיפאלט אום שבת גייט מען דעם אנדערין טאג ראש השנה:

מִי אֵל כָּמוֹךָ נוֹשֵׂא עָוֹן וְעוֹבֵר עַל פֶּשַׁע לִשְׁאֵרִית נַחֲלָתוֹ לֹא הֶחֱזִיק לָעַד אַפּוֹ כִּי חָפֵץ חֶסֶד הוּא: יָשׁוּב יְרַחֲמֵנוּ יִכְבּוֹשׁ עֲוֹנוֹתֵינוּ וְתַשְׁלִיךְ בִּמְצוּלוֹת יָם כָּל חַטֹּאתָם: תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב חֶסֶד לְאַבְרָהָם אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ לַאֲבוֹתֵינוּ מִימֵי קֶדֶם: מִן הַמֵּצַר קָרָאתִי יָהּ עָנָנִי בַמֶּרְחָב יָהּ: יְיָ לִי וְלֹא אִירָא מַה יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם: יְיָ לִי בְּעֹזְרָי וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשׂנְאָי: טוֹב לַחֲסוֹת בַּיְיָ מִבְּטֹחַ בָּאָדָם: טוֹב לַחֲסוֹת בַּיְיָ מִבְּטֹחַ בִּנְדִיבִים:

מי אל כמוך ווער איז אגאט ווי דו דער דא פאר טראגט אום רעכט און ער טוט איבער פארין אויף מיסטייט צו די איבער בלייבונג פון זיין ארב ער האלט ניט צו אייביג זיין צארין דען ער באגערט גינאד: דרום וועט ער ווידר קערן דר בארימן אונז ער טרעט אויף אונזר זינד און ווארפסט אין טיפעניש פון דם ים אלע זייערע עבירות: דו גיבסט די מדה פון אמת צו יעקב און די מדה פון חסד צו אברהם דאס דו האסט גישוואוירין צו אונזערע עלטערן פון פאר מאלם: פון איינגשאפט טו איך רופן צו גאט טוט גאט מיר ענטפערן אין דער ברייטערונג: גאט איז מיט מיר דרום פארכט איך מיך ניט וואס קען

רננו צדיקים ביי לישרים נאוה תהלה: הודו ליי בכנור בנבל עשור זמרו לו: שירו לו שיר חדש היטיבו נגן בתרועה: כי ישר דבר יי וכל מעשהו באמונה: אהב צדקה ומשפט חסד יי מלאה הארץ: בדבר יי שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם: כונס כנד מי הים נותן באוצרות תהומות: ייראו מיי כל הארץ ממנו יגורו כל יושבי תבל: כי הוא אמר ויהי הוא צוה ויעמד: יי הפיר עצת גוים הניא מחשבות עמים: עצת יי לעולם תעמד מחשבות לבו לדור ודור: אשרי הגוי אשר יי אלהיו העם בחר לנחלה לו: משמים הביט יי ראה את כל בני האדם: ממכון שבתו השגיח אל כל יושבי הארץ: היוצר יחד לבם המבין אל כל מעשיהם: אין המלך נושע ברב חיל גבור לא ינצל ברב כח: שקר

אין מענש מיר טאן: גאט איז אין מיינער הילף דרום וועל איך בודאי זעהן אמפלה אין מיינע פיינד: עס איז בעסער אבטחון צו האבין אין גאט אידער צוא האבין אבטחון אין אמענטשען: עס איז בעסער צוא פאר זיכערין זיך אויף גאט אידער צוא פאר זיכערן זיך אויף דיא מלכים:

רננו לויבט צדיקים צו גאט צו די רעכט פארטיגע איז שיין אלויב: לויבט גאט מיט אהארף מיט אפידל פון צעהן שטרונגעס: לויבט צו אים איין נייע לויב מאכט שיין צו שפילן מיט אוים גישריי פון שופר: ווארום רעכט פארטיג איז גאטס רייד און גאר זיין ווערק איז מיט ווארהאפטיקייט: ער האט ליב צדקה ומשפט דער חסד פון גאט איז פול דיא וועלט: מיט גאטס רייד זיינן גיווארין די הימיל און מיט דעם אטום פון זיין מויל גאר דיא הערשאפט פון הימיל: ער זאמעלט איין וויא אמויער דיא וואסר פון דעם ים ער גיט אין די באהעלטענעס די אפ גרונטין: פארכט איך פאר גאט אלע לייט פון דער וועלט פאר אים זאלין מורא האבין אלע דיא זיצער אויף דער וועלט: ווארום וואס ער זאגט איז אזו וואס ער שאפט בלייבט שטיין: גאט האט פאר שטערט דאס טראכטונג פון די היידין ער האט פאר מיטין דאס טראכטין פון שלעכטע פעלקער: גאטס עצה בלייבט שטיין אויף אייביג די מחשבה פון זיין הארצין בלייבט פון איין דור צום אנדערין דור: וואל דעם פאלק וואס דער רעכטער און ווארהאפטיגער גאט איז זיין גאט וואל דעם פאלק וואס ער האט גאט אוים גיקליבין פאר איין ארבונג צו אים: פון דעם הימל לוגט גאט ער זעהט די אלע קינדער פון אדם: פון דעם ארט וואס ער האט אן גיגרייט ער זאל דארטין זיצין טוט ער קוקין צו אלע די זיצר פון דער ערד: דר וואס האט באשאפן אלע הערצר פר שטייט ער בודאי אלע זייערע ווערק: דער מלך ווערט ניט גיהאלפין דורך זיין פיל פיל-דער שטארקסטער ווערט ניט נצול אין דער מלחמה חאטשע ער האט

חַסוּם לִתְשׁוּעָה וּבְרוֹב חֵילוֹ לֹא יְמַלֵּט: הִנֵּה עֵין יְיָ אֶל יְרֵאָיו לַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ: לְהַצִּיל מִמָּוֶת נַפְשָׁם וּלְחַיּוֹתָם בָּרָעָב: נַפְשֵׁנוּ חִכְּתָה לַייָ עֶזְרֵנוּ וּמָגִנֵּנוּ הוּא: כִּי בוֹ יִשְׂמַח לִבֵּנוּ כִּי בְשֵׁם קָדְשׁוֹ בָטָחְנוּ: יְהִי חַסְדְּךָ יְיָ עָלֵינוּ כַּאֲשֶׁר יִחַלְנוּ לָךְ:

נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען דָאס:

לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת יְיָ כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ עַל יְדֵי הָאָרַת תִּקּוּנִים עַתִּיקָא קַדִּישָׁא דְעַתִּיקִין בִּזְעֵיר שֶׁבַּאֲרִיךְ יִכְבְּשׁוּ רַחֲמֶיךָ אֶת כַּעַסְךָ וְיִגּוֹלוּ רַחֲמֶיךָ עַל מִדּוֹתֶיךָ וְתִתְנַהֵג עִמָּנוּ בְּמִדַּת הָרַחֲמִים וְתִתֶּן לָנוּ חַיִּים אֲרוּכִים וְטוֹבִים בְּעִסְקֵי תוֹרָתֶךָ וְקִיּוּם מִצְוֹתֶיךָ לַעֲשׂוֹת רְצוֹנֶךָ אָמֵן וְכֵן יְהִי רָצוֹן:

שִׁיר לַמַּעֲלוֹת אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי: עֶזְרִי מֵעִם יְיָ עוֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ: וְאוֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נוֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם: וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ יְיָ עֵת רָצוֹן אֱלֹהִים בְּרָב חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ: הִנֵּה לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל: הִנֵּה עֵין יְיָ אֶל יְרֵאָיו לַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ: הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ: כִּי עִמְּךָ הַסְּלִיחָה לְמַעַן תִּוָּרֵא: חַנּוּן וְרַחוּם יְיָ אֶרֶךְ אַפַּיִם וּגְדָל חָסֶד: בְּאוֹר פְּנֵי מֶלֶךְ חַיִּים וּרְצוֹנוֹ כְּעָב מַלְקוֹשׁ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְיָ וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים: אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה יְיָ בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן: כַּשֶּׁמֶן הַטּוֹב עַל הָרֹאשׁ יוֹרֵד עַל הַזָּקָן זְקַן אַהֲרֹן שֶׁיֹּרֵד עַל פִּי מִדּוֹתָיו:

פִיל פֿוּן נָאר מִיט גָאט ב"ה אִיז זַיין הִילְף: עֶס אִיז לִיגְן אוּן פַֿאלְשׁ אַז דָאס שְׁטַארְקַייט פוּן אַפֶערְד זָאל הֶעלְפֿן. מִיט זַיין פִיל חַיִל וֶוערְט עֶר נִיט אַנְטְרוּנֶן אִין דֶער מִלְחָמָה: גָאט גִיט אַכְטוּנְג צוּ זַיינֶע פֶֿארְכְטִינֶע צוּ דִי וָואס הָאפְן צוּ זַיין גְנָאד: צוּ מַצִּיל זַיין פוּן דֶעם טוֹיט זֵייעֶר לֵייבּ אוּן דֶער גֶערִין זֵיי הָאטְשֶׁע עֶס אִיז אַהוּנְגֶער: אוּנְזֶערֶע לֵייבֶּר טוּעֶן הָאפִין צוּ גָאט: אוּנְזֶער הֶעלְפֶֿער אוּן אוּנְזֶער בַּאשִׁיטְצֶר אִיז עֶר: וָוארוּם מִיט אִים טוּט זִיךְ פְֿרֵייעֶן אוּנְזֶער הַארְץ אִין זַיין הֵיילִגְן נָאמֶען פַֿר זִיכֶערִין מִיר זִיךְ: עֶס זָאל זַיין דַיין גְנָאד אוֹיף אוּנְז וִוי מִיר הָאפְן צוּ דִיר: לֹא יָרֵעוּ זֵיי אִיבְּלֶען נִיט אוּן זֵיי פַֿרדַארְבְּן נִיט אִין מַיין הֵיילִיגְן בַּארְג. דֶען דָס לַאנְד אִיז פוּל מִיט וִויסִין שֶׁאפְֿט פוּן גָאט אַזוֹ וִוי וַואסֶער דֶעקְט צוּ דֶעם יָם:

אַיין נַייעֶ תְּחִנָּה צוּא תַּשְׁלִיךְ:

רִבּוֹן הָעוֹלָמִים הֶער פוּן אַלֶע וֶועלְטְן. דוּ הָאסְט אוּנְז גִישְׁרִיבְּן אִין דַיין הֵיילִגֶע תּוֹרָה צוּ מַאכִין הֵיינְטִינְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶען אִין הֵיינְטִינְן טָאג זִיצְטוּ אוֹיף דֶעם שְׁטוּל פוּן מִשְׁפָּט צוּ מִשְׁפְּטֶן דִי גַנְצֶע וֶועלְט קְלֵיין אוּן גְרוֹיס. יוּנְגֶע אוּן אַלְטֶע. אָרֶעם אוּן רֵייךְ. צוּ מִשְׁפְּטֶן זֵיי צוּ גוּטְס אוּן צוּ שְׁלֶעכְטְס. צוּ גְלִיק אוּן צוּ אוּנְגְלִיק. צוּם טוֹיט אוּן צוּם לֶעבְּן. יֶעדְרִין נָאךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים וִוי עֶר

האט פר דינט. ווי ער איז ווערט. און מיר ווייסן אז מיר זיינן פול מיט זינד.
מיר האבן ניט מקים גיוועזן וואס דו האסט גישריבן אין דיין היילגע תורה.
און מיר האבן געגן דיר ווידר גישפעניגט. דרום זיינן מיר זייער ערשראקין פר
דם יום הדין. און עס איז אויף אונז אגרוס פחד. פיל ייכט וועסטו אונז משפטן
נאך אונזרע בייזע מעשים. וועלן מיר חלילה קיין תקומה ניט האבן. דרום קומן
מיר היינטיגן טאג צום וואסר צו פליסן טרערן ווי וואסר. דרום קומן מיר צום
וואסר בעטן דיר אז דו זאלסט זיך מיט אונז בגיין מיט ערבארימקייט מיט חסד
וואס איז גיגליכן צו וואסער. און זאלסט אונז היינט צום יום הדין ערוועקין
דיינע גוטע מדות. צו ריינגן אונז פון אונזרע זינד וואס זיינן פיל ווי אין מער
וואסר. און זאלסט אפ וואשן אלע אונזרע פלעקן ווי וואסר. דו זעהסט וואס
ביי יעדר מענש איז אין הארץ. דו קוקסט דורך יעדר קערפר ווי וואסר.
עס איז פון דיר קיין זאך ניט פר הולן. קיינר קען זיך פון דיר ניט בהאלטן.
אויסר דיר קען קיין באשעפנים ניט לעבן ווי א פיש אן וואסר. ווען חלילה דו
וואלסט זיך באגיין מיט דער וועלט אקליינוויילע מיט מדת הדין. ווען דו
וואלסט באצלן אמענטשן נאך זיינע מעשים. פינקטליך וויא ער האט פאר
דינט. וואלט די וועלט קיין קיום ניט האבן. נאר דו צאמסט ארום דעם
מדת הדין מיט דיין מדת הרחמים. ווי די ברעגען פון ים צאמן ארום דעם
וואסר. דרום קומן מיר היינט צום וואסר ניט מיט אונזרע גוטע מעשים.
ניט מיט אונזרע גירעכטיגקייט. נאר מיר פאר האפן אויף דיין גנאד
און דיין מדת הרחמים. וואס זיינען אזו פיל ווי אין ים דאס וואסער. מיר
זיינען זיך מתודה אויף אונזרע בייזע מעשים וואס מיר האבין גיטאן ביז
אהער. און אונזר הארץ איז דרויף זייער צו בראכין וואס מיר האבין געגין
דיר ווידער גשפעניגט און דיר ערצערינט. מיר האבען ניט גיהיט דיין
היילגע תורה. מיר האבן ניט מקיים גיוועזן דיינע היילגע מצות. מיר בעטן
פון דיר העך פון דער גאנצער וועלט. וואס אין דיין האנט איז די זייל און דער
לעבין פון אלע מענשן. מיר בעטן פון דיר דו זאלסט אפ מעקן אלע אונזרע
זינד און אלע אונזרע שטרי חובות. דען מיר האבן ?ט מיט וואס איין צו צאלן
דאס וואס מיר זיינן שולדיג. מיר זאלן חלילה ניט בדארפן צאלן מיט אונזר
לעבן מיט דעם לעבין פון אונזרע קליינע קינדער. און פון איצטער אן און
ווייטער זאלסטו אונז העלפן מיר זאלן קענן דיך דינן מיט דעם גאנצן הארצן
דו זאלסט אונז באשאפן אגוט הארץ. מיר זאלין היטין אלע דיינע גיבאטין.
עס זאל ביא אונז ניט זיין קיין קנאה שנאה. מיר זאלן איינער מיט דעם
אנדערן גוטס טאן. מיר זאלן יעדער טראכטן גוטס. און מיר זאלין איינר
דעם אנדערן ליב האבין וויא זיך זעלבסט. און מיר זאלין זיין גיליבט ביי

אנדערע אין די אויגן · מיר זאלין נאר קיין שלעכטע גידאנקען ניט האבין
אין זינן · מיר זאלן ווערט זיין פון היינט אן אז דו זאלסט מיט אונז גוטס טאן ·
און זאלסט היילן אלע צו בראכנע הערצער · דו זאלסט אונז געבין איאר פון
לעבין · איאר פון גיזונד · איאר פון פרנסה איאר פון גוטס · דו זאלסט ניט צו
נעמן אפאטר פון זיינע קינדר ניט אין דר צייט · עס זאלן ניט בלייבן אלמנות
און יתומים ווי אשיף אן ארודר · און ווי אשטאדע שאף אן אהירט · דו זאלסט
ניט צו נעמן אמוטר פון קליינע קינדר · און קינדר זאלסטו ניט אוועק נעמען
ביי אפאטער און מוטער עס זאל ביי אונז קיין בראך און קיין אומגליק ניט
גישעהן אין אונזערע הייזר · אונזר בלוט זאל זיין אין גאנצען · מיר וויינען און
שרייען היינט · אז אגאנץ יאר זאלין מיר שוין מער ניט דארפן שרייען און
וויינען חלילה · מיר זאלין אגאנץ יאר קיין טרערן ניט פר גיסין · און דו זאלסט
ערפרייען אלע בטרעבטע הערצר · אלע צו בראכענע געמיטהן · דו זאלסט יעדן
ערפילין וואס אים פעלט · אלע וואס ליגין קראנק רחמנא ליצלן זאלסטו זייא
היילין און צו שיקין ארפואה שלמה זיי זאלין גיזונד און שטארק ווערין · אלע
וואס זיינן במקום סכנה זאלסטו זיי בשיצן מיט דיין רעכטע האנד און זאלסט
זיי באשירמן פון זייער גיפאר · אלע עקרות זאלסטו באפעלן זיי זאלן טראגין
ווערן · און אלע חשוכי בנים זאלן ערפרייט ווערן מיט זרע של קימא · זיי זאלין
מער ניט זיין ווי צו דארטע בוימער נייערט וויא בוימער וואס גיבין פרוכט ·
אלע טראגעדיגע פרויען זאלסטו היטין זיי זאלן ניט מפיל זיין חס ושלום ·
און זאלן גיווינן אין דער צייט · אלע גווינערינס זאלן בשלום גווינן אן צער ·
אן חבלי לדה · אן ווייטאג · אן יסורים אן שום סכנה און אומגליק · און זאלן
האבן לאנג לעבעדיגע קינדער · זיי זאלן פון זיי קיין צער גידול בנים ניט האבן ·
זיי זאלין זיי אויף האדעווען צו תורה און צו מעשים טובים · זיי זאלן ניט פר
שעמען זייערע עלטרין · זיי זאלין זיין גוט און פרום צו גאט און צו מענטשן ·
רבונו של עולם גיב אונז אגוט יאר ווס מיר זאלן ניט פר שעמט ווערן · זאלסט
אונז היטן פון ארימקייט מיר זאלין חלילה ניט בדארפין אן קומען לידי מתנת
בשר ודם · מיר זאלן ניט בדארפן אן קומן איינר צום אנדערן דען די גאב פון
אמענשן איז קליין און די שאנד איז זייער גרויס · נאר דו זאלסט אונז ערנערן
פון דיין איינענע האנד · דוא זאלסט אונז צו שיקין אכשרע פרנסה אגרינגע
פרנסה · אן צער אן לייד אן שוועריגקייטן · מיר זאלן ביי לייטן ניט דארפין
וואס נעמן · רבונו של עולם דו זאלסט אונז ניט צו נעמען פון דער וועלט פאר
דער צייט ביז וואנען מיר וועלן אויס לעבן אונזערע יארן · און מיר וועלן אויס
האדעוון אונזערע קינדר · און מיר זאלן פון זייא נחת האבן זיי זאלן גיין אין
דיא רעכטע וועג · אונזערע הערצער זאלין זיך פריען אמן :

תחנה לתשליך

הבט משמים וראה קוק אונזער הייליגער גאט פון הימיל אויף אונז אין דר נידער. אזו ווי די וואסר גייט פון הויך אין דר נידר. קוק און זעה ווי מיר שטייען דא פר דיר מיט שרעק מיט גרויס פארכט און מיט ציטערניש. מיר קאנן ניט אין שטיין אויף אונזר ארט פון שרעק. אזו ווי די וואסר שטייט ניט אויף איין ארט. דער בארים זיך אויף אונז און עס זאל אוועק גיין אונזרע פאריגע זינד אזו ווי די וואסר גייט אוועק. זאלסטו אריין ווארפין אונזרע חטאים אין איין ארט וואס זיי זאלין מער ניט קומן אזו ווי די וואסער גייען אין פאלן אריין אין טיפין מער. יוא מיר האבן גיזינדיגט. אבר איצונד איז אונזער הארץ קלאר וויא דאס וואסר. העלף אונז אז מיר זאלין קענן טאן שפעטר אלס וואס מיר האבין די איצטיגע ווייליע אין אונזר גידאנקען. טוא מיט אונז גינאד פון וועגין דיין הייליגע תורה וואס זי איז גיגליכין צו וואסר. דען די תורה קען מען ניט מקיים זיין אין קבר. זיא איז ניט גיגעבין גיווארין פאר טויטע. דרום לאז אונז לעבן מיר זאלין זיא מקיים זיין און גוטס טאן אויף דר וועלט. מיר זאלן פריכטן וואס מיר האבן ביז יעצט קיילע גימכט. הושיעה ה׳ העלף אונז גאט צו דינן דיר מיט דם גאנצן הארצן מיר זאלן פאר ברייננן אונזרע יארן אין פרומקייט אין ערליכקייט. אונזר עלטר זאל ניט פר שעמן אונזער יוגענד. דו זאלסט אונז ניט ברייננן לידי נסיון. מיר זאלין ניט גפרובט ווערן. מיר זאלן ניט קומן לידי בזיון. מיר זאלן ניט פר שעמט ווערן. מיר זאלין חלילה צו דער עלטר ניט בדארפן אן קומן צו פרעמדע טישן. מיר זאלן ניט בדארפין חלילה אן קומן צו קינדער צו קרובים און צו די נאב פון אמענשן. מיר זאלן אויס לעבן אונזרע יארן מיט אונזרע מאנן מיר זאלן ניט פרנאנדר גשייד ווערן. מיר זאלן ניט אפ גריסן ווערן איינר פון אנדערין. דו זאלסט אונז ניט אוועק ווארפן צו דר צייט פון אונזר עלטר. דו זאלסט אונז ניט פר לאזן ווען מיר וועלן שיין זיין שלאף. מיר זאלין זיין מיט דעם גאנצן זינן ביז דאס לעצטע ווייליע. מיר זאלין קיין צער ניט האבין פון אונזרע קינדער אין גאנצן לעבן. מיר זאלן קיין צער ניט זעהן אין אונזר גאנצע פאמיליע. אין אונזרע גוטע פריינד. און אין כלל ישראל. און אין דער גאנצער וועלט. חדש עלינו באנייא אויף אונז ליבר גאט דעם נייעם יאר. אז עס זאל זיין איאר פון ברכה פון זול. עס זאל חלילה קיין הונגער ניט זיין אויף דער וועלט. איאר פון פרנסה פון גוטע גשעפטין איאר פון שלום פון מנוחה עס זאל חלילה קיין מגפה ניט זיין אויף דער וועלט. קיין שום שלעכטע איבער גאנג. קיין שום צרה. מיר זאלן אלע זיין גיהיט פון שאדן פון פייער פון **וואסער. פון אלע שטרויכלונג. פון אלע בייזע באגעגעניש. פון אלע**

מקרים רעים אמן:

תחנה לתשליך

קולנו הער צוא אונזער שטים גאט אונזר גאט · פאר נעם אונזער גישרייא · האב אויף אונז רחמנות און נעם צו אונזער גיבעט וואס מיר בעטין דא ביי דיר דעם וואסער · וואס מיר זיינען גיקומען מאכן דיר פאר אקיניג ווי עס איז גיוועזן פאר צייטין דער שטייגער אז מען פלעקט זאלבין איין קיניג בייא דעם וואסער · נעם צו אונזער תפלה מיט רחמים מיט באווילינג און דער מאן אונז היינט דעם זכות פון אונזערע עלטערין וואס דוא האסט זייא גיענטפערט בייא דעם וואסער וויא עס שטייט גישריבין אין דיא הייליגע ספרים · דער מאן אונז דעם זכות פון אדם הראשון וואס ער איז גיזעסין הונדערט מיט דרייסיג יאר אין וואסער און האט תשובה גיטאן אויף זיינע זינד · דער מאן אונז דעם זכות פון נח הצדיק וואס דוא האסט אים גיהאלפין אין וואסער · און ער איז אנטרונען גיווארין פון מבול · דער מאן אונז דעם זכות פון אברהם אבינו וואס מען האט אים אריין גיווארפין אין קאלך אויבין און דו האסט פר לאשן דעם פייער וויא וואסער · דער מאן אונז דעם זכות פון יצחק וואס ער האט זיך פון דיינט וועגין גילאזט מקריב זיין און איז מיט זיין גוטין ווילין גיגאנגען צו דער עקידה און מלאכים פון הימיל האבן גיוויינט און גיפאלין טרערן ווי וואסער · דר מאן אונז דעם זכות פון יעקב וואס דו האסט אים גיענטפערט בייא דעם ברונעם וואסער · און האט זיך גיראנגילט מיט דעם מלאך בייא דעם וואסער · דער מאן אונז דעם זכות פון משה ואהרן און כלל ישראל וואס דו האסט פאר זייא גישפאלטין דעם ים און דוא האסט זייא גיטאן גרוים וואונדער בייא דעם וואסער · דער מאן אונז דעם זכות פון יהושע וואס דוא האסט אים גישפאלטין דעם ירדן און איז אריבער דעם וואסער · דער מאן אונז דעם זכות פון אליהו הנביא און אלישע הנביא וואס זיי האבין גיטאן וואונדער בייא דעם וואסער · דער מאן אונז דעם זכות פון אלע צדיקים און פון אלע חסידים און נעם צוא אונזר תשובה און זאלסט אונז אן התמען אגוט יאר · אונז און אונזערע מאנן און אונזערע קינדער · און אונזער גאנצע פמיליע און אלע אונזערע גוטע פריינד · און ווען עס איז חלילה נגזר גיווארן אויף אונז אגזר דין און דר מדת הדין ברענט וויא אפייער · זאלין דיינע רחמנות פאר לעשין וויא וואסער · און דו זאלסט אויף זוכין אלע אונזערע זכיות · דער זכות פון אונזערע איינענע מצות · דער זכות פון אונזערע קליינע קינדר וואס זיינען ריין פון זינד ווי וואסער · דעם זכות פון וואס מיר גיבין זיי לערנען דיין הייליגע תורה · זאלסט אויף אונז דער וועקין דעם זכות פון אונזערע עלטערין · די אוים גילייטערטע נשמות · דעם זכות פון אלע צדיקים און צדקניות וואס אין גן עדן · און זאלסט אונז איין

שרייבין מיר מיט מיין מאן און מיינע קינדער אין דעם בוך פון לעבן אמן:
אנא ה' איך בעט דיך גאט דער גרויסר דער שטארקר און דער אלמעכטיגר.
נעם צו מיין תשובה וואס איך האב יעצט חרטה אויף מיינע זינד מיט דעם גאנצין הארצין. דוא ווייסט דאך אונזר קערפער. עס איז ניטא אין מענטש אויף דער וועלט וואס זאל טאן גאר גוטס און זאל ניט זינדגן. און דעריבער האסטו אונז גיגעבין דעם היילגין טאג ראש השנה מיר זאלין ניט פאר פאלן ווערן אין אונזרע זינד. מיר זאלין היינטיגין טאג תשובה טאן ווי עס שטייט גישריבין אין דיין היילגע תורה כי לא תחפוץ במות המת. דאס איז טייטש דו ווילסט ניט דער מענש זאל שטארבין נייערט ער זאל חרטה האבן און זאל תשובה טאן אויף זיינע זינד און זאל בלייבן לעבין. דרום זאלסטו צו נעמען מיין גיבעט און מיין תשובה צווישין דיא תפלות פון כלל ישראל. פון אלע צדיקים וצדקניות. און זאלסט מיר לאזן לעבין. דו זאלסט עפענן דיינע טויערין פון רחמים צו כל ישראל און צוא מיר אויך. דער הייך מיין מזל און דעם מזל פון מיין מאן און פון מיינע קינדער. דער לייכט זייערע אויגין אין דיין היילגע תורה. דער הייב דעם מזל פון כלל ישראל. זייא זאלין האבין חן אין דיא אויגין פון אונזר ליבין קייזער און זיינע שרים. און זאלסט אונז בויען דיין היילגין טעמפיל דעם בית המקדש. מיר זאלין זוכה זיין צוא זעהען מיט אונזערע אויגין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן:

תחנה פון עשרת ימי תשובה

אלה אזכרה ואשפכה עלי נפשי. ווען איך טו אן דם גידיינקן אזו פר גיס איך אויף מיר מיין לייב אז איך האב מיין תכלית גישטעלט אויף דער וועלט נאר פון דער פרנסה וועגן און האב ניט גטראכט אז איך וועל פר דעם משפט פון דעם יום הדין ווערן גיבראכט און וועל מוזין אויף אלע מיינע מעשים דין און חשבון אפ געבין אויף יענער וועלט און האב גאר ניט גיטראכט אז דעם מענטשינס לעבין אויף דר וועלט איז גאר ניט גיאכט דען ווען ער לעבט שוין אפילו טויזנד יאר איז גלייך אין דיינע אויגין ווי דער נעכטיגר טאג אזו וויא עס שטייט אין פסוק כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול דאס איז טייטש דען טויזנד יאר זיינן אין דיינע אויגין גלייך ווי דר נעכטיגער טאג. אדם ווי זאל דער מענטש ווערדיג ווערן אז ער טוט אלע טאג האפין צום טויט וויא עס שטייט גישריבן אדם איך יזכה בכל יום למות מחכה דען ביז אין דעם גרוב אריין טוט ער ביי טאג ניט רוען מיט מנוחה און ביי נאכט טוט ער גיט ליגן מיט מנוחה ויא עס שטייט עד שובו לעפרו לא ישקט דאס איז טייטש ביז

זיין אום קערין זיך צו דר ערד טוט ער ניט רוען · טאג און נאכט טראכט ער
וויא ער זאל זיין שפייז צו וועגן ברייגגן און איבר דר ביטערר פרנסה קאן
ער דעם ליבין גאט ניט דינען · דרום בעט איך דיך ליבער גאט אז דו זאלסט
אונז צו דעם נייעם יאר אן שרייבן צו איין גרינגע פרנסה כדי אז מיר זאלן
קענען דיך דינן בלב שלם און דיא פרנסה זאל זיין פון דיין מילדע גיטרייע
האנט און ניט פון איין מענטשן · אוי לי מה נאמר [illegible] ידבר וואס זאל איך
שוין ריידן ווייא צו מיר אויף מיינע יארן וואס איך האב פר בראכט אין ליידן
ווי עס שטייט טוב שלא נברא משנברא ליום צרה ועברה עס וואלט בעסער
גיוועז אז מען זאל גאר ניט באשאפן ווערין איידר מיר זאלן בשאפן ווערן צו
איין טאג פון לייד און גרים צארין דען דעם מענטשינס טעג זיינען ווייניג און
שלעכט און גייען גיך אוועק מיט לויטער שאנד און צום סוף מוז ער ערשט
געבין חשבון פאר גאט ב״ה אויף אלע זיינע מעשים וואס ער האט איטליכין
טאג גיטאן און אויף אלעם קען ער ניט לייקענען דען זיינע מעשים זיינן אויף
גישריבן מיט זיין אייגנר האנד און אלע רגע איז ער ניט זיכר טאמר הייסט
מען אים אויף יענר וועלט גיין גיכר אזו ווי דער מענש דער שרעקט זיך זייער
ווען מען הייסט אים פלוצלונג פון דר וועלט אוועק גיין און ער האט מיט זיך
ניט קיין מעשים טובים אהין צו ברייננן און פון זיין עשירות נעמט ער ניט מיט
זיך ער איז נאקעט פון אלעם ווי עס שטייט ערום יצא מבטן אמו וערום ישוב
לבית עולמו ער איז נאקעט ארויס גיגאנגן פון זיין מוטערס בויך און נאקעט
מוז ער זיך אום קערן אין דר ערד אריין · פלוצלונג ווערט ער באצוואונגן אין
איין בייזער גען דאס איז דר צארינדיגער טאג דר יום המיתה דאס איז דאך
אזו איין טאג וואס הש״י נעמט אפ חשבון אויף אלעם וואס ער האט פר ריכט
אויף דער וועלט · דס איז אזו איין טאג ווס ער מוז אוועק גיין פון זיין ליכטיגן
הויז אין דעם פינסטערן גרוב · דאס איז אזו אטאג וואס זיינע אויגין ווערין
בלינד · זיינע איינענע קינדר און זיינע פריינד ווערן ביי אים ניט דרקענט ·
דער מענטש זאל גאר אין דעם גידיינקן ועט ער זיין צייט מיט דעם יצר הרע
ניט פאר בריינגן און וועט זיך ניט לאזין מיט אים צו פר פירן · אויך זאל ער
גידיינקן אז ער איז גיקומן פון אבשר ודם · אויך זאל ער גידיינקן אלע טאג
דעם גרוב פון זיין קבר וואס מען וועט אים בריינגן אין אזו איין ארט וואס איז
ווערים און מאדין · אויך זאל ער גידיינקן אז ער וועט מוזין חשבון געבן אויף
אלע זיינע זינד פון זיין גיבארן ביז דעם טאג וואס ער ווערט פון דר וועלט פר
לארן · אלע טאג און נאכט פון זיין לעבן ווען ער לעבט שוין אפילו הונדערט
יאר זיינען זיי הבל הבלים זיי גייען אוועק אין צרות און אין ליידין · ער האט
ניט קיין מנוחה ביז ער שלאפט אין קבר · אבר וואל דעם מענטשן וואס ער פר

ברייגגט זיין צייט אין תורה און אין מצות און האט אין זיך מעשים טובים. דען די תורה און מצות און מעשים טובים טוען אים בגלייטן אויף יענר וועלט. דרום בעט איך דיך ליבער גאט אל תקחני מהעולם הזה קודם זמני דו זאלסט מיך ניט אוועק נעמן פון דר וועלט פר מיין צייט כדי אז איך זאל קענן תשובה טאן אויף מיינע עבירות און זאל גוטס טאן אויף דער וועלט כדי איך זאל ניט פר שעמט ווערן אויף יענר וועלט. באווייז מיר דיין חסד וייל איך לעב נאך ווארום היספר בקבר חסדך אמונתך באבדון ווען דען דר צײלט ווערין אין קבר דיין חסד מיט דיין ווארהייט. מה אנו מה חיינו וואס איז דען גאר אונזר לעבן און וואס איז נאכט אונזר עשירות וואס מיר זאלן זיך דער מיט איבר נעמן ווי עס שטייט אדם ביקר בל ילין ווען דער מענטש איז אין גרויס ווערדיקייט טוט ער דער מיט ניט איבר נעכטיגן ווארום איינר טוט איין זאמלן פיל געלט און ווייסט ניט ווער עס וועט דאס ירשנן. ווי עס שטייט יצבור ולא ידע מי אוספם. נוא ווען עס איז יוא אזו וואס איז מיין האפנונג ניט מער גאר מכל פשעי הצילני פון אלע מיינע זינד זאלסטו מיך מציל זיין. צו דיר ליבר גאט טוא איך האפן דען דו ביסט שומע אל אביונים דו פאר נעמסט דאס געשרייא פון דיא אביונים. שור נא בעניי ועל תשור אל עוני לוג אין מיין ארומקייט און לוג ניט אין מיינע זינד און שרייב. אונז אן צום לעבין עס זאל זיין ארעכט לעבן. גאט דו שפייזט די גאנצע וועלט מיט דיין גרויס דר בארימקייט גיב אונז אזו איין פרנסה אז אונזרע מאנן און אונזרע קינדר זאלן ניט בדארפן מבטל זיין דיין תורה לערנן אז מיר זאלן דיך דינן בהרחבת הלב מיט אפרייליך הארץ און זאלסט אונז געבין אימליכן באזונדר זיין פרנסה פון דיין האנט אז קיינר זאל ניט בדארפין רחמנות צו האבן איינער אויף דעם אנדערין אמן סלה:

יהי עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט אז די שעה וואס איך שטיי און בעט פאר דיר זאל זיין איין שעה פון דער הערין מיין גיבט וואס איך טוא דיך בעטין און וואס איך האב אין הארצין זאלסטו מיר ממלא זיין כי אל רחום אתה דען דו ביסט איין דר בארימיגער גאט. עס זאל באווילגט זיין פאר דיר דיא זאג פון מיין מויל און די גידאנקען פון מיין הארצין דען דו ביסט גאט מיין באשעפער און מיין דער לייזער אמן כן יהי רצון:

סדר כפרות

מען נעמט די כפרה אין דער רעכטע האנד און מען זאגט נפש תחת נפש און מען זאגט דאס מיט דעם לשון דרייא מאל:

בני אדם יושבי חשך וצלמות אסירי עני וברזל:
יוציאם מחשך וצלמות ומוסרותיהם ינתק: אוילים

מדרך פשעם ומעונותיהם יתענו: כל אכל תתעב נפשם ויגיעו עד שערי מות: ויזעקו אל יי בצר להם ממצוקותיהם יושיעם: ישלח דברו וירפאם וימלט משחיתותם: יודו ליי חסדו ונפלאותיו לבני אדם: אם יש עליו מלאך מליץ אחד מני אלף להגיד לאדם ישרו: ויחננו ויאמר פדעהו מרדת שחת מצאתי כפר:

ווען איין זכר שלאגט כפרות זאל ער דאס זאגן דרייא מאהל:

זה חליפתי. זה תמורתי. זה כפרתי. זה התרנגול ילך למיתה. ואני אכנס ואלך לחיים טובים ארוכים ולשלום:

ווער עס שלאגט כפרות פאר זיך מיט נאך איינעם זאלן זייא דאס זאגן דרייא מאהל:

זה חליפתנו. זה תמורתנו. זה כפרתנו. זה התרנגול ילך למיתה. ואנחנו נכנס ונלך לחיים טובים ארוכים ולשלום:

ווער עס שלאגט כפרות פאר איין זכר זאל דאס זאגן דרייא מאהל:

זה חליפתך. זה תמורתך. זה כפרתך. זה התרנגול ילך למיתה. ואתה תכנס ותלך לחיים טובים ארוכים ולשלום:

ווער עס שלאגט כפרות פאר צווייא אדער פאר דרייא זכרים זאל דאס זאגן דרייא מאהל

זה חליפתכם. זה תמורתכם. זה כפרתכם. זה התרנגול ילך למיתה. ואתם תכנסו ותלכו לחיים טובים ארוכים ולשלום:

ווער עס שלאגט כפרות פאר איין נקבה זאל דאס זאגן דרייא מאהל:

זאת חליפתך. זאת תמורתך. זאת כפרתך. זאת התרנגולת תלך למיתה. ואת תכנסי ותלכי לחיים טובים ארוכים ולשלום:

ווען איינער שלאגט כפרות פאר צווייא נקבות זאל דאס זאגן:

זאת חליפתכן. זאת תמורתכן. זאת כפרתכן. זאת התרנגולת תלך למיתה. ואתן תכנסנה ותלכנה לחיים טובים ארוכים ולשלום:

ווען איין אשה מעוברת שלאגט כפרות פאר זיך זאל זיא דאס זאגן דרייא מאהל:

אלו חליפותינו. אלו תמורותינו. אלו כפרותינו. אלו התרנגולים ילכו למיתה. ואנחנו נכנס ונלך לחיים טובים ארוכים ולשלום:

תחנה פון כפרות שלאגין

די תחנה זאגט מען ערב יום כפור פריא איידער מען דאווינט ווען מען האט כפרות געשלאגין:

כפר לי אבי בעל הרחמים:

פאר גיב מיר מיין פאטער וואס דו ביסט א בעל הרחמים אויף די אלע חטאים עונות ופשעים וואס איך האב גזינדיגט פאר דיר און האב דיך לער

צערינט דער מיט וואס איך האב גיהערט אין דעם קול פון דעם יצר הרע צו גאך גיין נאך דעם גלוסט פון מיין הארצן סיי די זאך וואס איך האב געטאן מיט מיין גוטין ווילין פאר בארגינגער הייד און אנטפלעקטער הייד סיי וואכענדיג און סיי אין שלאף סיי מיט רייד און סיי מיט איין מחשבה מיט הערן אדר מיט זעהן מיט גאנג אדער מיט זיצין זאלסטו אויך פאר געבין וואס איך האב נארישקייט גיטאן פון דער צייט אן וואס איך בין אויף דער וועלט גיקומען:

כפר לי אבי בעל הרחמים:

פאר גיב מיר מיין פאטער וואס דו ביסט איין בעל הרחמים דען איך קום פאר דיר מיט מיין נידעריגין שטאנד און מיט איין צו בראכין גימיט. איך טוא מיך באדיינקן אויף מיינע בייזע מעשים וואס איך האב גיטאן אנאנץ יאר אוי לי ואוי לנפשי וויי איז צו מיר וויי איז צו מיין לייב דען איך האב מיר פר אום ריינגט אלע מיינע אברים מיט דיא נארישע זינד און איצונד קום איך מתודה צו זיין פר דיר דר בארמיגר פאטער און האב חרטה אויף מיינע בייזע מעשים און טו פארשטן פון דיר דו זאלסט זיין אין מיין הילף איך זאל שון מער ניט זינדיגן:

כפר לי אבי בעל הרחמים:

פאר גיב מיר מיין פאטער וואס דו ביסט איין בעל הרחמים דען דו ביסט איין פיל פאר געבער און דו ווילסט ניט אין דעם טויט פון שולדיגע מענטשין נייערט דוא באגערסט צוא זייער תשובה און איך טוא בעטין פון דיר דער בארימדיגר פאטער זאלסט געבין גידאנקן אין מיין הארצין איך זאל אן פאנגן צוא געמען זיך צום גוטין וועג דען וואס וועט דיר ארוים קומען אז דוא וועסט מיך מאכין נידערין אין דעם גרוב פון דעם גיהנם:

כפר לי אבי בעל הרחמים:

פאר גיב מיר מיין פאטער וואס דוא ביסט איין בעל הרחמים וועז איך האב גיטאן אזו איין עבירה וואס איך בין דרויף חיב די מיתה פון הרג און עס זאל גירעכינט זיין דאס וואס איך האב די הון וואס איך האב מיט איר כפרות גישלאגין גיהאלטין בייא איר האלז גלייך אז איך בין דער ווארגין גיווארין דורך דיין בית דין הגדול וואס איז גיוועזן אין ירושלים און זאלסט מיך היטין אוים דער טריקעניש און פון אלע מיתות משונות וואס עס איז פאר האנדין אויף דער וועלט וואס דו שטראפסט מיט זיי דעם מענטשין וואס ער האט עובר גיוועזן איין עבירה וואס ער איז חיב הרג:

כפר לי אבי בעל הרחמים:

פאר גיב מיר מיין פאטער וואס דו ביסט איין בעל הרחמים וועז איך האב גיטאן אזו איין עבירה וואס איך בין חיב דרויף מיתה פון סקילה און עס זאל גירעכינט זיין דאס וואס איך האב מיין כפרה צו דר ערד גיווארפן גלייך

תחנה פון כפרות שלאגין

ווען מען האט מיך אראפ געווארפין פון דעם בית הסקילה און בין פר שטיינט געווארין דורך דיין בית דין הגדול וואס איז געוועזן אין ירושלים און זאלסט היטין מיך און מיין מאן און מיינע קינדער פון איין פאל און איין קלאפ און פון אלע מיתות וואס דוא שטראפסט מיט זייא דעם מענטשין וואס האט עובר געוועזן איין עבירה וואס ער איז חייב סקילה:

כפר לי אבי בעל הרחמים:

פאר גיב מיר מיין פאטער וואס דוא ביסט איין בעל הרחמים ווען איך האב געטאן אזו איין עבירה וואס איך בין דרויף חייב מיתה פון הרג און עס זאל גערעכינט זיין דם וואס איך האב איבער געענטפערט מיין כפרה צום שוחט ער זאל זיא קוילן גלייך אז איך בין גיקוילעט געווארן מיט איין שווערדורך דעם בית דין הגדול וואס איז געוועזן אין ירושלים און זאלסט היטין מיך און מיין מאן און מיינע קינדר פון דער שווערד פון דעם מלאך המות און פון דר שווערד פון איין רוצח. מיר זאלן גיחתמת ווערין צו איין לעבעדיג יאר און זאלסט אונז מציל זיין פון אלע מיתות משונות וואס דוא טוסט מיט זייא שטראפין דעם מענטשין וואס ער איז חייב הרג:

כפר לי אבי בעל הרחמים:

פאר גיב מיר מיין פאטער וואס דוא ביסט איין בעל הרחמים ווען איך האב גיטאן אזו איין עבירה וואס איך בין דרויף חייב מיתה פון שרפה און עס זאל גירעכינט ווערן דאס וום איך טו מיין כפרה ברינגן ביי דעם פייער גלייך וויא איך בין פאר ברענט געווארן דורך דעם בית דין הגדול וואס איז געוועזן אין ירושלים און זאלסט היטין מיך און מיין מאן און מיינע קינדער פון שריפות און פון היזיקות און זאלסט אונז מציל זיין פון אלע מיתות משונות וואס דו טוסט מיט זיי שטראפן דעם מענטשין וואס ער איז חייב שריפה:

כפר לי אבי בעל הרחמים:

פאר גיב מיר מיין פאטער וואס דו ביסט איין בעל הרחמים ווען איך האב גיטאן אזו איין עבירה וואס איך בין דרויף חייב כרת דאס הייסט פאר שניטענע יארן און עס זאל גירעכינט זיין דאס וואס איך האב פר שניטן די יארין פון מיין כפרה גלייך וויא עס זיינן פאר שניטין געווארן מיינע יארן עס סייא כרת בידי אדם און עס סייא כרת בידי שמים און זאלסט מציל זיין מיך און מיין מאן און מיינע קינדערליך פון איונגן טויט און פון פר שניטענע יארין מיר זאלין זיך עלטערין אין עושר און אין כבוד ביז הונדערט יאר:

כפר לי אבי בעל הרחמים:

פאר גיב מיר מיין פאטר וואס דו ביסט איין בעל הרחמים אויף אלע מיינע זינד וואס איך האב אקעגין דיר ווידער גישפעניגט. עס סיי מיט איין

מצות עשה און עס זייא מיט איין מצוה לא תעשה און עס זייא איין מצוה דרבנן · אויף אלע זאלסטו מיר געבן אכפרה וסליחה ומחילה און זאלסט אונז חתמנן אין דעם יום הדין צו אגוט גיבענטשט יאר צום גוטן לעבן און אגוטע פרנסה און מיר זאלן מקיים זיין אלע תרי״ג מצות וואס דו האסט אונז גבאטן און מיר זאלין שוין מער ניט זינדיגין פון היינט אן ביז מיר וועלן לעבן · אמן :

תחנה חדשה לערב יום כפור

דיא תחנה זאל מען זאגין ערב יום כפור צו ליכט בענטשין מיט גרוים כוונה :

רבונו של עולם מיין מצוה וואס איך גייא לכבוד דעם יום הקדוש דיא ליכט צינדין זאל אזו אן גינומען זיין וויא דיא מצוה פון דעם כהן גדול ווען ער האט די ליכט אין ליבן בית המקדש אן גיצונדין איז זיין מצוה אן גינומען גיווארן אזו זאל מיין מצוה אויך אן גנומן ווערן נר לרגלי דבריך ואור לנתיבתי דאס איז טייטש דיינע רייד איז איין ליכט צו מיינע פיס און מיינע קינדער זאלין גיין אין גאטס וועג און דיא מצוה פון מיינע ליכט וואס איך גייא אן צינדין זאל אן גינומען ווערין אז מיינע קינדרם אויגען זאלין לייכטין אין דער ליבער הייליגער תורה אויך טוא איך בעטין בייא דיא ליכט דעם ליבין גאט ברוך הוא אז מיין מצוה פון די ליכט זאל אן גנומען ווערין וויא דאס ליכט האט גיברענט פון דעם בוים אייל אין בית המקדש און איז ניט פאר לאשין גיווארין בזכות דיא ליכט פון דעם ליבין יום הקדוש וואס מיר אלע ווייבער טוהן דער לייכטן מיט דעם פייער פון די ליכט וואס מיר בענטשין לכבוד דעם יום הקדוש זאל מגין זיין אז אונזערע קינדערס ליכט זאל לייכטין אין דער תורה זייערע מזלות זאלין לייכטין אין הימיל זיי זאלין קענען פרנסה געבין דעם ווייב און קינדער בעין יפה און אונזערע מצות זאלין אן גינומען ווערין וויא דיא מצות פון אונזערע אבות ואמהות און דיא שבטים הקדושים מיר זאלין זיין אזוא ריין וויא איין קינד ווערט גיבארין פון זיין מוטער · אמן :

תחנה לערב יום כפור נאך ליכט בענטשין

דיא תחנה זאל מען זאגין אום ערב יום כפור נאך ליכט בענטשין מיט גרוים כונה :

טרם אהל לדבר לפניך אבינו שבשמים :

איידער איך אנטפאנג צו עפענען מיין מויל צוא ריידין פאר דיר תפלות ובקשות דוא גאט וואס דוא ביסט אונזער פאטער אין הימיל און מיר דיין ליב פאלק ישראל זיינען דיינע קינדער :

אקדם פניך שתחזק את לבי ומחשבותי :

וועל איך פעטערין דיין פנים צו בעטין דיין ליבין נאמען אז דוא זאלסט

שפארקין מיין ביטער הארץ און מיינע פאר אירטע גידאנקען איך זאל חלילה ניט גישטרוכילט ווערין מיט דיא רייד פון מיין מויל:

כי לבי יחרד ואימות מות תפול:

דען מיין הארץ טוט אין מיר זייער ציטערין און איין טויט שרעקעניש טוט פאלין אויף מיר ווען איך טוא מיך באדיינקען פאר ווענען איך עפין מיין מויל צו ריידין און פאר וועמען איך שטעל מיך צו בעטין:

סמר מפחדך בשרי ומחלה תאחזני:

און פאר גרוים פארכט און ציטערניש ווערין הארט די האר פון מיין לייב אזו ווי צוועקעס און אגרוים ציטערניש טוט באגרייפין מיינע לענדין:

כי מה אני ומה חיי אך רימה ותולעה:

דען וואס בין איך גאר גיאכט און וואס איז גאר מיין לעבין אויף דר וועלט איך בין נייערט אן גיברייט אז ווערים זאלין גישפייזט ווערין פון מיין פלייש אין קבר:

ימי אך כצל עובר וכענן כלה:

מיינע טעג אויף דר וועלט זיינען גאר אזו וויא איין שאטן וואס פארט איבער ניך און אזו וויא איין וואלקין וואס ווערט פאר לענט און בלייבט ניט:

ידעתי את אחריתי לקבר וצלמות:

איך וויים זייער גוט ווייל דר סוף פון מיין לעבין דס איך וועל באגראבין ווערין אין קבר און דער שאטן פון דעם טויט וועט מיך באדעקין גאר מיין לייב:

ישכח שמי וזכרי ולא יזכר לנצח:

עס וועט פאר געסן ווערין מיין נאמן און מיין גידעכניש עס וועט ניט דר מאנט ווערין צו אייביג גלייך ווי מיין נאמן איז גאר ניט גיוועזן אויף דר וועלט:

והנה איככה אפצה פה ואיך אשא ראש:

און נון אז עס איז יוא אזו וויא קען איך עפענען מיין מויל צו ריידין פאר דיר און ווי אזו קען איך אויף הייבין מיין קאפ איך זאל זאגין בקשות ותחנונים פאר דיין ליבין הייליגין נאמען:

ואתה אלהים לך דומיה תהלה:

און דוא גאט איז דיין גירעכטע לויב מען זאל ניט מערין צוא זאגין אויף דיר קיין שבחים און מען זאהל שווייגין פון צו רעכענען דיינע מעלות דען איין מענטש קען זייא גאהר ניט אויס דער ציילען:

אין שיעור לשבחיך ואין קץ לתהלותיך:

עס איז גאר ניט פר האנדן קיין שיעור צו דיינע שבחים וואס מען ניהער צוא זאגן אויף דיר און עס איז ניט פר האנדין קיין סוף און קיין ענד צו דיין לויב:

על ברוב טובך רבים ובחסדך אשענה:

גיט אויף מיינע מַעֲשִׂים טוֹבִים טוא איך זיך פאר זיכערן גייערט אויף
דיין פיל דערבארימקייט און אויף דיין פיל גינאד טוא איך מיך אן
לעהנען צוא עפּענען מיין מויל פאר דיר:

וְעַל שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת אֲשֶׁר לֹא נִסְגָּרִים:

און איך פאר זיכער מיך אויף די טרערין וואס איך טו פאר גיסין אזו וויא
וואסער דען דיא טויערין פון טרערין זיינען ניט פאר שלאסין. אזו וויא
אונזערע חֲכָמִים שרייבן כָּל הַשְּׁעָרִים נִנְעֲלוּ חוּץ מִשַּׁעֲרֵי דְמָעוֹת דאס איז
טייטש אלע טויערין זיינען פאר שלאסין חוץ דיא טויערין פון טרערין:

אָנָא יְיָ הַבִּיטָה וּרְאֵה אֶת עַם אֲהוּבֶךָ:

איך בעט דיך דרבארמיגר פאטער לוג פון די הויכע הימלען אראפּ און זעה
דיין ליב פאלק ישראל וויא אזו זייא טוען ציטערין און פארכטין זיך
אקעגין דעם היילגין יום כפור וואס קומט אן:

לוֹבְשִׁים לְבָנִים וּכְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת נִדְמוּ:

זייא טוען אן אלע ווייסע קיטלען און זיינען גיגליכין צו דיא מלאכים וואס
דינען דיך וואס איז ניט פאר האנדן צווישן זיי קיין קנאה און קיין שנאה אזו
אויך דיין פאלק ישראל איז ניט פאר האנדין אין זייא קיין פיינדשאפט:

הַלְבֵּן חַטֹּאתֵיהֶם כַּשֶּׁלֶג וְכַצֶּמֶר וּמְחֵה עֲוֹנוֹתֵיהֶם:

דרום בעט איך דיך מיין ליבער גאט דוא זאלסט ווייס מאכין דיא זינד
פון דיין פאלק ישראל אזו וויא שנייא און אזו וויא ווייסע וואל זייא
זאלין ניט גידיינקט ווערין צו אייביג:

קַבֵּל דִּמְעַת עֵינֵיהֶם הַנּוֹפְלִים עַל לְחָיֵיהֶם:

נעם אן ליבער גאט די ביטערע טרערן וואס זיי פאר גיסין איצונד פון זייערע
אויגין און פאלין אויף זייערע קין באקין און וויינען און שרייען פר דיר
גאט מיט איין ביטער הארץ דו זאלסט זייא פאר געבין אויף זייערע זינד:

שׁוֹפְכִים לְךָ לֵב כַּמַּיִם בִּתְפִלָּה וּבְתַחֲנוּנִים:

זיי טוען פר גיסין זייער הארץ אזו ווי וואסר מיט תפלה און מיט גיבעט וואס
זיי בעטין פון דיין ליבן היילגן נאמן דו זאלסט זיי חתמנן צו אגוט יאר:

אָנָא זְכוֹר חַסְדֵי אָבוֹת וּקְרַע גְּזַר דִּינֵנוּ:

איך בעט דיך ליבר דער בארמיגער גאט זאלסט אונז גידיינקן די גינאד פון
אונזערע היילגע אבות אברהם יצחק יעקב און אונזערע היילגע אמהות שרה
רבקה רחל ולאה און צו בייס דאס שלעכטקייט פון אונזער גזר דין:

וּתְזַכֵּנוּ לָשׁוּב בֶּאֱמֶת עַל מַעֲשֵׂינוּ הָרָעִים:

און זאלסט אונז מזכה זיין מיר זאלין באמת תשובה טאן אויף אלע אונזערע
בייזע מעשים וואס מיר האבין גיטאן אגאנץ יאר און אלע אונזערע לעב

טָעג מִיר זָאלִין שׁוין מֶער נִיט ווידֶער שְׁפֶּענִיגִין אַקֶעגִין דִיר:

תֵּן בָּנוּ כֹּחַ וָעוֹז וְאַל יֶחֱלַשׁ כּוֹחֵנוּ בַּיּוֹם הַזֶּה:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גִּיבּ אִין אוּנְז קְרַאפְט אוּן שְׁטַארְקֵייט מִיר זָאלִן קָאנֶען פַאסְטִין אוּן טָאן אַלֶע זַאכִין וָואס מִיר גְהֶערִין צוּ טָאן הַיינְטִיגִין טָאג אוּן עֶס זָאל נִיט שְׁלַאף וֶוערִין אוּנְזֶר קְרַאפְט עֶס זָאל דָם פַאסְטִין נִיט שַׁאטִין צוּ קֵיינֶעם:

וּמְעֻבָּרוֹת שֶׁל עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל לֹא תִתְאַוֶּינָה לְמַאֲכָל:

אוּן אַלֶע טְרָאגֶעדִיגֶע וַוייבֶּער פוּן דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ הִיטִין עֶס זָאל זֵייא נִיט גִילוּסְטִין קֵיין עֶסִין אַגַאנְצִין טָאג אוּן עֶס זָאל נִיט שַׁאטִין נִיט צוּ זֵייא אוּן נִיט צוּ דֶעם קִינְד:

וְתַחְתְּמֵנוּ בַּיּוֹם הַזֶּה לְחַיִּים טוֹבִים וַאֲרוּכִים:

אוּן זָאלְסְט אוּנְז אָן חַתְמִינֶען דֶער בַּארֶעמִיגֶער גָאט הַיינְטִיגִין טָאג וָואס קוּמְט אָן צוּ אַגוּט לֶעבִּין אוּן לַאנְגֶע יָאר מִיר זָאלִין חָלִילָה נִיט שְׁטַארְבִּין אוּן מִיר זָאלִין חָלִילָה נִיט בְּלַייבִּין קֵיין אַלְמָנוֹת אוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער קֵיין יְתוֹמִים:

וְתַעֲלֶה לְרָצוֹן לְפָנֶיךָ בִּרְכָתִי עַל הַנֵּרוֹת:

אוּן עֶס זָאל אוֹיף גֵיין פַאר דִיר לִיבֶּער גָאט צוּ בַּאווִילִיגוּנְג דִיא בְּרָכָה וָואס אִיךְ הָאבּ גִימַאכְט אוֹיף דִיא לִיכְט וָואס אִיךְ הָאבּ גִיבֶּענְטְשְׁט לְכָבוֹד דֶעם הַיילִיגִין יוֹם כִּפּוּר:

שֶׁתָּאִיר בְּרַחֲמֶיךָ אֶת מִשְׁפָּטִי לְטוֹבָה:

דוּ זָאלְסְט דֶער לַייכְטִן מִיט דַיין גְרוֹיס דֶער בַּרִימְקֵייט מַיין מִשְׁפָּט צוּ גוּטִן זָאלְסְט מִיר נִיט טָאן אַקֶעגִן מַיינֶע בֵּייזֶע מַעֲשִׂים נָאר אַזוֹ ווִי דַיין גְרוֹס גִרֶעכְטִיקֵייט:

וְנִשְׁמָתִי הָאֲפֵלָה תָּאִיר בְּמַעֲשֵׂי הַטּוֹבִים:

אוּן אַזוֹ וִויא אִיךְ הָאבּ אִיצוּנְד גִיטָאן דֶער לַייכְטִין מַיין הוֹיז מִיט דִיא לִיכְט וָואס אִיךְ הָאבּ גִבֶּענְטְשְׁט לְכָבוֹד דֶעם הַיילִיגִן טָאג אַזוֹ זָאל מַיין נְשָׁמָה וָוָאס זִי אִיז פִינְצְטֶער גִיוָוארְן אִיבֶּער מַיינֶע זִינְד זָאל דֶער לַייכְט וֶוערְן דוּרְךְ מַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּא וֶועסְט מִיךְ מְזַכֶּה זַיין אִיךְ זָאל טָאן אַגַאנְץ יָאר:

וּבִזְכוּת זֶה לֹא יֶחְשַׁךְ אוֹר חַיֵּי נַפְשִׁי:

אוּן אִין דֶעם זְכוּת פוּן דִיא לִיכְט בֶּענְטְשִׁין זָאלְסְטוּ מִיךְ לִיבֶּער גָאט בַּאשִׁירְמֶען עֶס זָאל נִיט פִינְצְטֶער וֶוערִין דִיא לִיכְט פוּן מַיין לֶעבִּין דוּא זָאלְסְט מִיךְ חָלִילָה נִיט חַתְמֶנֶען צוּ מִיתָה:

וְתַצִּילֵנִי שֶׁלֹּא אֶהְיֶה נִשְׂרָפָה בָּאֵשׁ שֶׁל גֵּיהִנֹּם:

אוּן אַפִילוּ מַיין צַייט וֶועט קוּמֶען צוּ שְׁטַארְבִּין זָאלְסְטוּ מִיךְ דֶער בַּארִימְדִיגֶער פָאטֶער בַּאשִׁירְמֶען אִיךְ זָאל נִיט פַר בְּרֶענְט וֶוערִין אִין דֶעם פַייעֶר פוּן דֶעם גֵיהִנֹּם בִּזְכוּת דֶעם פַייעֶר וָואס אִיךְ הָאבּ אָן גִיצוּנְדִין דִי לִיכְט לְכָבוֹד יוֹם כִּפּוּר:

וְאֶתְעַנֵּג בְּאוֹרְךָ בְּגַן עֵדֶן עִם הַצַּדְקָנִיּוֹת:

און איך זאל זענעפטיגען מיין לייב מיט דיינער ליכט אין גן עדן מיט אלע
נייבר די צדקניות און מיט אונזערע מוטערס שרה רבקה רחל ולאה:
והאר את עיני בעלי וזרעי בתורתך הקדושה:
און דער ליכט ליבער גאט דיא אויגין פון מיין מאן און מיינע קינדער
אין דיין הייליגע תורה אזוי וויא איך האב דער לייכט גאר מיין הויז
מיט דיא ליכט וואס איך האב געבענטשט לכבוד יום כפור:
והאר פניך על ציון וירושלים אמן סלה:
רבונו של עולם גידיינק אונז דעם זכות וואס מיר טוען היינט בענטשין
ליכט לכבוד דעם טאג יום כפור און זאלסט מאכין לייכטין דיין שיין
אויף ציון און אויף ירושלים אמן סלה:

תחנה פון נאך יעלות

דיא תחנה זאגט מען יום כפור צו כל נדרי ווען דער חזן זאגט אם יעלה:

יעלה לפניך אבי שבשמים:

עס זאל אויף גיין פר דיר מיין פאטער וואס אין הימיל וואס איך קום אצונד
פר דיר צו וויינען און קלאגן מיט אביטער הארץ אויף אלע מיינע חטאים
ועונות ופשעים וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין אל״ף וואס עס
באטרעפט איינס און זאלסט אונז גידיינקן דם זכות וואס מיר טוען איינציגן
דיין נאמען דריי מאל אין טאג:

יעלה לפניך אבי שבשמים:

עס זאל אויפגיין פר דיר מיין פאטער אין הימל מיין שמארצונג און מיינע זינד
וואס איך האב גטאן אגאנץ יאר וואס זייער נאמן הייבט זיך אן מיט איין
בית און זאלסט אונז גידיינקען דעם זכות וואס מיר האבין מקבל גיוועז דיין
תורה וואס זיא הייבט זיך אן מיט איין בית פון בראשית:

יעלה לפניך אבי שבשמים:

עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער אין הימיל מיינע הייסע טרערן
וואס איך טו איצונד פאר גיסין דרויף וואס איך האב ווידער גישפעניגט
אקעגין דיר מיט די חטאים ועונות ופשעים וואס זייער נאמן הייבט זיך אן
מיט איין גימ״ל וואס באטרעפט דרייא און זאלסט אונז גידיינקן דעם זכות
פון די דרייא אבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב:

יעלה לפניך אבי שבשמים:

עס זאל אויף גיין פר דיר מיין פאטער אין הימל מיינע גרויסע זיפצן און קלאגן
וואס איך טוא אצונד קלאגן מיט אביטער הארץ אויף אלע מיינע חטאים
ועונות ופשעים וואס איך האב גיטאן ביז אהער וואס זייער נאמן הייבט זיך

אן מיט איין דל״ת וואס ער באטרעפט פיר און זאלסט אונז גידיינקן דם זכות
פון דיא פיר אמהות הקדושות שרה רבקה רחל ולאה:

יעלה לפניך אבי שבשמים:

עס זאל אויף גיין פר דיר מיין פאטר אין הימל מיינע תפלות ובקשות ווס איך בעט פאר דיר אויף מיינע חטאים ועונות ופשעים וואס איך האב גיטאן אנאנין יאר ווס זייער נאמן הייבט זיך אן מיט איין ה״א און זאלסט אונז גידיינקן דם זכות ווס מיר טוען לערנן די פינף היילגע ספרים פון דיין תורה הקדושה:

יעלה לפניך אבי שבשמים:

עס זאל אויף גיין פר דיר מיין פאטער וואס אין הימל וואס איך קום אצונד פר דיר מתודה זיין דרויף וואס איך האב פר אום ריינגט מיין לייב מיט די חטאים ועונות ופשעים וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין וא״ו און זאלסט גידיינקען צו דיין ליב פאלק ישראל דעם זכות וואס זיי טוען לערנען די זעקס סדרים משניות וואס דאס ווערט אן גירופין תורה שבעל פה:

יעלה לפניך אבי שבשמים:

עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטר וואס אין הימל מיין וויטאג און מיין הארץ וואס עס טוט מיר וויי טאן אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים וואס איך האב מיט זייא פאר אום ווערדינט מיין נשמה וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין זיי״ן און זאלסט אונז ליבר גאט גידיינקן דעם זכות פון דעם ליבין שבת קודש וואס ער איז דר זיבעטער טאג פון דער וואך:

יעלה לפניך אבי שבשמים:

עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטר וואס אין הימל מיין אונטר טעניגקייט ווס איך בין אצונד פר דיר דרויף וואס איך טוא מיך באדיינקען ווס איך האב גטאן אויף מיין לעבן פיל חטאים ועונות ופשעים ווס זייער נאמן הייבט זיך אן מיט א חי״ת וואס דאס איז דאס אכטע אות פון אלף בית און זאלסט אונז גידיינקן דם זכות וואס מיר טוען מל זיין אונזרע זין צו דעם אכטן טאג:

יעלה לפניך אבי שבשמים:

עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטר וואס אין הימל מיין קול פון גוויין ווס איך בין אצונד גיקומן צו שרייען און וויינן אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין טי״ת וואס דאס איז דאס ניינטע אות פון דעם אלף בית און זאלסט אונז גידיינקען דעם זכות פון דער צדקה וואס מיר צו טיילין היינט אין דעם ניינטין טאג פון דעם חודש:

יעלה לפניך אבי שבשמים:

עס זאל אויף גיין פר דיר מיין פאטר וואס אין הימל דאס פאר ביטערטקייט פון מיין הארץ וואס עס איז פר ביטערט און פאר זארגט אויף אלע מיינע

חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן פוּן מַיין גִיבָּארְן אָן בִּיז אַהֶער וָואס זַייעֶר נָאמֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אֵיין יו״ד וָואס עֶס אִיז דָאס צֶעהֶענְטֶע אוֹת פוּן דֶעם אָלֶף בֵּית אוּן זָאלְסְט אוּנְז גֶדֵיינְקֶען דֶעם זְכוּת וָואס מִיר הֵיילִיגֶן דֶעם טָאג יוֹם כִּפּוּר וָואס עֶר אִיז צֶעהֶן טָאג אִין דֶעם חוֹדֶשׁ :

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמָיִם :

עֶס זָאל אוֹיף גֵיין פַר דִיר מַיין פָאטֶער וָואס אִין הִימְל וָואס אִיךְ טוּ פַר גִיסֶן פִיל תְּפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת צוּ בֶּעטְן סְלִיחָה מְחִילָה וְכַפָּרָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים וָואס זַייעֶר נָאמֶן הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אֲבֶ״ךְ וָואס דָס בַּאטְרֶעפְט צְוָואנְצִיג אוּן זָאלְסְט אוּנְז גִידֵיינְקֶען דֶעם זְכוּת פוּן דֶעם בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס אִיז גִיוֶועןְ בְּרֵייט צְוַואנְצִיג אֵיילִין :

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמָיִם :

עֶס זָאל אוֹיף גֵיין פַאר דִיר מַיין פָאטֶער אִין הִימִיל מַיינֶע הֵייסֶע טְרֶערֶן וָואס טוּעֶן רִינֶען פוּן מַיינֶע אוֹיגֶן אוֹיף אַלֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים וָואס אִיךְ הָאבּ גִטָאן אַגַאנְץ יָאר אוּן זַייעֶר נָאמֶן הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אֵיין לָמֶ״ד אוּן זָאלְסְט אוּנְז גִידֵיינְקֶען דֶעם זְכוּת וָואס מִיר זַיינֶען הַיינְטִיגֶן חוֹדֶשׁ מְסַיֵּים דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס לָאזְט זִיךְ אוֹיס מִיט דֶעם אוֹת לָמֶ״ד פוּן יִשְׂרָאֵל :

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמָיִם :

עֶס זָאל אוֹיף גֵיין פַר דִיר מַיין פָאטֶער וָואס אִין הִימִיל וָואס אִיךְ הָאבּ אַצוּנְד חֲרָטָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט זַייא ווִידֶער גְשְׁפֶּענִיגְט אַקֶעגֶן דַיין לִיבְּ נָאמֶן וָוס זֵיי הֵייבֶּן זִיךְ אָן מִיט אֵיין מֶ״ם וָוס בַּטְרֶעפְט פֶערְצִיג אוּן זָאלְסְט אוּנְז גִידֵיינְקֶען דֶעם זְכוּת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ וָואס עֶר אִיז פֶערְצִיג טֶעג אִין הִימִיל גִיוֶוען צוּ מְקַבֵּל זַיין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה :

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמָיִם :

עֶס זָאל אוֹיף גֵיין פַר דִיר מַיין פָאטֶער אִין הִימְל מַיינֶע גְרוֹיסֶע קְלָאג אוּן יָאמֶר וָואס אִיךְ טוּא אַצוּנְד אוֹיף אַלֶע מַיינֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים וָואס זַייעֶר נָאמֶן הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אֵיין נוּ״ן וָואס עֶס בַּאטְרֶעפְט פוּפְצִיג אוּן זָאלְסְט אוּנְז גִידֵיינְקֶען דֶעם זְכוּת וָואס מִיר הָאבִּין דִי תּוֹרָה מְקַבֵּל גְוֶועןְ נָאךְ פוּפְצִיג טֶעג פוּן אוּנְזֶער אַרוֹיס גֵיין פוּן מִצְרַיִם :

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמָיִם :

עֶס זָאל אוֹיף גֵיין פַר דִיר מַיין פָאטֶער וָואס אִין הִימְל מַיין גְרוֹיס בּוּשָׁה אוּן חֶרְפָּה וָואס אִיךְ שֶׁעם מִיךְ דֶרוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ ווִידֶער גְשְׁפֶּענִיגְט אַקֶעגִין דִיר מִיט חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים וָואס זַייעֶר נָאמֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אֵיין סָמֶ״ךְ וָואס עֶס בַּאטְרֶעפְט זֶעכְצִיג אוּן זָאלְסְט אוּנְז גִידֵיינְקֶען דֶעם זְכוּת פוּן דִיא מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס דַיין לִיבֶּע פָאלְק יִשְׂרָאֵל טוּעֶן אִין דִי

תחנה פון נאך יעלות

נעכציג טעג פון אלול און תשרי:

יעלה לפניך אבי שבשמים :

עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימל מיין געשריי וואס איך טוא שרייען ווייי אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים וואס איך האב גיטאן אין דער צייט פון מיין לעבין און זייער נאמען הייבט זיך אן מיט דעם אות עי"ן וואס עס באטרעפט זיבציג און דו זאלסט אונז גדיינקען דעם זכות פון דוד המלך וואס האט גילעבט זיבעציג יאהר :

יעלה לפניך אבי שבשמים :

עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימל וואס איך בין גיקומען אין דיין הייליגר שול בעטן פון דיר דו זאלסט מיר מוחל זיין אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין פ"א וואס עס באטרעפט אכציג און זאלסט אונז גידיינקען דעם זכות פון משה רבנו וואס ער איז אלט גוועזן אכציג יאר אין דר צייט וואס דו האסט אים גיטאן גרויסע וואונדר אין מצרים :

יעלה לפניך אבי שבשמים :

עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימל מיינע גרויסע קלאג און זיפצין וואס איך טוא קלאגין אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין צדי"ק און זאלסט אונז גידיינקען דעם זכות פון יוסף· וואס ער ווערט אן גירופן יוסף הצדיק :

יעלה לפניך אבי שבשמים :

עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימל מיינע ביטערע גישריי וואס איך טוא שרייען מיט מיין מויל אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין קו"ף וואס עס באטרעפט הונדערט און זאלסט אונז גידיינקען דעם זכות פון אברהם אבינו וואס ער האט גגלויבט אין דיר און דו האסט אים גגעבן צו הונדרט יאר איין זון יצחק:

יעלה לפניך אבי שבשמים :

עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימל וואס איך האב איצונד חרטה אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין רי"ש און זאלסט אונז גידיינקן דם זכות פון דעם הייליגן יום כפור וואס זיין נאמען לאזט זיך אויס מיט איין רי"ש:

יעלה לפניך אבי שבשמים :

עס זאל אויף גיין פר דיר מיין פאטער וואס אין הימיל וואס איך קום אצונד מתודה זיין פאר דיר אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים וואס זייער נאמן הייבט זיך אן מיט איין שי"ן און זאלסט אונז גידיינקען דעם זכות וואס

מיר טוען אלע טאג זאגין דעם פסוק שמע ישראל וואס ער הייבט זיך אן
אויך מיט איין שי״ן:

יעלה לפניך אבי שבשמים:

עס זאל אויף גיין פר דיר מיין פאטער וואס אין הימל מיינע גרויסע צרות און
לייד וואס איך האב אויף אלע מיינע חטאים עונות ופשעים וואס זייער
נאמען הייבט זיך אן מיט איין תי״ו און זאלסט אונז מוחל זיין מיר זאלן תשובה
טאן אויף אלע אונזערע זינד און מיר זאלן מקיים זיין גאר דיין הייליגע תורה
וואס איר נאמן הייבט זיך אן מיט דעם תי״ו און מיט דעם תי״ו הייבט זיך אן
תשובה תורה און משיח זאל קומען במהרה בימינו ונאמר אמן:

תפלה ליום כפור

יום כפור פאר מנחה זאגט מען פרשת עקידה און דער נאך זאגט מען דאס.

ושחט אותו על ירך המזבח צפונה לפני יי וזרקו בני אהרן הכהנים את
דמו על המזבח סביב:

יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו שתתמלא רחמים עלינו ותזכור
לנו עקדתו של יצחק אבינו בן אברהם אבינו עליו השלום. אשר בימים
האלה בזמן הזה בעשור לחדש תשרי היתה עקדתו בתעלות המנחה. ובכן
ברוב רחמיך תזכור לנו כאלו אפרו צבור ומונח על גבי המזבח. ותביט
באפרו לרחם עלינו. ובזכותו ובזכות אברהם אבינו עליו השלום שנתנסה
בעשרה נסיונות ובתפלתו וגם בזכות יעקב אבינו עליו השלום נתת לנו
עשרת ימי תשובה לכפר על חטאתינו תתמלא רחמים עלינו לבטל מעלינו

יהי עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט אונזער גאט דער גאט פון
אונזערע עלטערין אז דוא זאלסט דער פילט ווערין מיט דער
בארימהערציקייט אויף אונז און זאלסט אונז גידיינקען דיא עקדה פון אונזער
פאטער יצחק דער זון פון אברהם אבינו עליו השלום וואס אין דיא
דאזיגע טעג אין דער צייט אין דעם צעהענטין טאג פון חודש תשרי
איז גיוועזן זיין עקדה אין דער צייט פון מנחה דרום זאלסטו אונז
גידיינקען מיט דיין פיל דער בארימהערציקייט גלייך וויא זיין אש איז
גיהויפינט און ליגט אויף דעם מזבח און זאלסט קוקין אין זיין אש צוא
דער בארימען זיך אויף אונז ובזכותו און אין זיין זכות און אין דעם
זכות. פון אברהם אבינו עליו השלום וואס ער איז גיפרובט גיווארין
מיט צעהען פרוב און מיט זיין גיבעט און אויך אין דעם זכות פון
אונזער פאטער יעקב עליו השלום האסטו אונז גיגעבין צעהען טעג אויף
תשובה צוא פאר געבן אונזערע זינד און זאלסט דער פילט ווערן אויף

כל גזרות קשות ורעות. וכמו שכבש אברהם אבינו את רחמיו לעשות רצונך בלבב שלם כן יכבשו רחמיך את כעסך מעלינו ויגלו רחמיך על מדותיך. ותתנהג עמנו יי אלהינו במדת החסד ובמדת הרחמים ותכנס לנו לפני ולפנים משורת הדין ותביט ברם הברית שמל אברהם אבינו עליו השלום ביום הכפורים ותכפר כל עונותינו ככל צדקותיך ובטובך הגדול ישוב חרון אפך מעמך ומעירך ומארצך ומנחלתך:

אונז דער בארימקייט און זאלסט פאר שטערין אלע שלעכטע און בייזע גזירות פון אונז. און אזו וויא אונזער פאטער אברהם האט באצוואונגען זיין רחמנות צו טאן דיין ווילין מיטין גאנצין הארצין אזו זאלין דיינע רחמנות באצווינגען דיין צארין און זאלסט זיך פירין מיט אונז גאט אונזער גאט מיט מדת החסד און מדת הרחמים און זאלסט אריין גיין פון אונזערט וועגין לפנים משורת הדין און זאלסט קוקין אין דעם בלוט וואס אונזער פאטער אברהם האט זיך מל גיוועזען אום יום כפור און זאלסט פאר געבין אויף אלע אונזערע זינד אזו וויא דיינע גירעכטיקייט און מיט דיין גרויס גוטסקייט זאל זיך אוועק קערין דיין גרים צארין פון דיין פאלק און פון דיין שטאט און פון דיין לאנד און פון דיין ארב:

דער נאך זאגט מען אל מלא רחמים וואס שטייט אויבין נאך רבנו צדיקים ביז סוף:

תחנה למנחה של יום כפור

דיא תחנה זאגט מען יום כפור צו מנחה אז מען נעמט אויס:

רבש״ע דו ביסט איין האר פון רחמנות און צו פאר געבין די זינד פר נעם צו מיין קול און ענטפער מיר אין מיין טאן קלאפן אין די טויערן פון רחמנות צוא דיר גאט איז איצט די צייט פון רצון אז דוא זאלסט מיר פאר געבין אלע מיינע זינד וואס איך האב גיזינדיגט פאר דיר פון מיין יוגינד אן ביז היינטיגן טאג און זאלסט ממלא זיין אלע שמות הקדושים וואס איך האב אין זיי פוגם גוועזן און זאלסט מיך מאכן אום קערן צו דיר בתשובה שלמה און זאלסט מיך פירן אין רעכט פארטיגן וועג צו דיין דינסט אחת שאלתי מאת יי אותה אבקש איין זאך טו איך בעטן פון דיר ליבר גאט אז איך זאל זיצן אין דיין הויז דאס מיינט מען דאס ליבר הייליגר בהמ״ק וייל מיין לעבן וועט זיין איך זאל זעהן דאס זיסקייט פון גאט ב״ה און איך זאל שטיין פר אים אין זיין היכל. לערין מיך גאט דיין וועג און לאז מיך גיין אין דיין אמת. איינציג מיין הארץ אז איך זאל מיך פארכטן פאר דיין הייליגן נאמן. לב טהור ברא לי אלהים איך בעט דיך ליבר גאט בשאף מיר אריין הארץ און ארעכט פרטיג גמיט זאלסטו בנייען אין מיר אל תשליכני מלפניך ורוח קדשך אל תקח ממני איך בעט דיך ליבער גאט אז דוא

וואלסטו מיר ניט אוועק טארפֿן פֿון פֿאר דיך און דיין הייליגע נבואה וואלסטו פֿון מיר ניט אוועק נעמן · איך בעט דיך ליבר גאט דר בארים דיך איבער מיר און וואלסט ניט פֿר שעמן מיין פֿיין וואס איך האב פֿר דיר היינט גפֿאסט וואס מיינע קניען זייען גשטרויכילט גוואָרען מחמת פֿאסטען און מיין פֿלייש איז מאגר גוואָרן פֿון מיין פֿעטקייט הער צו ליבר גאט מיין תפֿלה און מיין גשריי וואלסטו פֿר נעמן· צו מיינע טרערן וואלסטו ניט שווייגן· מיין תפֿלה זאל ביי דיר אזו חשוב זיין וויא קטורת· דאס אויף הייבונג פֿון מיינע הענד זאל בייא דיר אזו זיס זיין וויא איין קרבן מנחה· ווייא איז צו מיר דר טאג קערט זיך אוועק עס טוט זיך אוועק קערין דער שאטן פֿון דער זון· עס טוט אויף מיר קומן איין מורא און אציטערניש אז איך טוא אויף ברייניגן אויף מיין הארץ מיינע זינד און איך ווייס ניט אויב איך וועל ארויס גיין גירעכט פֿון דעם משפט פֿון פֿאר דיין גרעכטן בית דין צו זכאי אדר חיב חס ושלום· איצונד ליבר גאט איז מיין האפֿנונג נאר אויף דיר און אויף דיין גרויס דער בארימקייט אז דיין רחמנות זאל איין האלטן דיין כעס אז דו וואלסט זיך מיט מיר נוהג זיין במדת החסד ובמדת הרחמים און וואלסט מיט מיר טאן לפֿנים משורת הדין און מיט דיין גרויס גוטין וואלסטו זיך אום קערן פֿון דיין גרים צארן פֿון דיין פֿאלק ישראל און פֿון דיין הייליגר שטאט ירושלים און זיי מבטל פֿון אונז כל ישראל אלע שלעכץ און וואלסט טאן דם הארץ פֿון אונזר מלכות און פֿון זיינע יועצים אויף אונז צו גוטן און וואלסט אונז אן שרייבן אין ספֿר החיים מיט די צדיקים וואס זיי טוען דיין ווילין און איינציגין דיין הייליגין נאמען און אין ספֿר ברכה ושלום ופֿרנסה טובה ישועות ונחמות· און וואלסט אונז געבן כח און קראפֿט אז מיר זאלן קענן בשטיין קעגן דם יצר הרע ער זאל אונז ניט מאכן שטרוכלן מיט איין דבר עבירה· און פֿון וועגן דיין הייליגן נאמן וואלסטו ליבר גאט אונז פֿירן אין גוטן וועג און וואלסט אונז אונטר לעהנען מיט דיין רעכטר האנט אז מיר זאלין קענען באשטיין בתשובה שלמה צו פֿאר דיר ווייל אונזער לעבין וועט זיין ביז דעם טאג וואס דו וועסט אונז איין טאן פֿון דער וועלט צו דיר און דו וואלסט אונז ניט אוועק נעמען פֿון דער וועלט פֿאר דער צייט ביז עס וועט דר פֿילט ווערן אונזרע יארן דאס הייסט זיבעציג יאר כדי אז מיר זאלן קענן פֿר ריכטן וואס מיר האבן קיילע גימאכט· און גדיינק אונז ליבר גאט און גאט פֿון אונזרע עלטרן דאס ליבשאפֿט פֿון אונזרע ערשטע עלטערן און דעם ברית מיט דעם חסד און די שבועה וואס דו האסט גשווארן צו אונזער פֿאטר אברהם און די עקידה וואס אברהם אבינו האט גיבונדן זיין זון יצחק אויף דעם מזבח אין דעם טאג און אין דער צייט כדי אז ער זאל טאן דיין ווילן מיט זיין גאנצין הארצן און וואלסט בינדן אלע מקטרגים ומסטינים של

מעלה וואס זיי ווילן מקטרג זיין פאר דיר אויף דיין ליב פאלק ישראל און זיי זאלין זיין וויא פלעווי פאר דעם ווינד און דער מלאך פון גאט זאל זיי פר שטויסן פון צו פאר דיר. מאך פר גיסן אויף זיי דיין צארן און דיין גרים צארין זאל זיי גרייכן לאז אויף זיי פאלן דיין פחד און פארכט און מיט דיין גרוסער ארום זאלסטו זייא מאכן פאר שטוסין וויא איין שטיין עד יעבר עמך יי עד יעבור עם זו קנית ביז וואנען דוא וועסט מאכין איבער פארין דיין ליב פאלק ישראל וואס דו האסט זיי באשאפן און מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן אין גיכע צייטן אין דער נחמה פון ציון נירושלים כן יהי רצון: ואני תפלתי כו' בריך שמיה כו'

תחנה פון סוכות

די תחנה זאגט מען די ערשטע טעג סוכות און שבת חוחמ"ס נאך ליכט בענטשין מיט כונה:

קבל נא ברצון אמרי פי והגיון לבי:

רבונו של עולם נעם נון אן מיט באווילינונג די זאג פון מיין מויל וואס איך קום אצונד צו זאגין פאר דיר און דיא גידאנקען פון מיינעם הארצין וואס איך טוא איצונד טראכטין צו גוטין:

שיחתי יערב לפניך ותאזין תחנוני:

מיינע רייד זאלין זיין זים פאר דיר לעבעדיגער גאט גליך אז מיין מויל איז ריין פון אלע אום ריינקייט און זאלסט פאר נעמען מיינע גיבעט וואס איך קום פון דיר צוא בעטין:

עורדה רחמיך המרבים עלי אמתך:

דער וועק ליבער הארציגער גאט דיינע פיל דער בארימקייט אויף דיין דינסט (פלונית בת פלונית) און זאלסט אפ טאן דיין גרים צארין פון מיר:

אל יעזבוני חסדיך וימינך תסעדני:

דיינע גנאדין זאלן מיך ניט פר לאזן אלע צייט פון מיין לעבן און דיין רעכטע האנט וואס זיא טוט פיל דר בארימקייט זאל מיך אונטר לעהנען אלע צייטן:

באברתך תסך עלי ותחת כנפיך אחסה:

מיט דיינע פליגיל זאלסטו באדעקין אויף מיר צו היטין מיך פון אלעם בייזין און אונטער דיינע פליגיל וועל איך מיך באשיצין אין דעם זכות וואס מיר טוען באדעקין דיא סוכה מיט דעם סכך:

ובזכות מצות סוכה תצילנו מגלות:

און אין דעם זכות וואס דיינע ליבע קינדער ישראל טוען פאר וואגלט ווערין פון זייערע הייזער צו זיצין אין סוכה זאלסטו אונז באשירמען מיר זאלן ניט פר טריבין ווערין פון אונזר ארט און מיר זאלן ניט דארפין נע ונד זיין:

ותגן עלינו לבל ישלטו בנו שונאינו:

און זאלסט אויף אונז ליבער גאט באשיצען אז אונזערע שונאים זאלין
אין אונז ניט געוועלטיגין מיר זאלין זיין גיהיט פון אלע אונזערע פיר
זייטין אין דעם זכות פון דיא פיר וועגט וואס מיר מאכן אין דער סוכה:

ותקבץ נפוצותינו מארבע כנפות הארץ:

און זאלסט איין זאמלען דער בארמיגער גאט דיין פאלק וואס זיינען
געביך פאר שפרייט אין אלע פיר עקין פון דער וועלט:

ותצילנו משביה ומבאסר על ידי עלילה:

און זאלסט אונז באשירמן מיר זאלן חלילה ניט גיפאנגן ווערין און מיר זאלן
אויף זיך קיין בלבול ניט האבן וואס דורך דעם זאלן מיר זיצן אין תפיסה
אין דעם זכות ווס מיר טוען מקיים זיין דיין הייליגע מצוה צו זיצן אין סוכה:

ואל ישלוט בנו עין הרע לעולם:

און אין דעם זכות וואס מיר טוען זיך פאר בארגין אונטער די פיר וועגט
און דעם סכך פון דער סוכה זאלסטו אונז ליבער גאט היטין עס זאל
אין אונז ניט גיוועלטיגין קיין בייז אויג צוא אייביג:

בנה בית מקדשך והשב שכינתך לירושלים:

רבונו של עולם עס זאהל פאר דיר אויף גיין דער זכות וואס דיינע ליבע
קינדער טוען בויען דיא סוכות אז דוא זאלסט זייא גיך בויען דעם
בית המקדש און זאלסט אום קערין דיין שכינה קיין ירושלים:

ותעלה לפניך לרצון ברכתי על הנרות:

און עס זאל אויף גיין פאר דיר צו גוטן ווילן די ברכה וואס איך האב גימאכט
אויף די ליכט בשעת אן צינדין לכבוד דעם הייליגן יום טוב אין דר סוכה:

ותשמור את כל בתי ישראל משרפה ותבערה:

און זאלסט היטין אלע הייזער עס זאל חלילה ניט קומען אויף זייא קיין
שרפה און קיין ברענונג אין דעם זכות וואס מיר אלע ווייבער טוען
דער לייכטין מיט דעם פייער פון דיא ליכט אין דיא סוכות:

ולא ירבו הגשמים בכל שבעת ימי החג:

און זאלסט אונז מזכה זיין ליבער גאט מקים זיין דיין הייליגע מצוה פון
סוכה, עס זאהל ניט גיין קיין רעגין אלע זיבין טעג פון סוכות:

ואל יכבו הרוחות את הנרות אשר הדלקנו:

און עס זאל ניט פאר לעשין קיין שום ווינד צוא דיא ליכט וואס מיר האבין
אן גיצונדין אין דער סוכה לכבוד דעם הייליגען יום טוב:

ותאיר את מזלינו לפרנסה ולכלכלה:

און זאלסט דער לייכטין ליבער גאט אונזער מזל צו אגוטע פרנסה און צוא
שפייז אונזער פרנסה זאל ניט ניט גימינערט ווערן פון אונז מיר זאלין

נִיט דַארְפִין אָן קוּמֶען צוּא דֶעם גֶעשַׁאנְק פוּן אַיין בָּשָׂר וָדָם:
וְתָאִיר אֶת עֵינֵי בְּעָלַי וּבְנֵי בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה:
אוּן אַזוֹ וִויא אִיךְ הָאבּ גִיטָאן דֶער לַייכְטִן דִיא סוּכָּה מִיט דִיא לִיכְט וָואס אִיךְ הָאבּ גִיבֶּענְטְשְׁט אַזוֹ זָאלְסְטוּ לִיבֶער גָאט דֶער לַייכְטִין דִיא אוֹיגִין פוּן מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער אִין דַיין הַיילִיגֶע תּוֹרָה:
וְתָסִיר אֶת כַּעַסְךָ מֵעַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ:
אוּן זָאלְסְט אָפּ טָאן לִיבֶּער גָאט דַיין גְרִים צָארְין עֶס זָאהל נִיט בְּרֶענֶען אוֹיף דַיין לִיבּ פָאלְק יִשְׂרָאֵל אוּן זָאלְסְט מִיט אוּנְז גוּטְס טָאן אַלֶע צַייט:
עֲשֵׂה לְמַעַן בָּאֵי בָאֵשׁ עַל קְדוּשַׁת שְׁמֶךָ:
רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִין דֶעם זְכוּת וָואס מִיר טוּעֶן אָן צִינְדִין מִיט פַייעֶר דִיא לִיכְט לִכְבוֹד דֶעם הַיילִיגִין סוּכּוֹת זָאלְסְטוּ אוּנְז גִידֵיינְקֶען דֶעם זְכוּת פוּן דִיא צַדִּיקִים וָואס זַיינֶען פַאר צַייטִין פַאר בְּרֶענְט גִיוָוארִין אִין פַייעֶר וֶועגִין צוּ הַיילִיגִין דַיין נָאמֶען:
עֲשֵׂה לְמַעַן אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב:
טוּא מִיט אוּנְז גוּטְס לִיבֶּער גָאט אִין דֶעם זְכוּת וָואס מִיר בֶּענְטְשִׁן דִיא לִיכְט אוּן מַאכִין דֶער לַייכְטִין דִיא הַיילִיגֶע סוּכָּה מִיט פַייעֶר אַז עֶס זָאל דֶער וֶועקְט וֶוערִין דֶער זְכוּת פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס עֶר אִיז גִיוָוארְפִין גִיוָוארִין אִין דֶעם פְלַאם פַייעֶר פוּן דֶעם קַאלְךְ אוֹיבִין אוּן דֶער זְכוּת פוּן יִצְחָק וָואס עֶר אִיז גִיבּוּנְדִין גִיוָוארִין צוּ דֶער עֲקֵידָה אוֹיף הָאלְץ מִיט פַייעֶר אוּן דֶער זְכוּת פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ וָואס הָאט זִיךְ גִירַאנְגֶלְט מִיט אַיין מַלְאָךְ פוּן פַייעֶר זַייעֶר זְכוּת זָאלְסְטוּ אוּנְז הַיינְט גִידֵיינְקֶען אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן:

תחנה פון אתרוג בענטשין

דִי תְּחִנָּה זָאגְט מֶען אוּם סוּכּוֹת אֵיידֶר מֶען דַאוֶוינְט וֶוען מֶען הָאלְט שׁוֹין נָאךְ אֶתְרוֹג בֶּענְטְשִׁן:
יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' הָאֱלֹהִים וַאֲדוֹנֵי הָאֲדוֹנִים עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילִין פוּן צוּ פַאר דִיר גָאט אוּן דֶער הַאר אִיבֶּער אַלֶע הַארִין אַז עֶס זָאל אָן גִינוּמֶען וֶוערִין דִיא מִצְוָה וָואס אִיךְ הָאבּ הַיינְט גִיטָאן מִיט דֶעם אֶתְרוֹג בֶּענְטְשִׁין גְלַייךְ אַז אִיךְ הָאבּ מְכַוֵּון גִיוֶועזֶען אַלֶע כַּוָּונוֹת וָואס מֶען גִיהֶער צוּ מְכַוֵּון זַיין אוּן דִיא מִצְוָה זָאל טָאן לַייכְטִין אִין אַלֶע הוֹיכֶע הִימְלֶען:
יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילִין פַר דִיר גָאט מַיין גָאט דֶער גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גִינוּמֶען אִין מַיין הַאנְד דֶעם אֶתְרוֹג וָואס עֶר וֶוערְט אָן גִירוּפִין פְּרִי עֵץ הָדָר דָאס אִיז אַיין שֵׁיינֶע פְרוּכְט פוּן אַיין בּוֹים זָאלְסְטוּ מִיר גִידֵיינְקֶען דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער פָאטֶער אַבְרָהָם אוּן אוּנְזֶער מוּטֶער שָׂרָה וָואס דוּ הָאסְט

זייא באשיינט מיט אלטקייט אזוי וויא אין פסוק איז גישריבן וְאַבְרָהָם וְשָׂרָה זְקֵנִים בָּאִים בַּיָּמִים:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט דער גאט פון מיינע עלטערין דוא זאלסט מיר פאר געבין אויף אלע מיינע בייזע גידאנקען פון מיין הארץ אין דעם זכות וואס איך האב גינומען אין מיין האנט דעם אתרוג וואס ער איז גיגליכן צוא דעם הארץ פון דעם מענטשין:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר מיין גאט און גאט פון מיינע עלטרין אז אין דעם זכות וואס איך האב גינומן אין מיין האנט דעם גיבונדענעם לולב זאל דר וועקט ווערן אויף מיר דר זכות פון אונזר פאטר יצחק וואס ער איז גיוועזן אויף דר עקידה און דער זכות פון אונזער מוטר רבקה וואס זיא איז גיגליכן צו דעם לולב אזוי וויא אין לולב איז פאר האנדין פירות און דערנער אזו איז פון רבקה ארויס גיקומן יעקב און עשו:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר מיין גאט און גאט פון מיינע עלטערין אז דוא זאלסט מיר פאר געבין אלע מיינע זינד וואס איך האב גיטאן מיט מיין רוקין אין דעם זכות וואס איך האב גינומען אין מיין האנט דעם לולב וואס ער איז גיגליכן צו דעם רוקין פון דעם מענטשין:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט מיין גאט און דער גאט פון מיינע עלטערין אז אין דעם זכות וואס איך האב גינומען אין מיין האנט דיא דרייא צווייגין פון איין הדס זאל דער וועקט ווערין אויף מיר דער זכות פון יעקב אבינו וואס ער איז דער דריטר פון די היילינגע אבות וואס ער איז גיגליכן צו איין הדס אזוי וויא איין הדס איז פול מיט בלעטלאך אזוי איז יעקב גיוועזן פול מיט קינדער:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי עס זאל זיין דר ווילן פר דיר גאט מיין גאט דר גאט פון מיינע עלטערן אז דו זאלסט מיר פר געבן מיינע אלע זינד וואס איך האב גטאן מיט מיינע אויגן אין דם זכות וואס איך האב היינט גינומען אין מיין האנד דעם הדס וואס ער איז גיגליכן צו די אויגן פון דעם מענטשן:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט מיין גאט און דער גאט פון מיינע עלטערין אז אין דעם זכות וואס איך האב היינט גינומען אין מיין האנט דיא ערבה וואס זיא ווערט פאר וויאלעט פריער אידער דיא אנדערע מינים זאל פאר דיר דער וועקט ווערין דער זכות פון יוסף הצדיק וואס ער איז גיגליכן צו דער ערבה ווען ער איז אויך פריער גישטארבן אידער זיינע ברידער און דער זכות

פון אונזער מוטער רחל וואס זיא איז אויך גיגליכן צוא דער ערבה דען
זיא איז גישטארבין פריער איידער איר שוועסטער לאה :

יהי רצון מלפניך ה' אלהי ואלהי אבותי עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט
מיין גאט און דר גאט פון מיינע עלטערין אז דו זאלסט מיר פאר געבין
אויף אלע מיינע עבירות וואס איך האב געטאן מיט די רייד פון מיין מויל אין
דעם זכות וואס איך האב היינט גינומען דיא ערבה וואס אירע בלעטלאך
זיינען גיקארבט און זיינען גלייך צוא דעם מויל פון דעם מענטשין :

רבונו של עולם דר בארעמדיגר גאט וואס דו ביסט איין דער בארעמדיגער
און איין לייט זעליגער צו אלע מענטשין גידיינק צו דיין ליב פאלק
ישראל ווס זיי האלטן דיין גבאט און לויבין דיך מיט די פיר מינים אתרוג און
לולב און הדס און ערבה אז דוא זאלסט זיין אין אונזער הילף צו היטן אונז פון
אלע פיר זייטן בזכות וואס מיר האבן קיין הנאה ניט פון דם אתרוג אלע זיבן
טעג פון יום טוב אזו ווי דו האסט צו אונז גבאטן. זאלסט אפ מעקן די זינד פון
אדם און חוה וואס זיי האבן גיגעסין פון עץ הדעת איידר דו האסט זיי מתיר
גיוועזן צו עסין און זיי האבן גבראכט דעם טויט אויף דר וועלט. בענטש אונז
ליבר גאט צום נייעם יאר מיט אגוטין קוויטיל מיר זאלין גיחתמת ווערין צו
לאנגע יאר און אגוטין לעבין און משיח זאל קומען במהרה בימינו אמן :

תחנה חדשה להושענא רבה

אנייע תחנה צו זאגין הושענא רבה פאר הושענות :

אנא האל הגדול הגבור והנורא איך בעט דיך גאט דער גרויסער און שטארקער
און פארכטיגער נון איך קום פאר דיר מיט גרוים פחד און ציטערנעס
און איך טוא צוא דיר תפלה מיט גרויס כוונה היינט אין דעם טאג דער דא
איז דער הינטערשטער טאג פון דעם גמר פון דער חתימה היינט אין דעם
טאג טוען נחתמת ווערין דיא קוויטליך פון יעדער מענטש וואס עס וועט זיך
מיט אים פאסירין אגאנץ יאהר. ער זאהל לעבין. אדער שטארבין. ער זאהל
זיינע יארען אויס לעבן אדער זאל ח"ו זייא ניט אויס לעבן ער זאל שטארבין
אין וואסער אדער אין פייער דורך איין שווערד אדער דורך איין חיה. פאר
הונגער אדער פאר דארשט אין שטורים אדער אין מארד ער זאל דר ווארגין
ווערין. אדער ער זאל פאר שטיינגט ווערין. ער זאל רוען. אדער ער זאהל זיין
נע ונד. ער זאל זיין גישטילט. אדער ער זאהל ווערין פאר צוקט. דאס מיינ
מען פרעמדע זאלין אוועק נעמען זיין געלט בגזלה. ער זאהל האבין ש
און גיזונד און שטארק זיין אדער ער זאל גישטראפט ווערין מיט יסורים.
זאל פאר ארומט ווערן. אדער ער זאהל רייך ווערין. ער זאהל ארופ פון זיין

גדולה אדער ער זאל לער הייבן ווערן (והיום הזה) אין היינטיגן טאג הושענא רבה טוט גיגעבן ווערן דאס קוויטיל מיט דעם גזר דין צום מענטשין, עס זייא אויף גוטס און עס זייא אויף שלעכטס דרום בין איך גיקומען רבונו של עולם צוא בעטן פאר דיר דוא זאלסט מיר געבין דאס גוטע קוויטיל מיר און מיין מאן און מיינע קינדער לעבין און גיזונד פרנסה בכבוד אויך גאר דיין פאלק ישראל זאלסטו געבין קוויטליך פון גוט לעבין און פרנסה מיט שפע און הצלחה און אלעם גוטין · אמן · כן יהי רצון :

תחנה לשמיני עצרת ולשמחת תורה

שמע תפלתי יי והאזינה לקול תחנוני :

הער צו ליבער גאט מיין תפלה וואס איך וויל טאן פר דיר און פר נעם דאס קול פון מיין גיבעט און בקשות וואס איך וויל פר דיר אצונד זאגין:

שערי שמים פתח ויתעוררו עלי רחמיך :

מאך אויף די טויערן פון דעם הימל אריין צו לאזן מיינע רייד וואס איך וועל פר גיטן און עס זאל דיר וועקט ווערין אויף מיר דיינע פיל דר בארימקייט :

שפתי תפתח ורעיונותי לא יהיו נבוכים :

מיינע לעפצין זאלסטו עפענען דער בארימדיגער גאט איך זאל זאגין פאר דיר מיינע רייד אזוי ווי מען גיהער צו זאגין פאר דיר וואס דו ביסט אין מלך מלכי המלכים און מיינע גידאנקן זאלין ניט פאר אירט ווערין :

ואל יאמר פי דבר שלא כרצונך :

און מיין מויל זאל חלילה ניט ארויס ריידין פאר דיר איין זאך וואס עס איז ניט אזוי ווייא דיין ווילין :

אנא הרם קרן עמך אתה מלכנו :

איך בעט דיך גאט וואס דו ביסט אונזער קעניג און דער קעניג פון גאר דער וועלט הייב אויף דיא הערשאפט פון דיין ליב פאלק ישראל דיא קינדער פון אברהם יצחק ויעקב :

את לבם תשמח ואת מזלם תרים :

זייערע הערצער זאלסטו דר פרייען ליבער גאט אין דעם זכות וואס זייא טוען זיך היינטיגין יום טוב פרייען מיט דיין הייליגע תורה און זייער מזל זאלסטו אויף הייבין צו גרויס גדולה :

ואל יבא עצב ויגון בבתינו לעולם :

און עס זאל ניט קומען קיין שום טרויערקייט און קיין שום קלאג און קיין שום זארג אין אונזערע הייזער ביז אייביג מיר זאלין אויס לעבין אונזערע יארין אין גוטס און אין פרייד :

ותהיה חשובים בעיניך ואל תפרד מאתנו :

און מיר זאלן זיין חשוב און גיערכט אין דיינע אויגן און זאלסט זיך קיין מאל ניט אפ שיידן פון אונז אין דעם זכות וואס מיר היטן דעם היילגן יום טוב שמיני עצרת וואס ער ווערט גירופין מיט דעם דאזיגן נאמן וואס ער בטייט אז עס איז דיר זיך שווער אפ צו שיידן פון אונז דיין גיליבטע פאלק ישראל :

ראה עם אהובך ששים ושמחים בתורתך :

קוק און זעה ליבר גאט וויא דיין גיליבטע טייערע פאלק טוען זיך היינטיגן טאג פרייען מיט דיין תורה אין אלע בתי מדרשים און אין אלע שולין :

קבל ברצון ברכתי על נרותי שהדלקתי :

נעם אן ליבר גאט מיטן גוטן ווילן מיין ברכה וואס איך האב גימאכט אויף די ליכט וואס איך האב אן גיצונדין לכבוד דעם היילגין יום טוב :

ותרש עלינו את השנה הזאת לטובה ולברכה :

און בני אויף אונז דעם נייעם יאר צו פיל גוטס און צו בענטשונג מיר זאלין גיבענטשט ווערין צו אגוט לעבין און גוטע פרנסה און מיר זאלן מגדל זיין אונזערע קינדר צו דיין היילגע תורה ומצות ומעשים טובים . אמן :

ועיני בעלי ובני בתורתך הקדושה תאיר :

און אזו ווי איך האב דר לייכט די ליכט לכבוד דם יום טוב אזו זאלסטו ליבער גאט דר לייכטן די אויגן פון מיין מאן און מיינע קינדר אין דיין היילגר תורה :

ונזכה לקים כל תרי"ג מצות הכתובות בתורתך אמן :

און בזכות וואס מיר ווייבר גייען היינטיגן יו"ט אין די שולין צו קושן דיין היילגע תורה זאלסטו אונז מזכה זיין מיר זאלין מקיים זיין אלע תרי"ג מצות וואס זיינען גישריבין אין דער תורה אמן סלה :

איין ליד פון שמחת תורה

ליבער גאט לאז מיר גיניסין דעם זכות פון אונזער מוטער חנה אז זיא איז גיגאנגען פאר עלי הכהן אין בית המקדש אריין תפלה טאן :

א און פאנגן וועלן מיר צו זינגן מיט אהויכין שטים . לכבוד אונזר תורה וואס זיא איז גיגעבן גיווארן מיט פארכצום . צו לויבן אונזר היילגין גאט . דר וואס האט אונז דער וועלט און האט אונז די תורה גיגעבן מיט אירע צעהן גיבאט :

ב באשיידין וועל איך די זאך גאנץ און גאר . וויא עס האט זיך מיט אונזער תורה דער גאנגען ווער . און זיא פאר בארגין ווער פון בריאת עולם אן צוויי טויזנט יאר . דער נאך איז זיא אונז גיגעבין גיווארין גאנץ און גאר

ג נאט דער אלמעכטיגער וואר זיינע מלאכים אין הימל פרעגין . זאל איך דיא תורה צו די לייט וואס אויף דר ערד געבן . צו באלד אנטפערן די מלאכים

אלע צוא גליך. אויך גאט לאז דאך זיין דיין שיינהייט אין הימל רייך:

ד דא שפראך גאט צו דיא מלאכים איר ענגיל שארן. די היליגע תורה אייך
צו געבין דאס קאן ניט זיין. איך וועל פון דיא וואס אויף דער ערד אויך
גילויבט זיין. לאזין זייא וויסין אז קיינער איז קיין גאט אויף דער וועלט
ניט מיין. נאר איך אליין:

ה הייבין אן די מלאכים צו זאגין צו גאט. דו האר פון דער גאנצר וועלט. ווי
זאלסטו געבן אזעלכע היילקייט. צו לייט וואס זיינן פון ערד גישטעלט:
גיב אונז ענגיל שאר. מיר וועלין זיך באמיען אין איר גאנץ און גאר:

ו וויא באלד דער אלמעכטיגער גאט טוט דאס פון זייא הערין. אזו באלד
ענטפערט ער צוא דיא מלאכים שארין. איך זאג אייך דיא זאך גאנץ
קלאר און וואר. איר קענט ניט האבין דיא תורה פאר וואר. ווייל אין
מצרים זייט איר ניט גיוועזן גאר:

ז זא באלד וויא די מלאכים דאס וואול פאר שטיין. זאגין זיי נוא קאנן מיר
ניט האבין די תורה מיין. ווייל די צעהן גיבאט טוט מיט אשר הוצאתיך
ממצרים זאגין. און מיר האבין דרינן ניט גיארבייט און ניט גיטראגין:

ח חי וקים דיך צו לויבין פרי און שפעט. און דיא מלאכים זיינן גינאנגן
פארט. און טוט רופין צו משה צו זיין היילינג ארט. און גאט זאגט צו
משה מיט זיין היילגע גיבאט:

ט טוא ניט זאמן מיין גיטרייער קנעכט. און גיי צו מיין פאלק ישראל גיך און
גשיקט. און זאג זיי מיט דם ווארט איך גיב זיי די תורה מיט אירע צעהן גבאט
י ישראל מיין פאלקדי קינדר פון אברהם יצחק ויעקב וום זיינן צו מיר גליבט.
די תורה וואס איז גוועזן בהאלטן בבית גנזי האבן זיי גהיט. דרום משה מיין
גטרייער קנעכט טו זיי פרעגן. אויב זיי וועלן דם יאך פון דר תורה פר טראגין:

כ כל ישראל וועלין גלייך בלב אחד זיין. דא קומט משה צו לויפין צום גאנץ
גמיין. און וואר זיי די זאך פרעגן. אזו טוען כל ישראל נעשה ונשמע זאגין:

ל ליבר משה ווארהאפטיגר מאן. וואס דער לעבדיגר גאט וועט דיר בפעלין
וועלין מיר אלץ טאן. ער איז איין איינציגר גאט איבר אלע באשעפעניש.
ער האט אונז גיפירט איבר דעם ים אין דער טריקעניש:

מ משה רבנו וואר דער ענטפער יוא גיפעלן רעכט. דא קומט ער צו גיין מיט
וואל גימיט. און שפראך ליבער איינציגער גאט. דיין שליחות האב איך
דיר אויס גירעכט גאנץ און גוט:

נ נערגיץ איז קיין פאלק ניט פר האנדן נאר ישראל אליין. וואס אזוי אונטער
טעניג זיינן פון גרויס ביז קליין. ווי איך האב זיי גיטאן נעשה ונשמע זאגן:

ס סמך זיין וועלן זיי זיך אויף מיינע רייד און פריד אוף דיר גאט נבאט. ריינע

וואונדר ווער קען דר ציילן איינציגר גאט . וואס דו טוסט פרי און שפעט :

ע ענטפערט גאט צוא משה קום אהער מיין היילגער קנעכט . רוף מיר צו
אהרן און כל ישראל און דיא זקנים גאנץ גשלעכט . איידער זייא גייען
צום בארג סיני זאג זייא באצייטין . אז זייא זאלין שטיין פון ווייטין :

פ פארכטין וואָרן זיך די זקנים פר גאט . אבר משה גנעהנט מיט פארכט .
און רעט מיט גאט איין היפשע צייט . דער נאך זאגט ער צו כל ישראל
איר זאלט אלע צום דריטען טאג זיין אן גיברייט :

צ ציען טוען די ישראל צום בארג סיני דעם אויס דער וויילטן בארג . זעהן זיי
די גרויסע וואונדר גאר שטארק . אבר היילגין מוזט איר זיך דריי טאג און
דריי נעכט . דען זונדר דם וועט איר די וואונדר צו זעהן ניט האבן קיין מאכט :

ק קליין און גרויס און אלע גימיין און אלע היילגע נשמות וואָרין קומען
דארטין . מיט גרויס פארכטין . זייא אנטפאנגען פון דעם אלמעכטיגן
גאט זיין גאב און פאר געמען זיין זאג :

ר רעכט אן דעם אלמעכטיגן גאט דאס איז פינף טאג אין סיון וואר . דא גערט
דר אלמעכטיגר גאט אראפ מיט זיין ענגלישע שאר . דעם הימל האט ער
אויף דעם בארג סיני אויס גישפרייט . דרונטער וואָרין שטיין אלע לייט :

ש שטארקע גיוויסר וואָרן אן פאנגן . שרעקליכע בליצן און דונערן וואָרן אויף
דם בארג סיני אויף גיין . דא וואָרן כל ישראל זעהן גרוסע וואונדר פון גאט :
דר אלמעכטיגער גאט האט זיי גיטאן זאגן פון די צעהן גיבאט . און נאר פון זיי
א טייל האבן זיך כל ישראל פאר דר שרעקניש אהינטר גירוקט דריי מאל :

ת תיכף וואָרין די מלאכים קומען און האבן ווידר גיקערט כל ישראל אויף
זייער ארט . היבן אן כל ישראל צו זאגן מיט איין דר שראקן הארץ משה
משה דיא היילגע גיבאט . רייד דו מיט אונז גאטס גיבאט . טאמר וועלין
מיר שטארבן פון וועגין גרויס קול פון גאטס וואָרט :

צוויי טויזנט יאר איידר די וועלט איז באשאפין גיוואָרן . האט מיך מיין בשפר
בשאפן און מאכן גיבארן . פאר צוויי און צוואנציג דורות . און פר די שני
מאורות . איך האב אין מיר צעהן גבאט . ווער עס וועט דאס האלטן וועט ניט
קומן צו שאנד און שפאט . אויך ווער דם וועט וויסן וואס אין מיר איז גשלאסין .
זיין אייבג לעבן וועט ער דורך מיר גניסן . איך לאז אייך מיינע צעהן גיבאט פר
שטיין געבן . וועט אייך דרינן גימאלט זיין דם וויסונג וום מען וועט לאנג לעבן :

דאס ערשטע איז : אנכי יי אלהיך :

איך בין גאט אליין . און אויס מצרים האב איך אייך אויס גיצויגין דורך
גישרייא און גיוויין . דרום גיהערסטו דעם איינעם גאט צוא האלטין .
דען פון דיינט וועגין ישראל האב איך דעם ים גישפאלטין . אויך נאקסט

דיר ניט מאכן קײן בילד פון קײנערלײא געשטאלט. אויך ניט צוא דינגען זײא און ניט בוקן. דען גאט ב״ה װעט דײן פערטין גיבורט טאן רעכט:

דאס אנדערע איז: לא תשא את שם יי אלהיך לשוא:

דוא זאלסט בײא גאטס נאמען ניט שװערין פאלש צו דײן חבר דורך געלט באהאלטין. דרום זאלסטו גאט ב״ה האלטין און הערין. און בײא זײן נאמען ניט פאלש שװערין:

דאס דריטע איז: זכור את יום השבת לקדשו:

דעם טאג שבת זאלסטו גידײנקען און הײליג האלטין. דען אין זעקס טעג האט גאט הימיל און ערד און דעם ים באשאפין און אין דעם טעג שבת האט גאט גירוהט דרום זאלסטו דעם טאג רעכט האלטין:

דאס פערטע איז: כבד את אביך ואת אמך:

דײנע פאטער און מוטער זאלסטו ערליך האלטין. װאס זײ װעלן דיר הײסין זאלסטו דיך צוא זײערע רײד קערין. פון דעם הימיל האט מען דיר גיטאן דאס פאר װערין:

דאס פינפטע איז: לא תרצח:

דוא זאלסט דײן חבר ניט מארדין און ניט שלאגין. אויך זאלסטו קײן שנאה ניט טראגין. דען דו װעסט פון דעם הימיל װערין גישטראפט און גישלאגין. דרום האט ער דיר פון הימיל דאס גיטאן פאר זאגין:

דאס זעקסטע איז: לא תנאף:

דעסט גלײכין קײן שחוק ניט צוא טרײבין. דען איבער דעם מוזין מיר אין צרות בלײבין. דען דאס אלץ טוט נאר דער שטן פאר פירין:

דאס זיבעטע איז: לא תגנוב:

דוא זאלסט ניט גאנװענען און פאר דײן חבר פאר הוילין. אויך ניט פאלש צו מעסטין אדער צו װעגין. דען גאט װעט דיך ח״ו שטראפין און בעסטין:

דאס אכטע איז: לא תענה ברעך עד שקר:

קײן פאלשע עדות אין דײן גיזעלין ניט צו באצײגין. דען בעסער זאלסטוא גאר שװײגין. אויך ניט שופך דם צו זײן מיט דײנעם רײדין. אויך ניט בײזע דברים צו באשײדין:

דאס נײנטע איז: לא תחמוד בית רעך:

דײן חברס הויז זאלסטו ניט גילוסטין:

דאס צעהענטע איז: לא תחמוד אשת רעך:

דײן חברס װײב ניט צו גילוסטין. אויך אײן קנעכט און אײן דינסט אלצדינג פון דײן געזעלן. דאס זאלסטו אלץ ניט װעלין. און דרום האבין אלע גיבאט צעהן בײדן. דאס טעט ואלזיך פון בײזן אפ שײדן. אויך האט גאט גיטאן דיא

וועלט דורך מיר אן ריכטן. דען ווער מיך טוט היטן באקומט גרויס אכטן. דען
אין מיר טוען משפטים אלע הערן און גראפן. ווען צווייא לייט ווילן משפט האבן.
דא זאגט הקב"ה צו מיר. הייליגע טאכטער ווילסטו זיין איין הערין. דא מוזטו
גיין פון מיר אויף דר ערדן. וועלן דיך האלטן אלע גראפן און הערן. דא קומן
די מלאכים צו שוועבן. אונזר הער גאט וועמען ווילסטו די תורה געבן. צו איין
מענטש פון פלייש און בלוט. ער וועט נאך גיין נאך זיין גלוסט. דרום ליבער
הער גאט גיב דיא תורה אונז ענגעל שארין. מיר וועלין זיא האלטין און
עהרן. דא ענטפערט הקב"ה איר הייליגע מלאכים מיין תורה קענט איר ניט
מקבל זיין דען אין דר הייליגר תורה שטייט פאטר און מוטר זאל מען ערליך
האלטן און עהרן. און דאס קען איך ניט אן גיהערן קיין בשר ודם האט אייך
ניט גיטראגין. דאס איר זאלט קענען כבד אביך ואמך זאגין. דרום מוז דיא
הייליגע תורה צו לייט ווערן געגעבן. די וואס וועלן דרינן מיהען די וועלן האבן
דאס לעבן. דא האט גאט גיזאגט צו דעם שר ישראל. דער זעלביגר איז מיכאל.
פר וואר די ישראל עם קדוש זיי וועלן מיינע רייד קענען פר טראגן נאר נעשה
ונשמע ווארן פר וואר די הייליגע תורה ליבע טאכטער דו מוזט אויף דר ערד נגעבן
ווערן דורך איין איש ישר. תורה די טאכטר דו מיין. דא וועט קומן צו גיין אברהם
דער פרומר מאן איין גוטן פריינד זאלסטו אים אן נעמן פר וואר ער איז איין
פרומר מאן. אין קאלך אויבן האב איך אים גיהייסן גיין נאר מיין גלויבן צו
אכפערין מאן. דא ענטפערט די תורה יא ער איז א פרומער מאן. דאך וויל איך
בעסר ויצן וויא איין איינציגע טאכטער ביי איר פאטר. דא זאגט הקב"ה צו דר
הייליגר תורה דו טאכטר תורה דו מיין. דא וועט קומן יצחק דער פרומר מאן
צו גיין פר איין גוטן פריינד זאלסטו אים אן נעמן פר וואר ער איז איין פרומר
מאן. מקריב זיין האט ער זיך פאר וואר לאזן טאן. דא ענטפערט די תורה יוא
ער איז איין פרומער מאן. דאך וויל איך זיצן ווי איין איינציגע טאכטער ביי
איר פאטער. דא זאגט הקב"ה צו דער הייליגער תורה דו טאכטער דו מיין.
דא וועט קומן יעקב דר פרומר מאן צו גיין דיך נעמן. פאר איין גוטין פריינד
זאלסטו אים אן נעמן. קיין חוץ לארץ האב איך אים גהייסן גיין האט ער מיין
גבאט גיטאן. דא ענטפערט די תורה צו הקב"ה יא ער איז איין פרומר. דאך וויל
איך בעסר זיצן ווי איין איינציגע טאכטער ביי איר פאטר. זאגט הקב"ה צו דר
הייליגר תורה מיין טאכטר דו מיין. דא וועט קומן משה דר פרומר מאן פאר
איין גוטין פריינד זאלסטו אים אן נעמן. אלע נסים האב איך אין מצרים דורך
אים גלאזן טאן. צו כל ישראל וועט ער לאזן לערנן דייטע מצות און חוקים און
משפטים צו טאן. צום אייביגן לעבן וועט ער דיך ברייגנן. פר וואר תורת משה
נאך זיין נאמען וועסטו ווערן גרופין. דא ענטפערט די תורה מיט משה דעם

פרומען מאן בין איך אויך מסכים פון הימל אויף דר ערד צו גיין. דא רופט נאם צו משה. משה דו פרומר מאן איין זיסן דר מייאונג דאס איז די תורה וועל איך צו די ישראל געבן. דורך דעם וועלן זיי האבן דאס אייביגע לעבין. גיי פרעג זיי וואס זיי וועלן דרויף זאגין. דא קומט משה צו די ישראל און טוט זיי פרעגין. אויב זיי וועלין קענען די ליבליכע תורה פאר טראגן. דא קומט משה פון די ישראל צו הקב"ה ווידער. דא אנטפאנגט משה די תורה פון דעם הימל און ברייננט זיא צו די ישראל מיט גרויס שמחה. אזו וויא מיר זאגין היינט משה שמח בשמחת תורה. דורך דעם שמחת תורה זאלין מיר זוכה זיין צו קומען דאס יאר מיט גרויס שמחה אין אונזר לאנד אריין במהרה בימינו אמן סלה:

תחנה לפסח

דיא תחנה זאגט מען דיא ערשטע און דיא אנדערע טעג פסח נאך ליכט בענטשין:

אתה הוא יי האלהים בורא שמים וארץ:

דוא ביסט גאט דער גאט וואס דוא האסט באשאפן דיא הויכע הימלען און ערד מיט אלע באשעפענם וואס עס געפינען זיך אויף דער וועלט:

האזינה ממעון קדשך את שפיכת תפלתי:

פאר נעם פון דיין הייליג וואוינונג מיין גיבעט וואס איך וויל איצונד פאר דיר בעטין און זאלסט נייגין דיין אויער צוא הערין דיא ווערטער וואס וועלין ארויס גיין פון מיין מויל:

כי אתה עושה נפלאות עמנו בכל עת:

דען דוא גאט טוסט דאך מיט אונז וואונדער און נסים יעדער צייט דרום טו מיט מיר אויך וואונדר צוא פאר נעמען מיינע רייד האטשע איך וייס אז איך בין ניט ווערט צוא דער צוא:

הוצאתנו ממצרים להיות לך עם סגלה:

דוא האסט אונז אויס גיצוגין פון מצרים און האסט גיבראכט אויף דיא מצרים גרויסע מכות און שלעק. און אונז האסטו אויס דער וויילט צו זיין צו דיר איין גיליבטע פאלק:

לכן אבקש מלפניך שתערב לפניך עתירתנו:

דרום בעט איך דיר דער בארעמדיגער גאט אז עס זאל זיין פאר דיר זים אונזערע תפלות ובקשות וואס מיר טוען בעטין פון דיין ליבין הייליגן גיאכפערטין נאמען:

ועלי אמתך הדופקת בשערי הרחמים יהמו רחמיך:

און אויף מיר דיין דינסט (פלונית בת פלונית) וואס איך קום איצונד צוא קלאפין אין די טויערן פון רחמים זאלין ברויסען דיינע דר בארימקייט

צו דער בארימן זיך אויף מיר און אויף מיין מאן און אויף מיינע קינדער:
שֶׁתְּבַעֵר מֵעָלֵינוּ כָּל מִינֵי קָשׁוֹת וְרָעוֹת:
אז דוא זאלסט אויס ראמען פון אונז און פון גאר דיין ליב פאלק ישראל
אל דאס בייז אזו וויא מיר האבין אויס גיראמט דעם חמץ פון אונזערע
הייזער אזו וויא דוא האסט צוא אונז גיבאטין:
וְלֹא יָבֹא עָלֵינוּ כָּל מַחֲלָה וְכָל נֶגַע:
און אזו וויא דו האסט גיהיט צו דיינע קינדער ישראל פון דיא שלעק וואס
דוא האסט גיבראכט אויף די מצרים אזו זאלסטו אונז היטין עס זאל נים
קומען אויף אונז קיין שום קראנקהייט און קיין שום פלאג:
וּבִזְכוּת אֲכִילָתֵנוּ הַמַּצּוֹת תִּשְׁמְרֵנוּ מִלֶּחֶם עוֹנִי:
און אין דעם זכות וואס מיר האלטין דיין היילינ גיבאט צו עסין מצות אגאנץ
יום טוב וואס דיא מצות ווערין אן גירופין ארעם ברויט זאלסטו אונז
אפ היטין גאר אונזער לעבין פון ארימקייט אין אונזער ברויט:
וּתְבָרְכֵנוּ לְפַרְנָסָה וּלְכַלְכָּלָה לְשׂוֹבַע וְלֹא לְרָזוֹן:
און זאלסט אונז בענטשין ליבער גאט מיר זאלין האבין אונזער פרנסה
און אונזער שפייז צוא זעט נים קיין הונגער:
הַשְׁקִיפָה מִשָּׁמַיִם וּרְאֵה עֲבוֹדַת עַמְּךָ:
רבונו של עולם לוג פון דעם הימיל אראפ און זעה דיא פיל ארבייט און
מיא וואס דיינע ליבע קינדער ישראל האבין לכבוד דעם פסח און
וויא פיל געלט זיי ברייננען אויס פון וועגין דעם היילינין יום טוב:
מוֹרְחִים בְּכָל יְכָלְתָּם לְקַיֵּם מִצְוֹתֶיךָ:
זיי מיהען זיך מיט גאר זייער פאר מעג צו האלטין דיינע גיבאט וואס דוא
האסט זייא גיבאטין צו פאר שטערין דעם חמץ פון זייערע הייזער און
צוא עסין מצות אלע זיבין טעג:
וְאַתָּה יְיָ חוּסָה עַל עֲמָלֵנוּ:
און דו דער בארעמדיגער גאט בעטין מיר דיך דוא זאלסט רחמנות האבין
אויף אונזער מידיקייט און זאלסט אונז שיקין שפע ברכה והצלחה מיר
זאלין מרויח זיין אויף דעם ארט וואס דער פסח האט אונז געקאסט:
בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תַּשְׁגִּיחַ עָלֵינוּ לְבָרְכֵנוּ:
מיט דיין פיל דער בארימקייט זאלסטוא אויף אונז השגחה געבין צוא
בענטשין אונז מיט גוטע פרנסה פון דיין פולע האנט מיר זאלען
נים דארפען אן קומען צוא קיין בשר ודם:
וּתְזַכֵּנוּ לְסַפֵּר נִפְלְאוֹתֶיךָ שֶׁתַּעֲשֶׂה עִמָּנוּ:
און אז מיר מיט ... יום טוב דר ציילין דיינע וואונדער ...

האסט גיטאן צו דיא ישראל אזו זאלען מיר זוכה זיין צו דער צייליןדי נסים ונפלאות וואס דוא ביסט אן גיבְרייט צוא טאן מיט אונז :

ותשמרנו מכל מיני משחיתים ומזיקים :

און זאלסט אונז היטין ליבער דער בארעמדיגער גאט פון אלע בייזע מלאכים וואס זייא פאר דארבין און טוען שאדין אזו וויא דו האסט גיהיט צוא דיין פאלק ישראל אין מצרים :

ואל תשלוט אסכרה בילדי עמך :

און אזו וויא עס האט ניט גיוועלטיגט קיין משחית אין דיא בכורים פון דיין פאלק ישראל ווען דוא האסט גיטייט צוא דיא בכורים פון דיא מצרים אזו זאל ניט גיוועלטיגין אין אונזערע קינדער דאס שלעכטיקייט וואס הייסט אסכרה און אויך קיין שום שלעכטיקייט :

זכור זכות דגליך הבאים בים סוף :

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון דיינע חילות ישראל וואס זיינען זעלבסט גיגאנגען אין דער טיפעניש פון דעם ים און האבין בטחון גיהאט אויף דיר אז דוא ועסט זייא מציל זיין זיי זאלין ניט דר טרונקן ווערן :

ושמרנו שלא נטבע במעמקי מים :

און היט אונז און אונזערע קינדער מיר זאלין חלילה ניט דער טרונקען ווערין אין דיא טיפעניש פון וואסער :

וכל ימי הקיץ הבא אל יחרבו הנהרות :

און העלף אונז ליבער גאט אז עס זאל גיין רעגין אין דער צייט עס זאל פון די היצין פון היינטיגין זומער וואס קומט אן ניט גימינערט ווערין דיא וואסערין פון די טייכין וואס דאס ברייננגט מיט עס זאל זיין איין יקרות :

אנא קבל ברצון את ברכתי על הנרות :

איך בעט דיך ליבער דער בארעמדיגער גאט זאלסט אן נעמען מיטין גוטין ווילין דיא ברכה וואס איך האב גיבענטשט אויף דיא ליכט וואס איך האב אן גיצונדין לכבוד דעם היילגין יום טוב :

ותאיר את מזלי שיראו שונאי ויבושו :

און אזוי וויא איך האב גיטאן דער לייכטין גאר מיין הויז מיט דיא ליכט אזוי זאלסטו דער בארימדיגער פאטער דער לייכטין מיין מזל צוא אלעם גוטין אז מיינע שונאים זאלין זעהען און זאלין זיך שעמען אזויא וויא דיא מצרים האבין זיך גישעמט אנטקעגין דיא ישראל :

ואת עיני בעלי וזרעי תאיר בתורתך הקדושה :

און דוא זאלסט דער לייכטין דיא אויגין פון מיין מאן און מיינע קינדער אין דיין היילגער תורה אין דעם זכות וואס איך האב גיטאן דער לייכטין

מיין שטוב מיט דיא ליכט לכבוד יום טוב :

ותאיר את חשכת ירושלים ובית מקדשך :

און זאלסט דער לייכטין דאס פינצטערנעש פון ירושלים און דעם בית המקדש וואס זייא זיינען פינצטער שוין פון אזו אלאנגע צייט :

ונקריב קרבן הפסח במזבח על האש :

און מיר זאלין זוכה זיין צו מקריב זיין דעם קרבן פסח אויף דעם פייער פון דעם מזבח במהרה בימינו אמן ואמן כן יהי רצון :

תחנה לשבועות

דיא תחנה זאגט מען ביידע טעג שבועות נאך ליכט בענטשין מיט גרויס כונה:

אתה נגלית בענן כבודך על הר סיני :

רבונו של עולם דו ביסט אנפלעקט געווארן מיט דעם וואלקן פון דיין כבוד אויף דעם בארג סיני צוא דיין ליב פאלק ישראל צו געבין זייא דיא הייליגע תורה היינטיגען טאג :

בקולות וברקים וקול שופר חזק מאד:

מיט דונערין און בליצין ביסטו צו זיי אנטפלעקט געווארן און איין שטארק קול פון שופר האסטו געמאכט שיינען אויף זיי אין דער צייט וואס דוא האסט געטאן נידערין אויף דעם הר סיני :

הראית את גבורתך והודך לעם סגלתך :

דוא האסט באוויזען דיין גרויסע שטארקייט און דיין שיינקייט צוא דיין ליב פאלק ישראל :

אנא יי זכני שאשמרה את תורתך :

איך בעט דיך דער בארימהערציגער גאט זייא מיך מזכה איך זאל היטען דיין הייליגע תורה און די תרי"ג מצות וואס דו האסט אונז געבאטין:

הצילני מיצר הרע ואל ישלוט בי כל און :

באשירעם מיך ליבער גאט פון דעם יצר הרע איך זאל ניט נאך גיין נאך זיין ראט און עס זאל אין מיר ניט געוועלטיגען קיין שום אומרעכט אין גאר מיין לעבין :

ותצוה למלאכיך הקדושים שישמרוני הוד והדר :

און זאלסט געבאטין צו דיינע מלאכים אז זיי זאלן מיך אן קריינען מיט אקריין פון שיינקייט אזו ווי זיי האבן געקריינט די ישראל בשעת מתן תורה :

אל רחום עוררה רחמיך על עם שומרי תורתך :

דער בארימהערציגער גאט דר וועק דיין פיל דר בארימקייט אויף דיין ליב פאלק ישראל און גידיינק ניי דם זכות ווס זיי האבן מקבל גיוון דיין הייליגע תורה:

ישמעאל ועשו מאנו לקבלה והם קבלוה:

אז דו ביסט גיגאנגען צו די קינדר פון ישמעאל און עשו צו געבין די תורה האבין
זיי זיא ניט גיוואלט נעמען נייערט דיין ליב פאלק ישראל האבין זי גינומען:

מסרו את נפשם וחיתם על קדושת תורתך:

גידייגק אונז ליבר גאט וואס פיל פון דיין פאלק ישראל האבין איבר גענטפרט
זייער לייב און זייער לעבין ווען דיא הייליקייט פון דיין תורה און
דיינע מצות זייא זאלין זייא חלילה ניט פאר שוועכין

נשפך דמם במים בראש כל חוצות:

עס איז פאר גאסין גיווארין זייער בלוט אין יענע צייטין וויא וואסער אין
אלע גאסין דורך די אומות וואס האבן גיוואלט צו מאכין איבר פארין זיי
אויף דיא גיזעץ פון דער הייליגער תורה:

לכן קבל שפיכת תפלתי וזעקתי רצה:

דרום בעט איך דר בארימהערציגר גאט דו זאלסט אן נעמען מיין תפלה וואס איך טו
פאר דיר פאר גיסין און מיין גישריי פון מיין מויל זאלסטו באוויליגן:

ותעלה לפניך לרצון ברכתי על נרותי:

און עס זאל פר דיר אויף גיין צום גוטן ווילן מיין ברכה וואס איך האב גימאכט
אויף דיא ליכט וואס איך האב גיבענטשט לכבוד דעם הייליגן יום טוב:

ותאיר את עיני בעלי וזרעי בתורתך הקדושה:

און דו זאלסט דר לייכטן די אויגן פון מיין מאן און מיינע קינדר אין דיין הייליגע
תורה אזו ווי איך האב גיטאן דער לייכטין מיט דיא ליכט גאר מיין הויז:

ותצילנו ממיתה על ידי קולות וברקים:

און בזכות וואס מיר האבין מקבל גיוועזן דיין הייליגע תורה וואס זיא איז
גיגעבן גיווארין מיט דונערין און בליצין זאלסטו אונז באשירמן, עס זאל
חלילה אונז ניט שאדין קיין דונער און בליץ:

ותזכנו לשמוע קול שופר של משיח:

און אין דעם זכות וואס מיר האבין מקבל גיוועזן דיא תורה וואס זיא איז
גיגעבין גיווארין מיט איין קול פון שופר זאלסטו אונז מזכה זיין מיר
זאלין הערין גיך און באלד דאס קול פון דעם שופר של משיח:

ותצילנו ממדת הגאוה ומשנאת הבריות:

און זאלסט אונז באשירמן דער בארמיגר גאט פון צו האלטין די מדה פון
גאוה און מיר זאלין זיך אפ לערנען פון דיר וואס דוא האסט אויס
דערוויילט אין דעם בארג סיני מער ווי אין די אנדערע בערג ווייל ער איז
נידעריג. אויך זאלין מיר ניט האבין די מדה פון צו פיינט האבין לייטין
נייערט מיר זאלין זיין אייניגער מיט דעם אנדערין מיט ליבשאפט אזו וויא

ידן זיינען גיוועזן בשעת מתן תורה:

עשה למען תינוקות של בית רבן:

טוא מיט אונז גוטס ליבער גאט אין דעם זכות פון אונזערע קליינע קינדר וואס לערנען ביא זייער רבי אין חדר דיין הייליגע תורה:

ותברכנו לפרנסה וכלכלה מידך המלאה:

און זאלסט אונז בענטשין צו פרנסה און שפייז פון דיין פיל גיבענטשטע האנד מיר זאלין חלילה ניט דארפין אן קומען צו קיין פרעמדין טיש צוא דער גאב פון אין בשר ודם:

ותברך את פירות האילנות לטובה ולברכה:

און זאלסט בענטשין ליבר גאט די פירות פון די בוימער וועם דו טוסט היינטגן טאג משפטן צו גוטין און צו בענטשונג אז די בוימער זאלן אום ציהן פיל פרוכט:

ונזכה לשמוע דבריך שתדבר עמנו שנית:

און מיר זאלין זוכה זיין צו הערין דיינע רייד וואס דו וועסט מיט אונז ריידן באשיינפערליך אזוי וויא דו האסט גיבעט מיט אונזערע עלטערין פה אל פה בשעת מתן תורה:

ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים:

און אונזערע אויגן זאלן זוכה זיין צו זעהן אין דיין טאן אום קערין זיך קיין ציון מיט גרוים דער בארימקייט:

תורה תורה עמדי נא לפני אל שוכן מרומים:

תורה תורה שטעל זיך אנידער פאר גאט וואס ער רוהט אין דיא הויכע הימלען און זייא איין גוטע מליצה פאר אונז צו אוים ליזין:

והעלי את תחנותינו לפני כסא כבודו:

און בריינג אויף אונזערע תפלות ובקשות פר זיין כסא הכבוד ער זאל זיי מקבל זיין ברצון און זאל מסלא זיין אונזערע בקשות וואס מיר טוען אים בעטן:

שיאיר את מזלנו לישועה ולרוחה:

אז ער זאל דער לייכטין אונזר מזל צו איין גוטע הילף און צו ברייטקייט אונזר פרנסה זאל אונז גרינג אן קומן און אייך און מיין מאן זאלן מיר זוכה זיין צו מגדל זיין אונזערע קינדר צו דער הייליגר תורה בזכות אבותינו הקדושים אברהם יצחק ויעקב אמן ואמן כן יהי רצון:

אנעים זמירות

אנעים איך וועל זינגן איין צימליך גיזאנג און וועל די גיזאנגען צו אנאנדער וועבין דען צו דיר הקב״ה טוט מיין לייב שרייען מיט דער תפלה:

נפשי מיין לייב טוט גילוסטן צו זיצן אין דער שיין פון דיין הייליגער

שכינה צו וויסן דיינע היימליכע סודות :

מדי דברי ווען איך טוא רידן פון דיין כבוד ברומט מיין הארץ צוא דיין פריינדשאפט :

על כן דרום אזו וועל איך רידן פון דיא גיערטע רייד און דיין נאמען וועל איך עהרין מיט איין פריילך גיזאנג :

אספרה איך וועל דער ציילין דיין כבוד אבר איך האב דיך ניט גיזעהען. איך טו גלייבן דיך און טו דיך רופין אבער איך וויים דיך ניט :

ביד נביאך בסוד עבדיך דורך דיינע נביאים און סוד פון דיינע קנעכט האסטו גיגליכן דיין שיינהייט פון דיין גיעהרטע לויב :

גדולתך דיין גרוסקייט און דיין שטארקייט האבין זייא אן גירופין און גיגליכן צו שטארקייט פון דיינע באשעפעניש :

דמו זייא האבן גיגליכן דיך אבר ניט אזו ווי דו ביסט . זייא האבין דיך גיגליכן נאר נאך דיינע מעשים נאך :

המשילוך זייא האבין דיך גיגליכן אין פיל ערלייא נביאות אבער דו ביסט איינציג אין אלע גלייכעניש :

ניחזו זייא האבין אויף דיר גיזעהן ביי דעם בארג סיני און ביי דעם ים סוף :

זקנה אלטקייט האבין זייא גיזעהען אין דעם טאג פון משפט . יונגקייט האבין זיי גיזעהן אין דעם טאג פון מלחמה . גלייך ווי א שטארקר בעל מלחמה וואס ער האט ביי זיך גרוים קראפט :

חבש ער האט אן גיטורט איין היטיל פון הילף אויף זיין קאפ . עס זאל אים העלפין זיין רעכטע האנט און זיין היילגע ארום :

טללי מיט דער ליכטיגע טויא פון קריטער איז פול זיין קאפ . זיינע גרייזלען זיינען פול מיט דיא טראפין נאסי פון דער נאכט :

יתפאר ער טוט זיך בארימען מיט מיר אז ער באגערט אין מיר און ער ועט זיין צו מיר ישראל צו איין גילוסטיגע און איין ליבליכע קרון :

כתר איין ריינע קרוין פון גין גאלד איז דאס גליכין פון זיין קאפ . עס איז גיקריצט אויף זיין שטערין דער כבוד פון זיין היילגין נאמען :

לחן צו חן און צו כבוד און צוא איין ליבליכע שיינהייט מוט זיין פאלק ישראל אן קריינען צו הקב״ה מיט זייער תפלה :

מחלפות דיא האר פון זיין קאפ זיינען צווי ווייא אין דיא יונגע טעג . זיי זיינען גיקרייזלט און שווארץ :

נוה הצדק דאס שיינע וואונונג פון דער גירעכטער שטאט ירושלים זיין ליבליכע שיינהייט זאל זיין דער ווידין פון גאט ב״ה אז ער זאל זיי אויף הויבען און גירייכען צמט ביי זיין פרייד :

סגולתו זיין גיליבט פאלק ישראל זאלין זיין אין זיין האנט וויא איין קרוין וויא איין הויב פון איין שיינע חשובה מלכה :

עמוסים דיא ישראל וואס הקב״ה האט זיי גיטראגין פון מצרים. ער האט זיי דער הויבין און האט זיי גיקריינט פון דענסט מאל אן וואס זייא זיינען חשוב גיוועזן אין זיינע אויגין האט ער זיי גיעהרט:

פארו זיין שיינהייט פון הקב״ה איז אויף מיר און ער זאל זיין נאהענט צוא מיר ווען איך וועל אים אן רופין :

רוצה הקב״ה זיין ווילין זאל זיין אין פאלק ישראל דיא נאראנטיגע זאל ער באשיינען ער ווארט צוא מקבל זיין דיא ליב פון ישראל צו באריימען זיך מיט זייא :

ראש אין אן הייב פון דיינע רייד פון דער תורה איז דיא סופי תבות אמת דאס מיינט מען בראשית ברא אלהים. ער האט אן גירופין אלע תבות פון פריער אן. מיר בעטין דיך אז אימליכם דור פון ישראל וואס זייא פארשטין דיך זאלסטו זייא אויך פארשטין :

שית דוא זאלסט מאן דאס ברומינג פון מיין גיזאנג בייא דיר און איין ליב זאל גינעהנען צוא דיר :

תהלתי מיין ליב זאל זיין איין קרוין צוא דיין קאפ און מיין תפלה זאל זיין אן גיברייט פאר דיר וויא קטורת הסמים וואס די כהנים האבין מקטיר גיוועזן אין הייליגין בית המקדש :

תיקר עס זאל טייער זיין דאס גזאנג פון די ארימע ישראל אין דיינע אויגן ווי דאס גזאנג וואס די לוים האבן גיזונגן ביי די קרבנות אין בית המקדש :

ברכתי מיין ליב זאל ארויף גיין אויף דעם קאפ פון גאט וואס ער העלפט דער גיווינרין אזוי איז אויף דעם בראך שמול. ער מאכט זיא וויאן האבן און ער מאכט זיא גיווינען דאס קינד. ער איז איין פיל גירעכטער גאט :

ובברכתי און פון וועגן מיין ליב זאלסטו צו מיר שאקלען מיט דיין קאפ צו ווייזן מיר אז מיין ליב איז צוא דיר לרצון און מיין ליב זאלסטו מקבל זיין וויא חשובה בשמים :

יערב עס זאל זיין זיס דיא רייד פון מיין תפלה פאר דיר גאט דען מיין נפש טוט שרייען צוא דיר ליבער גאט :

לך צוא דיר גאט ב״ה גיהערט דאס אכפערקייט און דאס שטארקייט און דאס שיינקייט און דאס אייביקייט און דיא ליב ווען אלע זאכין וואס איז פאר האנדין אין הימיל און אויף דער ערד גיהער אלין צו דיר :

לך צוא דיר גאט ב״ה איז דאס דער הייבונג פון אלע קעפ. וואו איז דען פאר האנדין אזויא אמענטש וואס זאל קענע אויס דער ציילין

אלע שטארקייט פון גאט ב"ה אדער ער זאל קענען מאכן הערין גאר די לייב פאהן גאט ב"ה:

אל מלא רחמים של כ' סיון

אל מלא רחמים דו גאט ביסט פול מיט דר בארימקייט און דיין רואונג איז אין הויכן הימל און דו פר נעמסט דאס גישרייא פון די פאר ביטערטע הערצר גרייט אן איין רעכט רואונג אויף די פליגל דיינע הייליגע שכינה אין דער הויך: וואו אלע דיינע קדושים וטהורים רוען וואס זיי לייכטין וויא דאס לויטערקייט פון דעם הימל און זאלסט דער הייבן די נשמות פון די צדיקים וואס האבן גדרשת דיין הייליגע תורה סיי די גרינגע און סיי די הארבע. וויי איז אונז אין אונזערע הערצר אונזערע קרוין זיינען אונז אראפ גיפאלין פון די קעפ וועלכע אויערן וואס טוען דאס הערן גיהערן זיי צו טרויערן זייער וואס גאט האט אונז אזו וואונדערליך גישלאגן זיבין מאל מער ווי אונזערע זינד. און אונזערע צדיקים וואס האבן טאג און נאכט גלערנט תורה אונזערע אלע חכמים און רבנים און לומדים וואס זיינען גיזעסן אין בית המדרש זיי זיינען גיוועזן די זיילין פון דער וועלט און זייער תורה פלעגין זייא פיל תלמידים צו טיילין:

תחנה לתשעה באב

די תחנה זאגט מען אום תשעה באב אויף דר נאכט און אויך אין דער פרי מיט גרויס גיוויין

אל מלא רחמים גאט וואס דו ביסט פול מיט דר בארימקייט און ביסט דער ריכטער פון גאר דער וועלט און אלע דיינע גיריכט זיינען מיט ווארהייט היינטיגן טאג האבן אונזערע עלטערין אין דער מדבר וואס דו האסט זיי אויס גיצויגן פון מצרים ווידער גישפעניגט אקעגין דיר און האבן ניט גיוואלט אן נעמען דאס גוטס וואס דו האסט גיטאן און האסט צו גיזאגט צוא זייערע עלטערין אברהם יצחק ויעקב און האבן גישענט דאס הייליגע לאנד וואס דיין שכינה האט גירוהט אין איר און האבן אלע צייט גירעט אויף דיינע ווארהאפטיגע קנעכט משה מיט אהרן און היינטיגע נאכט האבין זייא אלע גיוויינט מיט זייערע אויגן און האבין פאר גאסין פיל טרערין און האבין ניט גיוואלט דער ווארטין די צייט וואס דו האסט זייא גילאזט וויסין דורך דיינע ווארהאפטיגע קנעכט משה מיט אהרן און יהושע און כלב. און פאר דעם גיוויין וואס זיי האבין אום זיסט גיוויינט האסטו באצאלט צו זייערע קינדר דאס אין דעם טאג זיינען פאר וויסט און פר שטערט גיווארין דער ערשטער און דער אנדערער בית המקדש וואס דורך דעם איז אוועק גינומען גיווארן פון אונז אונזער שיינקייט און די קרוין פון

אונזערע קעפ און מיר קענען שוין ניט ברייננען קיין קרבנות און דערמפונג אויף דיין היילינן מזבח און מיר קענען ניט אויף גיין דריי מאל אין יאר צו זעהן די שיין פון דיין היילינע שכינה און צו אן זעטין אונזר לייב מיט דיא גרויסע פרייד דאס דיין שכינה האט גירוהט צווישין דיא כרובים. ווייא איז צו אונז און ווייא איז צו אונזערע לייבער דען היינטינן טאג איז פאר ברענט גיווארין אונזער היילינער בית המקדש דורך איין פייער פון דעם הימיל איבער די גרויסע עבירות פון די ישראל וואס זיי האבין ווידער גישפעניגט אקעגין דיר און זיינען גיגאנגען אין בייזן וועג צו דער צערנען דיך אלמעכטיגר גאט און דרום האסטו צו פירט זייער הערשאפט און קינינרייך און אלע זייער גלוסטקייט האסטו צו בראכן און האסט זיי גיגעבן אין דער האנט פון זייער באליידיגר און זייערע ווייבר און זייערע קינדר וואס זייגען זייער אידל גיצויגן גווארן זיינען גיפאנגען גיווארין און האבן גימוזט ארבעטין זייער שווערע ארבעט און טראגין גרויסע מיהל שטיינער אויף זייערע העלזר און העלזר אן גיבונדן אויף זייערע פים צו מאכין שטרויכלן זיי און האבן גיליטין גרוים הונגער און דארשט און אויף אזעלכע גרויסע ביטערע פאר שטערונג האבן אלע פעלקר גיקלאפט מיט זייערע הענט און האבן זיך פר וואונדרט און האבן גיזאגט דאס איז די שטאט ירושלים וואס זיא איז גיוועז די קרוין פון אלע שטעט און פון אלע לענדר וואס זיא האט גיוועלטיגט איבר אלע לענדער און אצונד איז זיא צו פירט און פר וויסט דורך איר עפיינד גאר אן דר בארימקייט און זייא פרייען זיך אויף איר בראך און לעסטרין זיא מיט צארענדיגע רייד: רבונו של עולם היינט שטייא איך פאר דיר מיט איין ביטער הארץ און מיט

גרויסע ביטערע גישריי מיט גוויין מיינע אויגין רינן גלייך אז די טייכן וואסר און מיין הארץ טוט אין מיר זיפצן און קלאגן ווען איך טו מיך באדיינקן דאס גרויסע שיינקייט פון דיינע קינדר ישראל וואס עס איז אוועק גינומען גווארן און דיין היילינר בית המקדש וואס ער איז פאר ברענט גווארן און עס זיינן פר טריבן גווארן די כהנים וואס האבין גידינט אין דיין הויז און די לוים וואס האבן גיזונגן און גישלאגן אויף אלערליי זיטן שפיל די היילינע גיזאנגען זיינען פר שטערט גווארין און דר מזבח און דר שולחן און דיא מנורה און דער האנד פאס און גאר דאס היילגע גיפעס וואס איז גקומן אין די אום ריינע הענד די בטריבר פון ירושלים. מיינע אויגן זיינן פר שוואלן פון גרוים גוויין און מיין הארץ איז שלאף איבער די פיל זיפצן וואס איך טוא אלע צייט און מיינע גידערים רווישין און גרימען מיך און די קראפט פון מיין לייב און די מארך פון די ביינער איז אין מיר ענטגאנגען און מיינע גלידר זיינען אין מיר צו בראכין פון וועגין גרויס יאמער אויף דעם בראך פון דיינע קינדר ישראל:

ואתה אל רחום וחנון און דו גאט ביסט איין דר בארמיגר און איין ליים זעליגר מו פון וועגן דיין גרויסן נאמן און גייא דיין אויער און עפין דיינע אויגין צו הערן און צו זעהן אונזרע פר ווישטונג און דאס פאר ווישטונג פון דיין היילגע שטאט ירושלים וואס דו האסט דיין נאמען אויף זיי גירופין און זעה וויא מיר דיינע ליבע קינדר זיינן גיוועזן צו שאנד און צו אנגסטן און ווי פיל בלוט עס איז פר גאסן גיווארן פון דיין ליב פאלק ישראל און קוק אין זייערע צדקות וואס זיי האבן גילאזט פר גיסין זייערע נפשות מען זאל זיי אום ברייגן פון דיינט וועגן און האבין ניט חס גיהאט אויף זייערע לייבער און האבען פאר מיאוסט אין דעם לעבין פון דער וועלט און האבין מבטל גיוועזן זייער רצון פאר דיין רצון און האבין גיהייליגט דיין גרויסין נאמען און האבין אים ניט פאר שוועכט און זיינען מרוצה גיווארין מען זאל זייא קוילין און האבין אוים גישטרעקט זייער האלז און זיינען בייא גישטאנען אויף זייער פרוב און זיינען גיפרובט גיווארין און זיינען גיפונען גיווארין גאנץ עס האבין זיך אן גירירט דיא בלוט וואס האט גירונען פון די פאטערס מיט דיא קינדער און דיא בלוט פון די מוטערס מיט זייערע קינדער און עס איז אוים גימישט גיווארין בלוט פון ברידער מיט שוועסטער און בלוט פון חתנים מיט כלות און בלוט פון חכמים מיט זייערע ווייבער און בלוט פון נוטע יודין מיט זייערע ווייבער און בלוט פון חזנים און בלוט פון בינים מיט זייערע סופרים און מלמדים מיט תלמידים זיינען אלע אין איינעם געהרגעט גיווארען :

אלה מזבחות זכור דיא דאזיגע מזבחות פון דיא הרוגים גידיינק דער בארמיגר גאט און העלף אונז און זאמעל אונז איין פון אלע פיר עקען פון דער וועלט און בויא אונז ווידער מיט פייער דיין שטאט ירושלים און פרייטס אונז פון אונזער פורייערקייט און שיק אונז דיין משיח ער זאל אונז אויף ברייגען קיין ארץ ישראל מיר זאלען היינט אין דעם טאג פריילך זיין און מיט גוטער מוט און צו לויבין דיין נאמען און צו דער ציילין דיינע וואונדער אזוי וויא דו האסט דער לייזט דיין פאלק ישראל פון מצרים און עס זאל שוין מקוים ווערין וואס דער נביא האט גיזאגט אז דער חודש אב וועט פאר קערט ווערין צו פיל פרייד און ניט צו וויינען און קלאגין דאס זאל גישעהן באלד אין אונזערע טעג אמן ואמן :